STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11635

YUDISHE KHRESTOMATYE

Abraham Reisen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם רייזען.

יודישע חרעסטאָמאַטיע

אַ לעזע־בוך פאַר שול און הויז

צוזאַמעלט פון די בעסטע ליטעראַרישע און וויסענשאַפטליכע קוועלען, נאָך די נייעסטע מעטאָדעס.

פערלאג „פּראָגרעס".

וואַרשא — תרס״ח.

Еврейская Хрестоматія

Составилъ

А. РЕЙЗЕНЪ.

ВАРШАВА. 1908.

Типо-Лит. Ф. Бауммриттера, Красинская
ВАРШАВА.

אינהאַלט:

ערשטע אַבטיילונג.

		זייט
וויסענשאַפט איז בעסער פאַר אַלע סחורות, (פון תלמוד)		9
הלל הזקן	מ. ווינטשעווסקי	10
דער בעזעם (אַ משל)	י. גאָרדאָן	11
די פייגען (פון תלמוד)		12
די כאַמאיעדען		13
די עסקימאָסען		15
די קאַלטע לענדער		17
דער יונגער פערברעכער	א. וואַלט	18
די אינדיאַנער אין די הייסע לענדער		20
תּעגען דעם אוראַלטען מענשען	קודריאַווסקי	21
דער ים		26
אַ שטורמווינד אויפ'ן ים, (געדיכט)	מ. ראָזענפעלד	29
ים ליעדער	א. וואַלט	30
דאָס זעקל (אַ משל)	ד"ר עטטינגער	31
די נע[illegible]		32
וועגען לופט	ד. פולס	33
צו איז אומעטום דא לופט?		36
די בערג		40
עלעקטרי		42
ווי אַזוי דער מענש צופּטר'ט דער נאַטור'ס מתנות	נ. רובאַקין	46
די אייביגע מלחמה מיט דער נאַטור		47
וואָס פאַר אַ נוצען די וועלדער ברייגגען		49
די נאַטור	באַראַנאָוו	51
דער מענש און זיין פלאַץ אין דער נאַטור	"	54
דאָס עסענפערדייען	ד"ר היסון און מאָרפין	57

צווייטע אַבטיילונג.

הערבסט אין וואַלד	ש. י. אבראַמאָוויטש	68
דער וואַלד אין הערבסט, (געדיכט)	א. רייזען	69

883462

ץ
892.58

הערבסט אין שטעדטיל		ש. אש	69
הערבסט	(געדיכט)	א. רייזען	69
ערב יום־כפור		דוד פינסקי	71
סכך אויף סכות		א. רייזען	73
שמחת־תורה	(געדיכט)	א. וואלט	77
א הייזעל ביים טייך		ש. אש	79
דער פערפרוירענער טייך		א. רייזען	80
ווינטער ליעדער	(געדיכט)	״ ״	81
ווינטער אין שטוב	(געדיכט)	״ ״	82
צום ווינד	(געדיכט)	״ ״	83
ווינטער		ש. אבראמאוויטש	83
די מוטער צום קינד		א. רייזען	85
דער טייך אין אנהויב פריהלינג		ש. אש	85
אויף פסח א היים		שלום־עליכם	87
א פריהלינגס טאג		ש. י. אבראמאוויטש	89
די פריהלינגס־זון	(געדיכט)	א. רייזען	91
א זומער־טאג		ש. י. אבראמאוויטש	91
צו א לויפיגען וואסער	(געדיכט)	מ. ראזענפעלד	93
גרינס	(געדיכט)	ח. נ. ביאליק	94
דאס געוויטער אין וואלד		ש. י. אבראמאוויטש	96
דאס געבעט	(געדיכט)	א. רייזען	97
דער זונאונטערגאנג		מענדעלי מוכר־ספרים	98
פארנאכט		ש. אש	98
די נאכט		א. וואלט	99
שבת ביי טאג		ש. אש	100

דריטע אבטיילונג.

געלד	(פון באב׳ס עקאנאמישע עטיודען)		101
מיין סחורה.	(געדיכט)	א. רייזען	111
דער קארגער	(א לעגענדע)	יהואש.	112
דער נביא	(געדיכט)	ח. נ. ביאליק	113
די שטוב		ש. י. אבראמאוויטש	115
די מעבעל.		״ ״	117
א געזינד זאלבע־אכט	(געדיכט)	א. רייזען	118
די קוזיניע		ש. י. אבראמאוויטש	119

זייט

דאָס קליינע שטיבעלע . . . א. רייזען . . . 120
די היים (נאַכאַהמונג) . יוסף יפה . . . 121
אַ היים . . . (געדיכט) . א. רייזען . . . 122
די קרעטשמע . . . ש. אַש . . . 123
אין וועג . . . (געדיכט) . י. ל. פרץ . . . 124
דער בעל-עגלה . . . " " " . . . 124
דער קאָמעדיאַנט . . . ש. אַש . . . 126
די שרפה . . . " " . . . 127
נאָך דער שרפה . . . " " . . . 127
די חתונה אין שטעדט'ל . . . " " . . . 129
די שטאָדט . . . מ. נאָרקי . . . 131
אַ פריהמאָרגען אין אַ פאַבריק-שטאָדט, (געדיכט) א. וואַלט . . 134
אין דער גרויסער שטאָדט (געדיכט) . א. רייזען . . . 135
די טורמע . . . (געדיכט) . י. ל. פרץ . . . 136
אין דער גרויסער שטאָדט . (געדיכט) . א. רייזען . . . 136
פערדיענען . . . (געדיכט) . מ. ראָזענפעלד . . . 137
היט זיך פאַר גנבים . . (נאָך שלום-עליכם) 138

פיערטע אַבטיילונג.

ווי אַזוי חיות רייזען אַלע יאָהר . . . נ. רובאַקין . . . 138
ווי אַזוי די פויגעל לאָזען זיך אין וועג אריין 141
דאָס ליעד פון פויגעלע . . . אנדערסען . . . 142
דער טיגער . . . נ. רובאַקין . . . 146
דער לייב . . . " " . . . 148
אַ גוטער בעטער . . . (פון תלמוד) 149
דער וואָלף . . . נ. רובאַקין . . . 150
ווי מען פלעגט שרייבען פאַרצייטען . . אבנר 151
ווי אַזוי האָבען זיך מענשען אויסגעלערענט שרייבען 154
גוטענבערג, דער ערפינדער פון בוכדרוקעריי 155
די גנבה . . . (געדיכט) . א. וואַלט 158
די קיה-מעלקערין (נאָך מולטאַטולי) י. ל. פרץ 160
דאָס אָרימע און רייכע קינד . . . מ. שמואלזאָהן . . 163
מען וועקט . . . ה. ד. נאָמבערג . . 166
דאָס שטאָלצע פערד . (אַ משל) . . . ש. 170

ערשטע אבטיילונג.

ד.

וויסענשאַפט איז בעסער פאַר אַלע סחורות.

אויף אַ שיף זענען געזעסען אַ סך מענשען, סוחרים, וועלכע האָבען געפיהרט פערשידענע סחורות. אויפ'ן וועג האָבען זיי געשמועסט וועגען מסחר, געוויזען איינער דעם אַנדערן זיין סחורה, געקויפט און געביטען זיך. און ווינקעל פון שיף איז געזעסען אַ געלעהרטער מענש און האָט געשוויגען. די סוחרים האָבען איהם בעמערקט, און האָבען איהם געפרעגט: „און וואו איז דיין סחורה?"— „אַז מיר וועלען קומען אין לאַנד, וועל איך אייך וויזען". האָט געענטפערט דער געלעהרטער. זיי האָבען געזוכט איבער'ן גאַנצען שיף זיין סחורה, און האָבען ניט געפונען. די סוחרים האָבען געמאַכט אַ געלעכטער פון זיין סחורה, וועלכע מען זעהט ניט און וואָס פערנעהמט קיין אָרט ניט. אויפ'ן וועג זענען אויף זיי אָנגעפאַלען רויבער און מען האָט ביי זיי צוגענומען די גאַנצע סחורה. ווען דאָס שיף איז געקומען אין לאַנד, זענען די אַלע סוחרים אָראָב הוילע, נאַקעטע. זיי האָבען אפילו אויף אַמאָל אָבעסען ניט געהאַט; אויף דעם געלעהרטען מענשען אָבער האָבען געוואַרט אַ סך פערעהרער. מען האָט איהם צוגענומען מיט גרויס כבוד. דאַן האָבען פערשטאַנען די סוחרים, אין וואָס בעשטעהט זיין סחורה. זיי זענען צו איהם אַריינגעגאַנגען און געזאָגט: „דיין סחורה, געלעהרטער מענש, איז אַ בעסערע פאַר אונזערע. זי ווערט ניט גערויבט און ווערט ניט פערלאָרען"! זיי האָבען איהם געבעטען, ער זאָל עפּעס טאָן פון זייערטוועגען. ער האָט אויפגעקליבען פאַר זיי נדבות און האָט זיי אויסגעריכט אַהיים.

(פון תלמוד)

2.

הלל הזקן.

הלל איז געבאָרען געוואָרען 75 יאָהר פאַר קריסטוס'ן: מיט 1970 יאָהר צוריק. מען זאָגט, אַז ער האָט געשטאַמט פון זיין מוטערס צד פון דוד המלך. עס איז זיכער, אַז דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען האָט ער צוגעבראַכט אין אָרימקייט, און ווען נישט זיין רייכער ברודער שבנא, וואָלט ער וואַהרשיינליך מעהר געהאַקט האָלץ און ווייניגער שטודירט. אָבער שטודירט האָט ער. אין בבל האָט ער שוין בעזוכט שוהלען אונ ווען ער איז אַלט געוואָרען 40 יאָהר, האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין ירושלים, כדי צו קענען הערען די פאָרלעזונגען אין דעם סנהדרין. אַזוי גרויס איז געוועזען זיין ליסט צו לערנען, אַז פון דעם גילדען אַ טאָג, וועלכען ער האָט מיט שווערע פראַצע פערהאָרעוועט, פלעגט ער איין העלפט פער-לעבען מיט זיין פאַמיליע, אונ די צווייטע העלפט אוועקגעבען דעם טויער-היטער פונ'ם סנהדרין, ער זאָל איהם אַריינלאָזען אין אַקאַדעמיע.

עס איז דאָ אַ לעגענדע, וועלכע קלינגט אַ ביסעל איבער-געטריבען, אָבער אין וועלכע עס ווילט זיך זעהר שטאַרק גלויבען: איין טאָג, ווען הלל האָט גאָר נישט פערדיענט און האָט אַלזאָ נישט געהאַט דעם האַלבען גילדען פאַר'ן שומר, האָט ער זיך אַרויפ-געקליבען אויף אַ קאַרניז פון אַ פענסטער, צו קענען דאָרט הערען די פאָרלעזונג. דאָס איז געוועזען אין אַ פראָסטיגען ווינטער-טאָג, דער שניי איז נאָכאַנאַנד געפאַלען אונ ער האָט עס נישט געפיהלט: ער איז געלעגען פערטיעפט אין דעם וואָס ער האָט געהערט. ביסליכווייז, ביסליכווייז איז ער אַזוי פערטיעפט געוואָרען אין שניי מעיר ווי אין געדאַנקען, אונ אויף מאָרגען האָט מען איהם גע-פונען מעהר טויט ווי לעבעדיג...

פון יענעם שבת אָן — דאָס זאָל געוועזען זיין אַ שבת — האָט

TOLEDO OHIO

מען איהם אָנגעהויבען צו שעצען, אונ זער האָט שוין געהאַט אַ „פרייען איינטריט" אין דער אַקאַדעמיע.

ווינטשעווסקי

3.

דער בעזעם. (א משל)

אַ בעזעם, וואָס די קעכין האָט געבראַכט אין קיך,
און האָט מיט איהם געווישט די בלאָטע פון איהרע שיך
אונ האָט געטראַכט אַרויסוואַרפען איהם אין דרויסען,
האָט פּלוצים דערלעבט אַ כבוד גאָר אַ גרויסען.

צו פוצען קליידער האָט מען מיט איהם אָנגעהויבען,
ווי קען עס זיין? אויף אַ שכור איז אַלץ צו גלויבען,
דער משרת פון שטוב האָט געמאַכט אַגרויסען כוס,
אונ האָט גענומען פוצען די קליידער פון זיין בעל הבית.

די קליידער זענען געווען פון טייערען געוואַנד,
אַ ביסעל נאָר פערשמירט אין שטויב פון דער וואַנד,
דער שכורניק האָט דעם בעזעם דערטאַפּט,
אונ האָט מיט איהם די קליידער געריבען און געקלאַפּט.

דער בעזעם האָט אָנגעהויבען אויף די קליידער טאַנצען
ער האָט ביי זיי געלאָזען זיין כח גאָר אין גאַנצען.
ער האָט זיי אַזוי געקלאַפּט, אַזוי שטאַרק געריבען,
אַז עס איז נאָר פון איהם אַ האַלבער געבליבען.

ער האָט געאַרבייט טריי — מען מוז דעם אמת זאָגען —

אויף זייגע טרייקייט האָט מען ניט זיך צו בעקלאָגען.
נאָר דאָס איז די צרה, ווי קען ער מאַכען די קליידער ריין,
ווען ער איז דורך אין בלאָטע פערשמירט אליין?

י. גארדאן

4.

די פייגען.

אַ קעניג איז געגאַנגען מיט זיין חיל אויף מלחמה. אויפ'ן וועג האָט ער דערזעהען ווי אַן'אַלטער מאַן האָט געפלאַנצט פייגען־בוימער. דער קעניג האָט זיך אָבגעשטעלט און איהם געפרעגט: ווי אַלט ביזטו?—„הונדערט יאָהר, אדוני קעניג!" האָט געענפערט דער אַלטער, „נו, צו איז דאָס כדאי פאַר אַזא אַלטען ווי דו, צו פערנעהמען זיך מיט פלאַנצען בוימער? צו דען רעכענסטו צו דערלעבען עסען פון זייערע פירות?" האָט געפרעגט דער קעניג פערוואונדערט, „אויב איך וועל ווערט זיין— האָט געענטפערט דער אלטער—וועל איך נאָך עסען, און אויב ניט, וועלען עסען מיינע קינדער, אַזוי ווי איך האָב געגעסען די פרוכט פון מיינע עלטערנס פלאַנצונגען". דער קעניג איז זיך אוועקגעפאָהרען ווייטער. אין דריי יאָהר אַרום, האָט זיך דער קעניג אומגעקעהרט פון דער מלחמה, ער איז דורכגעפאָהרען דורך דעמזעלבען וועג. דער אַלטער איז אַרויסגעגאַנגען איהם אַנטקעגען, האָט איהם צוגעטראָגען אַ קערבעלע פייגען, און האָט איהם געזאָגט: „איך בין דער אַלטער, וואָס דער קעניג האָט געזעהן פאַר־דריי־יאָהרען פלאַנצען די בוימער, און איך האָב טאַקע דערלעבט צו עסען פון זייערע פרוכט". דער קעניג האָט געהייסען אויסליידיגען זיין קערבעל און אָנפילען עס מיט גילדענס. דער אַלטער האָט זיך אומגעקעהרט פרעהליך אַהיים, און האָט דערצעהלט פאַר זיין הויז־געזינד די גאַנצע מעשה. ביי איהם אין שטוב איז דאַן געוועסען אַ שכנה; זי האָט זעהר מקנא געוועזען דעם אַלטען, זי איז אַוועק

געלאָפפען אַהיים און האָט געפונען איהר מאַן ליעגענדיג אויפ'ן אויווען. זי איז אויף איהם אָנגעפאַלען מיט גוואַלדען: לייט געהען און ווערען גליקליך, נאָר דו ליעגסט אָב גאַנצע טעג אויפ'ן אויווען, און ווילסט גאָר נישט טאָן. געה, זעה: דער אַלטער האָט צוגעטראָגען דעם קעניג אַ קליין קערבעלע פייגען, האָט ער איהם אָנגעשאָטען פול מיט גילדענס. קריך אַראָב און נעהם אַ גרויסע קאָרב מיט פייגען און לויף צום קעניג". דער מאַן האָט געטהון, ווי זיין ווייב האָט איהם געהייסען, ער האָט צוגעטראָגען דעם קאָרב פייגען צום קעניג און האָט געזאָגט: „אדוני קעניג, איך האָב געהערט, אַז דו האָסט ליעב פייגען. אָט האָב איך דיר געבראַכט אַ גרויסע קאָרב פייגען". דער קעניג האָט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט. ער האָט געהייסען זיינע קנעכט אַוועק שטעלען איהם און אַ וואָרף טהון איהם אין פנים זיינע פייגען. מען האָט איהם אַזוי געטהון, ער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים אַצוו'הרג'עטער, און האָט געוויינט. דאָס ווייב איז איהם אַרויס־געגאַנגען אַנטקעגען. זי האָט גערעכענט העלפען איהם טראָגען דעם קאָרב מיט די גילדענס. דערזעהענדיג איהם פון וויטען, אַז ער געהט און וויינט, האָט זי אויף איהם אָנגעהויבען שרייען: „נו וואָס שלים־מזל, וואָס האָט זיך שוין דאָרט געטראָפפען? „ניין מיין פרוי, איך בין נאָך אַ מזל'דיגער. וויאָס איך האָב פייגען געטראָגען. ווען איך וואָלט איהם עפּעל געבראַכט, וואָלט מען מיר גאָר צוגעה'הרג'עט".

(פון תלמוד)

5.

די סאַמאָיעדען.

אין די קאַלטע לענדער די ערד איז דאָרט זומפּפּיג; אַ גאַנצען יאָהר געהט זי ניט אָפּ. אָט די דורכגנע־פּראָרענע זומפּפען הייסען טונדרעס. אויף די טונדרעס וואַקסט

נאר מאך און נידעריגער שטרויכווערק. דארט וואוינען די סאמאיעדען. זייער גאנצער רייכטום בעשטעהט פון טשערעדעס נארד־הירשען. די דאזיגע חיות עסען מאך. ווינטער גראבען זיי איהם אויס פון אונטער דעם שניי. ווען אויף איין ארט עסען זיי ארום דעם גאנצען מאך, טרייבט מען זיי אריבער אויף א צווייטען. און צוליעב דעם בויען די סאמאיעדען זייערע וואוינונגען אזוי, אז מען זאל זיי קענען לייכט פונאנדערנעהמען: זיי שטעקען אריין אין דר׳ערד עטליכע פלעקער; פון אויבען בינדען זיי זיי צוזאמען, איבערלאזענדיג אלאך פאר׳ן רויך. דערנאך הענגען זיי עס ארום מיט הירשען־פעל. איין פעל העגנען זיי אן אזוי, אז מען זאל עס קענען אויפהויבען; און דאס איז די טהיר. און די וואוינונג איז פערטיג.

אינמיטען ליעגט מען פונאנדער א פייער. פון איהם איז די וואוינונג פול רויך. אויפ׳ן פייער פערפערטיגען זיי די שפייזען; מען באקט פיש און מען קאכט הירשען־פלייש. די סאמאיעדען ליעבען זעהר פעטס. אין זייערע שפייזען געברויכען זיי הירשען־מילך. דאס הירשען־פעל דיענט זיי אלס בעט־געוואנד. אויך זייערע קליידער נעהען זיי פון פעל. אנשטאט פאדים נוצען זיי טרוקענע הירשען־אדערן. ווען מען דארף איבערוואנדערן, נעהמען זיי צונויף די בעל־הבית׳ישקייט, וויקלען צונויף דאס פעל און שלעפען ארויס די פלעקער. אלצדינג פאקען זיי אויף שליטענס, שפאנען איין די זעלבע הירשען, און לאזען זיך אין וועג אריין. אהן די הירשען וואלט די סאמאיעדען געוועזן זעהר ביטער. צוליעב די הירשען קומט זיי אויס אפט איבערצוּוואנדערן פון איין ארט אויפ׳ן צווייטען. דעריבער האלט מען די סאמאיעדען פאר א וואנדער־פאלק. אויף איין ארט בלייבען זיי ניט מעהר ווי אייניגע טעג.

פיעל סאמאיעדען ווייסען ניט פון דעם איין־איינציגען גאט, און זענען געצען־דיענער. ווען דעם סאמאיעד געלינגט וואס, בעשמירט ער די ליפען פון זיין הילצערנעם אבגאט מיט שמאלץ. טרעפט איהם אבער אנ׳אומגליק, זידעלט ער דעמזעלבען גאט און

שלאָגט איהם אָן דר׳ערד. קריסטליכע פּרעדיגער פערקלויבען זיך צו די סאַמאָיעדען, אום צו לערנען זיי די יסודות פון דער קריסטליכער אמונה און גאָטהייט.

6.

די עסקימאָסען.

די עסקימאָסען וואוינען אין אַ סך קעלטערע לענדער, ווי די סאמאָיעדען. דער ווינטער ציהט זיך דאָרט גאַנצע ניין מאָנאַטען. די איבעריגע דריי מאָנאַטען איז זומער. ווינטער זענען די טעג זעהר קורץ. די זון ווייזט זיך אויף אַ קליינע ווײלע אויפ׳ן הימעל און פערשווינדט גלייך. דריי מאָנאַטען אין מיטען ווינטער געהט די זון גאָרניט אויף און די גאַנצע דריי מאָנאַטען איז שטאָק־פינסטער. דערפאַר אָבער זומער פערגעהט גאָר די זון ניט, און דאַן איז גאָר קיין נאַכט ניטאָ. דאָס גאַנצע לאַנד איז בעדעקט מיט שניי און אייז, וועלכע צוגעהען ניט אַפילו אום זומער אין דעם דאָזיגען לאַנד וואוינען עסקימאָסען. זיי זענען נידריג געוואקסען; זייער קערפּער איז ניט ווייס, נאָר דונקעלברוין; זייערע האָהר — שוואַרץ און האַרט. זיי וואוינען ביים ים, וואו עס געפינען זיך פערשיעדענע פיש און חיות: ים־הינד, וואַלדאָסען (Моржи), וואַלפישען און ד. ג.

די עסקימאָסען פאַנגען פיש מיט האָקערס אויף שטעקלעך און מיט נעצען. זיי עסען פיש און פלייש פון ים־חיות. די דאָזיגע חיות זענען זעהר פעט, און די עסקימאָסען ליעבען טאַקע מעהר פון אַלץ פעטס. דאָס פעטס אין שטיינערנע טעלער ברענט אין זייערע וואוינונגען אַנשטאַט לאָמפּען. זייערע קליידער נייהען זיי פון טיערען־פעל. דאָס פעל ווערט דורכגעשטאָכען מיט ביינער און ווערט צונויפגענייהט מיט טיערען־אָדערן. מאַנספערזאָנען און פרויען טראָגען די זעלבע קליידער: פעל־העמדער, הויזען, לאַנגע שטיוועל

און היטלען. זייערע קליינע קינדער טראָגען די עסקימאָסישע פרויען אין אַ זאַק אויפ'ן רוקען. אום צו ערווערבען זיך עסענוואַרג און בעקליידונג מוזען די עסקימאָסען זיך פערנעהמען מיט פישפאַנג און יאַגד. אויסער ים־חיות זענען אויך פאַרהאַן אין זייער לאַנד ווייסע בערען און פוקסען. די דאָזיגע חיות פאַנגט מען צוליעב זייערע געדיכטהאָהריגע פעל. די עסקימאָסען הרג'ענען די חיות מיט פיילען פון בויגענס און שפיזען. די שפיזען און פיילען מאַכען זיי פון טיערען־ביינער. מאַנכע עסקימאָסען ערווערבען זיך אויך ביקסען אויסבייטענדיג זיי ביי אַנדערע פעלקער. זייערע וואהנונגען בויען זיי אויפ'ן פאָלגענדען אופן: זיי גראָבען אוים אין דר'ערד אַ גרויסע גרוב; פון שניי־ציגעל מאַכען זיי איבער'ן גרוב אַ קופעל. אַנשטאַט גלאָז שטעלען זיי אריין אין די וועגד שטיקער אייז. אַנשטאַט טירען — לאַנגע שניי־טרויבען, וועלכע פעראייניגען איין הויז מיט דעם צווייטען. די הייזער זענען עהנליך איינע אויף דאָס אַנדערע. פון דעם צווייטען הויז ציהט זיך נאָך אַ טרויב אין דרויסען אריין, וועלכע פערמאַכט זיך מיט אַ שטיק אייז. אין דער טרויב קומט אוים צו פויזען. מען בויט די הייזער אויף אַזאַ אופן, אַז די קאַלטע לופט זאָל ניט אַזוי לייכט אַהין צוקומען. אין דעם ערשטען הויז לעגט מען צונויף די גאַנצע הויז־ווירטשאַפט און מען האַלט דאָרט די הינד. אין דעם צווייטען הויז וואוינען די בעלי־הבתים גופא.

די עסקימאָסען פאָהרען אויף הינד, איינשפאַנענדיג זיי אין נידריגע שליטלעך. איבער'ן ים פאָהרען זיי אין שמאָלע שיפלעך. דער גרונד־טייל פון די דאָזיגע שיפלעך בעשטעהט פון ביינער; פון אויסען ציהט מען זיי איבער מיט ים־הינד־פעל. פון אויבען זענען די שיפלעך אויך בעדעקט מיט פעל, אַזוי ווי מיט אַ דעקעל, נאָר אין מיטען לאָזט מען אַ לאָך. אַהין רוקט דער עסקימאָס דורך די פיס, זעצט זיך אויפ'ן דעק שיפעל און גאַרטעלט זיך אַרום מיט די פעל־עקען. אין אַזאַ שיפעל קען רייזען נאָר איין מענש. פון ערשטען בליק זעהט זי אוים זעהר וואנקענד, נאָר די עסקימאָסען

וענען פון קינדוויז אויף געלערנט געשיקט צו שיפען מיט אַלאַנגען יודער, און פאָהרען זעהר שנעל. די עסקימאָסען זענען דאָס רוב געצען־דיענער, נאָר צווישען זיי זענען אויך דאָ קריסטען.

7.

די קאלטע לענדער

אין די קאַלטע לענדער איז קיין פריהלינג און הערבסט ניטאָ: לאַנג ציהט זיך דער גרויזאַמער ווינטער מיט שטאַרקע פרעסט, שניי־שטורמען און זאַווירוכעס. עטליכע חדשים בעוויזט זיך די זון גאָר ניט אויפ'ן הימעל. נאָר די לבנה און דער נאָרד־שיין בעלויכטען די שניי־וויסטענעס. די חיות און איינינע פויגעל — די האָזעלהיהנער און די רעבהיהנער — פערשלאָגען זיך אין שניי. ביי די וועלף, פוקסען און האָזען פון די קאַלטע לענדער קריכען די האָהר אויס צו ווינטער צו און דאָס האָל ווערט וויים, אַזוי אַז עס איז זיי אונמעגליך אָפצוטיילען אָדער אונטער צו שיידען פון דעם שניי־פעלד. די ווייסע בערין גראָבט זיך אויס אין שניי אַ לאָך און לעגט זיך אַהין אַריין מיט איהרע בערלעך. נאָר דער ווייסער בער בלאָנזשעט אַרום איינזאַם איבער'ן ברעג ים, איבער די אייז־שטיקער: ער קוקט זיך אויס רויב, היט צו די וואַלראָסען און ים־הינד. אָפט וואַרפען אַרוים די ווערלען אויפ'ן ברעג אַ טויטען וואַלפיש, און דאַן חאַפּט דער ווייסער בער אַ פעטען ביסען. נאָר גאָט איז שוין דער ווינטער צו ענדע. אויפ'ן הימעל בעוויזט זיך די העלע זון. זי בעלייכט און דערוואַרעמט די דורכגעפראָרענע ערד. דער שניי שמעלצט; אַלץ לעבט אָב. שנעל קומט אָן דער הייסער זומער. אין דער לופט טראָגען זיך גאַנצע וואָלקענס מוקען און פליגלעך, די טונדרע בעדעקט זיך מיט גראָז, בלומען און יאַגדעס. די טייכען זענען פול פיש, פון וואַרימע לענדער קומען צופליהען זעהר פיעל ווילדע גענז, ענטלעך און שוואַנען. מיט גערויש און

געפילדער טראָגען זיי זיך אין דער לופט, פלעכטען זיך נעסטען, לעגען אייער און איילען אויספיהרען פויגעלעך. נאָר דער קורצער זומער לויפט געשווינד אריבער. ווידער קומען אָן שטאַרקע פרעסט און פערשמידען די טייכען און זומפען אין אייז. ריזיגע אייז־בערג פערלייגען דעם ים. אַלץ בעדעקט זיך מיט א ווייסער שניי־דעק. עס הויבט זיך ווירער אָן דער לאַנגער, קאַלטער ווינטער.

8.

דער יונגער פערברעכער.

דער קרעפּאַסט — ער הויבט זיך א ריעז, א טיטאַן,
אויפ'ן דונקעלן צפון דעם קאַלטען,
אין שנייענדען מדבר אין גרויען טומאַן,
אין אייביגע וועלדער בעהאַלטען.

א שרעקליכער ווינקעל! דאָ איז די נאַטור
אין־גאַנצען כמעט אָבגעשטאָרבען,
פון שטעדט און קולטור איז ניטאָ דאָ קיין שפּור,
דער מענש איז דאָ גראָב און פערדאָרבען.

דאָ איז ניין מאָנאַטען די ערד איינגעפרעסט
אין ים'ען אונענדליכע שנייען,
דאָ טרעשטשעט די לופט אונטער פערציג גראַד פרעסט
און העלדישע ווילדע זאַווייען.

דער טורם — ער שטייגט אין די הימלען אויף גרויס
דורך פינסטערע וואָלקען, און העכער,
און טיעף אין איהם איז ווי א לעבעדיג טוּט
בעגראָבען א יונגער פערברעכער.

דער יונגער פערברעכער — מען האט איהם אהער
פערשטויסען פון װארמע קאנטען.
געקלעמט און גענאלט און געשמידט זעהר שווער
אין ווילדען עטאפ ארעסטאנטען.

מען האט איהם אזוי ביז אהער אזש געשלעפט.
פיעל טויזענדער מיילען געטריבען
פון דארטען, וואו אלעס עס בליהט און עס לעבט,
און מענשען — זיי פיהלען און ליעבען.

א זעלטענער יונגעל, איהם האט זיך געדוכט
נאר נעבעך משונה'דיגע זאכען,
ער האט פאר דער וועלט עפעס מיטלען געזוכט,
ניט אנדערש איהר גליקליך צו מאכען.

נאר אט־וואס. נאך איידער עס האט איהם בעגליקט
אט טאקי די וועלט צו פערזארגען,
נאר האט מען פערשטעהט זיך, איהם פלוצלונג פערשיקט
אין איינעם א שלעכטען פריהמארגען.

מען האט איהם פערשיקט אזש אין סאמע עק־וועלט,
אין שרעקליכען צפון דעם קאלטען
און ערגעץ געהיים אויף א קייט דא געשטעלט,
אין פינסטערן טורם בעהאלטען.

ער שטעהט אויפן קייט ווי א משוגע'נער הגד,
און יאהרען, די בליהענדע יאהרען,
זיי קריכען אונענדליך; ער איז שוין אצונד
גאר גראה און פערעלטערט געווארען...

און בלייך געהט פאריבער דער קרייגקליכער טאג,
עס דונקלען די בלייענע הימלען.
פ חמארע, א סומנע פערציהט דעם אסטראג,
אין אלעם פערזינקט דארט אין דרעמלען.

ערהויבען און גרויזאם אין שנייענדען פעלד
פערדרעמעלט דער פינסטערער טורם,
ער דרעמעלט זיך שטאלץ דער פערצויבערטער העלד,
און לאכט פון דעם ווינד און דעם שטורם.

א. וואלט

9.

די אינדיאנער פון די הייסע לענדער

ווייט, איבער די ים'ען, איז פארהאן א הייס לאנד, דרום־אמעריקא. דארט וואקסען אונגעהויער־גרויסע וועלדער. די בוימער אין די דאזיגע וועלדער זענען גאר בעזונדערע, ניט אזוינע, ווי אין אונזערע לענדער. איינינע פון זיי זענען זעהר פונאנדער־געווארפענע: אונטער יעדען שאטען קענען זיך פריי בעהאלטען הונדערטער מענשען. ביי א טייל בוימער זענען זעהר גרויסע בלעטער: פון זייערע געוועבען מאכט מען געשפינסט. אויף איניגע וואקסען נים, די גרוים ווי א קינדערש קעפעל. קריכענדע געוויקסען דרעהען זיך ארום די בוימער, און צוליעב דעם איז זעהר שווער איבער'ן וואלד צו געהן; מען מוז מיט א האק זיך דורכלעגען א וועג. אין די דאזיגע וועלדער געפינען זיך אונגעוועהנליכע חיות: פיעלפארביגע העלע פייגעל, אי גרויסע, אי קליינע ווי די זשוקעס; גרויסע, גיפטיגע שלאנגען; פערשידענע אפען קלעטערן איבער די בוימער; עס וואוינען דארט אויך פערשיעדענע גרויסע חיות. נאר מענשען וואוינען דארט ווינציג, ווייל זיי איז זעהר שווער זיך צו בעוועגען איבער די וועלדער; און אויסער דעם

קומט זיי אוים צו פיהרען א קאמף מיט ווילדע חיות. די מענשען וואס וואוינען דארט, הייסען אינדיאנער. זייער הויט האט פונקט אזא קאליר, ווי רויטע קופער. די האהר — זענען לאנגע, שווארצע און גלייכע. אנשטאט קליידער גארטלען זיי זיך ארום מיט שטיקלעך געשפינסט. זיי ליעבען זעהר פערשידענע פארבינע ציהרונגען: העלע פעדערין, קאלירטע שטיינדלעך און גלאז־פערלען. סיי מאנסבילען סיי פרויען — טראגען האלז־און ארם־בענדער. אויך זייער קערפער פוצען זיי אוים אין העלע פארבען. צוליעב די גרויסע היצען, וועלכע ציהען זיך דארט א גאנץ יאהר, ביען זיי זיך לייבטע געצעלטען פון ריטער. זיי פערנעהמען זיך מיט פישעריי, יאגד, קלייבען פרוכט, און דערמיט ערנעהרען זיי זיך. דאס רוב אינדיאנער פיהרען א וואנדערנדע לעבענס־ארט.

10.

וועגען דעם אוראלטען מענשען.

דאס רוב מענשען, וואס האבען ווייניג געלערנט און געטראכט, מיינען, אז פון אייביג אן, פון ששת ימי בראשית, האט די וועלט געלעבט פונקט אזוי, ווי זי לעבט יעצט. אמת דאס ווייסט שוין יעדער, אז ניט אלע־מאל האבען מענשען געקענט אזוי ווי יעצט פליהען אין דער לופטען מיט לופט־באלאנען. לויפען שנעל ווי א פייל אויף אייזענבאהנען, איבערגעבען די געדאנקען דורך טעלעגראפען און טעלעפאנען און בענוצען זיך מיט אלע איבריגע ערפינדונגען, מיט וועלכע עס ריהמט זיך דאס ניינצעהנטע יאהר־הונדערט. אבער ווער שטעלט זיך דאס פאר, אז עס איז געווען אמאל א צייט, ווען די מענשען זענען געגאנגען הויל־נאקעט, האבען געוואוינט אין הייהלען אדער אויפ'ן פרייען פעלד און געלעבט ווי די ווילדע חיות? ווער האט א דייטליכען בעגריף, אויף וויפיעל עס איז איבערגעביטען געווארען דאס לעבען פון מענשען

883462

צייט ער געפינט זיך אויף דער ערד ביז היינט, סיי דאס לעבען פון יעדען איינציגען מענשען בעזונדער און סיי דאס געזעלשאפטליכע לעבען? אין אמת'ן אבער זענען די מענשען ניט מיט־א מאל געקומען צו דער מדרגה, אויף וועלכע זיי שטעהען היינט: הונדערטער אונ טויזענדער יאהרען האבען געדויערט, ביז דאס לעבען האט בעקומען אזא פארם, ווי מיר געפינען איצט. גאנצע דורות, גאנצע געזעלשאפטען האבען אויף דעם געהארעוועט, די מענשהייט האט זיך גאנץ פאמעליך, טריט־ביי־טריט, ענטוויקעלט אונ איבערגעביטען, אזוי אז קיינער האט גאר ניט בעמערקט די פערענדערונגען וואס זענען פארגעקומען אין זיין צייט, און יעדער דור האט גערעכענט, אז ער לעבט פונקט ווי זיינע עלטערן האבען געלעבט.

איבערהויפט איז א טעות צו רעכענען, אז אלץ וואס מיר זעהען פאר זיך איז אזוי פון אייביג אן און מיר ווען דאס אלץ לאזען אין דעמזעלבען צושטאנד ווי היינט, ווארום באמת שטעהט קיין זאך נישט אויף איין ארט. ניט נאר דעם מענשענס לעבען און אלע געזעלשאפטליכע ארדנונגען בייטען זיך, נאר אלץ, אהן א אויסנאהם, ענדערט זיך כסדר. די געלעהרטע האבען מיט אותות ומופתים בעוויזען, אז אפילו די ערד גופא בייט זיך אויך: זיי האבען דערוויזען, אז לכתחילה איז די ערד געוועזען אין א צו־ברענטען צושטאנד, א שטיק צושמאלצענע מאסע, נאר מיט דער צייט האט זי זיך אפגעקיהלט אונ עס האבען זיך אויף איהר אנגעהויבען בעוויזען געוויקסען, חיות אונ מענשען.

פון דער צייט אן, וואס דער מענש געפינט זיך אויף דער ערד, הייבט זיך אן זיין געשיכטע, וועלכע בעשטעהט — אזוי ווי אלדינג — פון שטענדיגע איבערביטונגען. נאר די איבערביטונגען זענען אזוי לאנגזאם און אזוי פאמעליך געשעהען, אז קיינער האט זיי ניט געפיהלט און יעדערן האט זיך געדאכט, אז ער לעבט נאך'ן אלטען שטייגער, פונקט ווי מיר פיהלען ניט די פער־ענדערונגען, וועלכע קומען־פאר אין אונזערע צייטען.

ניט לייכט איז אנגעקומען, איידער מען האט זיך דאס דערוואוסט. דאס אליין האט אויך לאנג געדויערט, און נאר ביסליכווייז זענען מיר צו דעם געקומען. אט וועל איך אייך טאקע באלד דערצעהלען, ווי אזוי דאס איז געשעהען.

ערשטענס, געפינען זיך נאך עד היום שפורען פון די פארצייטיגע מענשען, עס זענען אונז פערבליבען פון זיי פערשידענע אנדענקען, פון וועלכע מיר קענען וויסען וואס דאמאלס איז געשהען און וואס פאר א לעבען זיי האבען דענסטמאל געפיהרט.

אין פיעל ערטער געפינט מען אין דער ערד מענשליכע ביינער, סקעלעטען, שארבענס און נעבען זיי געפינט מען פערשידענע געפעס: כלי בית און צירונג, וועלכע האבען בעשיינפערליך געהערט צו די מענשען, וואס האבען דאמאלס געלעבט. אויך אין אונזערע מקומות, אז מען גראבט אויף גאנץ אלטע קברים, געפינט מען דארט פערשידענע בעלי-בתישקייט און כלי-זיין, וואס מען פלעגט פארצייטענס בעגראבען צוזאמען מיט די ברמיננ'ס. אט פון די נאכגעבליבענע זאכען בעקומען מיר א בעגריף, ווי אזוי מענשען האבען געלעבט אין די אלטע צייטען.

אויסער-דעם געפינען מיר ביי די פארצייטיגע שרייבער גאנצע ערצעהלונגען, ווי אזוי עס האבען געלעבט די אמאליגע פעלקער. און פון דער זעלבער צייט, וואס דער מענש האט זיך נאר אויסגעלערנט פערשרייבען זיינע גערדאנקען, וויסען מיר כמעט גאנץ גענוי די געשיכטע און דעם שטייגער לעבען פון יעדען פאלק ביז היינטיגען טאג.

נאר שרייבען איז דאך א שפעטעריגע המצאה, זעהר פיעל צייטען און דורות זענען דאך אריבער איידער דער מענש האט זיך אויסגעלערנט פערשרייבען זיינע גערדאנקען, היינט פון וואנען וויסען מיר דעם מענשענס געשיכטע פון דער צייט, וואס דאס שרייבע איז נאך גאר אויף דער וועלט ניט געווען? נאטירליך, מען האט זיך געקענט משער זיין וועלכע פערענדערונגען עס זענען ביז דאמאלס פארגעקומען, אבער אזעלכע מיני טרעפעני'שען.

סברות, האבען זעה׳ א קליינעם וויסענשאפטליכען ווערט; איינעם קען זיך דאכטען אזוי, און דעם צווייטען — פונקט קאפויר. הייינט געה טרעף, ווער פון זיי איז גערעכט!

און ווער ווייס, ווי לאנג מיר וואלטען זיך געמוזט בענוגענען מיט בלויזע השערות, שפיעלען אין טרפעניש און טאפען ווי דיא בלינדע. נאר א גליקליכער צופאלל האט אונז געאפענט די אויגען און געגעבען די מאגליכקייט צו וויססען גענוי, ווי האבען מענשען געלעבט גאר גאר אמאל. אין דער פאר־היסטארישער צייט, ווען אויף דער וועלט איז נאך ניט געוועזן ניט קיין שרייבערס און ניט קיין כתב צו שרייבען.

אז מען האט געפונען אמעריקא אונ נאכדעם אויסטראליען, הייט זיך צווישען איראפא און די צוויי ניי־געפונענע לענדער אנגעהויבען זעהר אפטע עסקים, עס האט זיך פארבונדען צווישען זיי שטענדיגע אופטרעגע. באלד די ערשטע רייזענדער, וואס זענען אהין געקומען מיטן ים, האבען בעמערקט, אז די דארטיגע מענשען לעבען גאר אנדערש ווי די איראפעער לעבען. אין אויס־טראליען און אין אמעריקא האט מען געפונען אי אזאלכע מענשען וואס זענען געגאנגען מוטטער־נאקעט, אי אזאלכע וואס האבען שוין געהאט גרויסע און קונציגע בנינים. די ערשטע זאך, פארשטעהט זיך, האט זיך גלייך געווארפען אין די אויגען: דער אונטערשייד צווישען דעם איראפעאישען לעבען אונ דעם לעבען פון די ניי געפונענע פעלקער.

די איראפעאישע מענשען האבען באלד בעמערקט, אז יענע פעלקער שטעהען נידעריגער פאר זיי אין אלע הינזיכטען, דאס יענע אומות זענען ווילדע. מען האט אויף די ווילדע געקוקט מיט אבשיי, עס איז אויך זעהר געשווינד געווארען א שנאה צווישען די איראפעער און די ווילדע, און די שנאה מיט דעם האט האבען זיך נאך פארגרעססערט דאדורך, וואס יענע מענשען זענען ניט איבריג צופריעדן געוועזן מיט דיא נייע אומגעבעטענע געסט, ד״ה מיט די איראפעער. נאר ווי דיא מעשה איז שוין

געוועזען, האָבען די אייראָפּאָער פּאָרט געמוזט בעקענען זיך מיט יענע מענשען, ביי וועלכע זיי האָבען זיך בעזעצט אין שכנות, הגם זיי האָבען זיי ניט איבריג ליעב געהאַט, זיי זענען בעקאַנט געוואָרען מיט זייער לעבען און מיט זייערע מנהגים. עס האָבען זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס זענען שטאַרק מקורב געוואָרען מיט די ווילדע מענשען און האָבען אַפילו געלעבט אין איינעם מיט זיי.

אויסער דעם, כדי צו איינהאַמעווען די אומרוהיגע ווילדע שכנים, האָבען די קאַטוילישע מאָנאַכען און פּרעדיגער (דרשנים) געשטרעבט צו פאַרשפּרייטען דאָרט די קריסטליכע אמונה, און אום צו קענען ווירקען אויף זיי, האָבען די מאָנאַכען געמוזט זיך אויסלערנען זייער שפּראַכע און גוט דורכשטודירען זייער אַרט לעבען. אַט אויף אַזאַ אופן האָבען די אייראָפּאָער זיך בעקענט מיט דעם לעבען פון די ווילדע פעלקער, און וואָס ווייטער און ווייטער האָבען זיי אַלץ דייטליכער איינגעזעהן, אַז באמת איז גאָר ניט אַזאַ גרויסער אונטערשייד צווישען די אייראָפּאָער און די ווילדע, ווי מען האָט לכתחילה געמיינט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די ווילדע האָבען אויך פיעל גוטע מעלות, וועלכע מען געפינט אָפט ניט ביי די אייראָפּאָער; אין פיעל זאַכען, האָט זיך אַרויסגעוויזען, שטעהען די אייראָפּאָער גאָר ניט העכער פאַר יענע ווילדע, און גאָר צום סוף האָט מען זיך דערוואוסט, אַז פיעל זאַכען, וואָס עקסעסטירען יעצט ביי יענע ווילדע פעלקער, האָבען אַמאָל עקסעסטירט אויך ביי אייראָפּאָער.

אין פערשיעדענע ערטער פון אייראָפּאַ האָט מען אָנגעהויבען געפינען געוועהר (כלי־זין), כלים אונ צירונג, וועלכע זענען גאַנץ עהנליך צו די, וואָס די ווילדע מענשען בענוטצען. די געלעהרנטע האָבען בכיון געלאָזט גראָבען אין דער ערד און האָבען דאָרט געפונען אַ מענגע אַזעלכע זאַכען. פרעגט זיך: ווי קומט עס, וואָס די געפונענע זאַכען זענען אַזוי עהנליך צו די ווילדע מענשענס בעלי־בתישקייט, גלייך ווי איין מייסטער יואָלט זיי געמאַכט? —

ניט אַנדערש, אַז אונזערע עלטער-עלטער-זיידעס פּאַרצייטען האָבען געפיהרט פּונקט אַזאַ לעבען ווי די ווילדע מענשען היינט!

אָט דאָ איז מען ערשט אַרויס אויפ׳ן ריכטיגען וועג, צו דער-געהען, ווי אַזוי איז געוועזען אונזער אַמאָליגעס לעבען. מען האָט נאָר געברויכט גוט בעטראַכטען וואָס עס קומט פאָר היינט ביי די ווילדע פעלקער, זעהען ווי זיי לעבען, האָט מען שוין געוואוסט ווי אַזוי איז געוועזען אַמאָל אונזער אייגען לעבען... אין די ווילדע האָבען מיר געפונען אַ לעבעדיגען ביישפּיעל פון אונזערע אבות אבותינו...

נקוז ריאַזאַנסקי

II.

דער ים

איהר האָט וועה געזעהן אַ גרויסען טייך, ווען ער גיסט זיך פונאַנדער, אָדער אַ גרויסע אָזערע? ביי אַזאַ טייך אָדער אָזערע זעהען זיך אין ערגעץ-וואו, העט ווייט די ברעגען. ביים ים אָבער, וויפיעל דו זאָלסט ניט קוקען אין דער ווייטען, וועסטו דעם ברעג ניט דערזעהן, דו פאָהרסט איבער׳ן ים אויף אַ שיף איינטאָג, דעם אַנדערען, דעם דריטען, און קיין ברעג איז אַלץ ניטאָ. סיידען עס וועט זיך אַנגעגענען אַ אינזעל, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטער׳ן וואַסער, און ווייטער איז ווידער אַלץ וואַסער און וואַסער.

וואוהין דו זאָלסט אַ קוק טהון. איז אומעטום וואַסער; עס דוכט זיך, אַז פון דעם וואַסער שטעהט די זון אויף יעדען פריה-מאָרגען, און אין דאָס וואַסער זעצט זי זיך. דו וועסט אַ קוק טהון פון שיף אין דאָס וואַסער: מעהר נישט ווי דו וואָלקענס און די הימעלס-בלויקייט שפּיגלען זיך אָב אין איהם. דעם גרונד איז ניט

צו זעהן, אין אַנ'אַנדער אָרט האַלט די טיעפקייט פונ'ם ים עטליכע וויאָרסט, און ס'איז אויך דאָ אַזוינע ערטער, וואו דעם גרונד האָט נאָך קיינער ניט דערגרייכט.

ווען קיין ווינד איז ניטא, איז דער ים בלוי און גלאַט, דאָס וואַסער וויעגט זיך נאָר עטוואַס, און די קליינע חוואַליעס וויעגען אויך אונטער עטוואַס אייער שיף, און ווי עס הויבט זיך אויף אַ ווינד, הויבט דער ים אָן מוראָ'דיג זיך צו וויעגען, עס שטעהען אויף גרויזאַמע הוואַלעס, אַזוי ווי בערג, איין חוואַליע לויפט אויף אַ צווייטע, די חוואַליעס שוימען, ברויזען, שטויסען זיך צוזאַמען, פליהען פונאַנדער אין שפריצען. דעם שיף שליידערט עס, ווי אַ שפענדעל, עס קנאַקען זיינע שטאַרקע זייטען וואָס זענען אַרומגעשלאָגען מיט גראָבע אייזערנע בלעטער, עס סקריפען די מאַסטבוימער, די חוואַליעס בעגיסען איהם אַלע ווילע אינגאַנצען. אָט איז עס שוין אין די טיעפענישען צווישען די חוואַליעס און אָט האָט עס זיך אויפגעהויבען אויף די שפיצען פון די חוואַליעס. אַ פחד פאַלט דאַן אָן אויף די, וואָס געפינען זיך אויפ'ן שיף. אַפילו ביי די שיפלייט, וואָס זענען שוין דערצו געוועהנט, ציטערט אויך דאָס האַרץ. ניט ווענינ שיפען קומען אום אין אַזוינע שטורם-ווינדען. און פונדעסטוועגען פאָהרען די מענשען איבער'ן ים, ווייל דאָרטען, אויף יענעם זייט ים, זענען דאָ אַנדערע לענדער, און אין די דאָזיגע לענדער וואַקסען אַנדערע געוויקסען. לעבען אַנדערע חיות, אַנדערע שטיינער און מעטאַלען גראָבט מען דאָרטען פון דער ערד אַרויס, און די דאָרטיגע מענשען קענען מאַכען דאָס, וואָס ביי אונז קען מען עס ניט.

מיר דאַרפען דאָס, וואָס עס איז דאָ אין יענעם וויטען לאַנד, וואָס ליעגט אויף יענער זייט ים; די דאָרטיגע איינוואוינער דאַרפען דאָס, וואָס עס וואַקסט ביי אונז וואָס מיר קענען מאַכען און בעאַרבייטען, און דעריבער פאָהרען די שיפסלייט, פיהרען איבער סחורות פון איין ברעג ים אויף דעם אַנדערען.

אהין, אין יענע וויטע לענדער פאָהרען אַוועק אונזערע

מענשען און בעזעצען זיך דאָרט, אויב ביי אונז לעבט זיך זיי שווער, אונ פון יענע לענדער קומען צו פאָהרען אויף שיפען די דאָרטיגע מענשען צו אונז און לעבען מיט אונז.

דאָס וואַסער אין ים איז ביטער און געזאַלצען. טרינקען איז עס אונמעגליך. דעריבער, ווען מענשען פאָהרען אויף שיפען, נעהמען זיי מיט מיט זיך טייך-וואַסער.

אין אַ גרויסען ים געפינען זיך זעהר פיעל פערשידענע פיש, סיי גרויסע, סיי קליינע, זעהר פיעל פערשידענע חיות, אַי אונגעהויער גרויסע אַי פּיטשינקע. קליינציקע ראַקעליך, טשערעפּאַכעס, אונגעהויער גרויסע וואַל-פישען, וואָס זענען נאָך זייער אויסזעהן זעהר עהנליך אויף פיש, אין דער אמת'ן אָבער איז אַ וואַל-פיש ניט קיין פיש, נאָר אַ חיה: ער געבאָרט לעבעדיגע קינדער און האָדאָוועט זיי אוים מיט זיין מילך. דער וואַלפיש קען אויך אונטער'ן וואַסער לאַנג ניט פערבלייבען, ער שווימט אָפט אַרויף אָנצושעפּען לופט. אונטער'ן וואַסער וואָלט ער זיך דערשטיקט, אַזוי ווי אַ מענש אָדער אַנ'אַנדער חיה. אויפ'ן גרונד פונ'ם ים וואַקסען אויך גאַנצע וועלדער בעזונדערע געוויקסען.

די ים-חיות און די ים-געוויקסען זענען עהנליך אויף אַנדערע חיות און געוויקסען, זיי זענען געוועהנט צום געזאַלצענעם ים-וואַסער און אין געוועהנליכען טייך-וואַסער, און בפרט אויף דער יבשה, קענען זיי ניט לעבען.

דער מענש וואוינט ביים ים, כאַפּט דאָ פיש, קלייבט צונויף ים-געוויקסען, בויט שיפען און שיפליך, פיהרט איבער'ן ים איבער אַנדערע מענשען. פיעל מענשען שפּייזט דער ים.

12.

אַ שטורמווינד אויפ'ן יַם.

דער שרעקליכער ווינד, דער געפעהרליכער שטורם
ער ראַנגעלט זיך דאָרט מיט אַ שיף אויפ'ן מעער,
ער וויל זי צוברעכען, און זי מיט יסורים,
שניידט דורך אַלע טיעפעניש קרעצענדיג שווער.

עס טרעשטשעט דער מאַסטבוים, דער זעגעל — ער ציטערט
דאָס רוישענדע וואַסער איז מורא'דיג טיעף,
עס קעמפען מיט צאָרן, עס שטרייטען פערביטערט.
אויף טויט און אויף לעבען דער ווינד מיט'ן שיף.

אָט מוז עס זיך לעגען, אָט מוז עס זיך שטעלען,
אָט טרייבט עס צוריק איהר און אָט טרייבט פאָראוים,
אַ שפיעלכעל איז איצטער דאָס שיף ביי די וועלען, —
זיי שלינגען עס איין און שפייען עס אוים

עס ליאַרימט דער ים און עס רוישען די חוואַליעס
עס הוזשעט, עס פילדערט מיט שרעק און מיט גרויל.
דער שטורם, דער גזלן, וויל אומברענגען אַלעם.
דער תהום עפענט אויף זיין פערשלאָסענעם מויל.

מאר ראזענפעלד.

TOLEDO
OHIO
LIBRAR

13.

ים—לידער.

די גליהענדע זון געהט ארונטער
צום קאלטען, צום ברויזענדען ים
און זינקט דארט, א מידע א רויטע,
פערגאסען מיט פייער און פלאם.

און ס'לעגט זיך אנידער דער אווענד
אין רויטליכען נעבעל פערהילט
אין ווארימע, צערטליכע פארבען
און פונקעלט און דונקעלט און שפיעלט.

עס פונקלען און דונקל'ען די הימלען
און שפיעלען אין שאטען און שיין;
עס פונקלען און דונקלען די וועלען
און רוימען פיעל סודות זיך איין.

עס פונקעלט און דונקעלט דער מאסטבוים
און דרעמעלט זיך שטאלץ אין דער הויה
און ס'טרייסעלט דאס שיף און עס וויעגט עס
דאס ווינדט'על פער'חלומ'ט און ווייה.

און ס'טראגט זיך פון שיף א געלעכ'טער,
א פרעהליכער טומעל און קלאנג;
א פויקען, א צימבלען, א פידלען,
א יונגער, א פרישער געזאנג.

א. וואלט.

14.

דאַס זעק'ל.
(אַ משל)

אויף אַ שטיקעל פון אַ לייוועַנטען פּויעריש קלייד
האָט עמיץ אַ־מאָל אַ קליין זעק'ל אויפגענייט.
דאָס זעק'ל האָט אָנגעהויבען צו וואַנדערן
צווישען מענשען פון איינעם צום אַנדערן.
ביז עס איז אריינגעקומען אין דער האַנד
פון אַ רייכען סוחר, אַ גרויסען שפּעקולאַנט.
דאָ האָט מען עס אָנגעשיט פול מיט געלד,
און עס אין קאָמאָדע אַריינגעשטעלט. —
ניט ווייט פון דעם זעק'ל אַקעגען,
איז אַ קליין זיידען בייטעלע געלעגען,
גאָר אין אַ בעזונדערער פאַך,
אויך מיט געלד, אָבער נישט אַ סך. —
דאָס זעק'ל הויבט זיך אָן ביים בויך צו גלעטען,
און אויף דעם בייטעלע נעבעך זעהר צו שפּעטען:
דאָ זעהט נאָר צו, פון איין'עזות־פּנים אַ יושר,
„דו אֶביון! ווי קומסטו צו ליעגען נעבען אַ עושר?
„ווי קענסטו זיך גאָר פאַרגלייכען
„דו קבצן! צו מיר דעם רייכען?
„האָסט אָפשר דיין אייגענם טויזענד גילדען,
„און ווילסט נאָך, איך זאָל דאָס פון דיר דילדען,
„און דאָס ליידען פון דיר,
„זאָלסט ליעגען נעבען מיר?" —
דאָס בייטעלע האָט זיך נישט געוואָלט קריגען,
און האָט ליעבער דעם זעק'ל גאָר געשוויגען.
אַ־מאָל, איז אָבער געקומען אַ צייט,
ווי עס קומט אָפט־מאָל אויף ב״י לייט

און ווי עס טרעפט זיך אָפט אין דער וועלט,
אזביידע זענען געבליבען גאָר אָרעם אָהן געלד.
איצט האָט מען דאָס ציידענע בייטעלע גענומען,
און עס בעהאַלטען אין אַ קעסטיל אַריין,
און דאָס זעק'ל, איז ווידער צו דער מדרגה געקומען,
צו דער, וואָס עס פלעגט פריהער צו זיין. —

ז. עפּינגער

15.

די נעגערס.

ווייט פון אונז ליעגט אַ גרויסער טייל פון דעם ערד־קוגעל, וועלכער הייסט אַפריקאַ. דאָרט וואוינען די נעגערס. זייער קערפּער איז דונקעל שוואַרץ. אויף דעם געזיכט גיבען זיך אַרויס די באַקען־קנאָכען; די נאָז איז פּלאַטט געדריקט, די ליפּען־גראָב און די צייהן — זעהר ווייס. די האָהר ביי די נעגערס זענען קורץ און געקרייזעלט. אין זייער לאַנד איז זעהר הייס, און דעריבער געהען זיי כמעט נאַקעט. מעהר צוליעב שענקייט וואַרפען זיי איבער איבערן אַקסעל אַ שטיק פוטער אָדער טהוען אָן אַ גאַרטעל. זיי טראָגען אויך מאַנטלען. די פרויען בינדען איין זייערע קינדער אין אָט די מאַנטלען און טראָגען זיי אויפ'ן רוקען.

זייערע וואוינונגען בויען די נעגערס פון רעהרען אָדער שטרוי, ווייל זייער לאַנד ווייס ניט פון קעלט.

די נעגערס פערנעהמען זיך מיט אַקערבוי; די פעלדער בעאַקערן זיי ניט, נאָר זיי גראָבען זיי אויף מיט רידלען. אויף די פעלדער פלאַנצען זיי מעהרסטענטיילס פּאַראַדיזפייגען (באַנאַנעס) און אַ בעזונדער מין הירז, די הויך ווי אַמענשענס וואוקס. די פּאַראַדיזפייגען זענען הויכע גראָז־געוויקסען מיט לאַנגע ברייטע בלעטער. זייערע פרוכטען זענען זיסע, און די איינוואוינער פון

די דאָזיגע ערטער ברויכען זיי אַנשטאַט ברויט. די פעלדער בעאַרבייטען געוועהנליך פרויען, און די מאַנספּערזאָנען בעשעפטיגען זיך מיט יאַגד אָדער טהוען גאָרנישט. די נעגערס קויפען זיך ווייבער. נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, ווערט די פרוי ביי דעם נע׳ער געאַכטעט.

די נעגערס טיילען זיך איין אין פיעל שטאַמען (שבטים). יעדער שטאַם האָט זיין אָנפיהרער, וועלכער איז רייכער פאַר אַלע איבריגע איינוואוינער. דער גרעסטער טייל נעגערס זענען געצענדיענער. זיי מאַכען זיך הילצערנע אָדער שטיינערנע אָפּ־געטער, זעהר העסליכע, און גיבען זיי צו אַ געשטאַלט פון אַ מענשען אָדער פון אַ חיה. אויסער־דעם פערגעטערן זיי פער־שידענע חיות און גרויסע בוימער און האַלטען זיי פאַר הייליג. פון די חיות ווערען בעזונדערס געעהרט און געאַכטעט די שלאַנגען. זיי גלויבען, אַז אין די שלאַנגען זיצען די נשמות פון זייערע פערשטאָרבענע קרובים. נאָר צווישען די נעגערס געפינען זיך אויך קריסטען און מאַחמעדאַנער. די נעגערס זענען זעהר קרעפטיג און קענען פיעל פערטראָגען. עס איז געווען אַ צייט, ווען מען פלעגט זיי פערקויפען אין פרעמדע לענדער פאַר קנעכט, ווייל זיי זענען זעהר גוטע אַרבייטער. יעצט אָבער איז די קנעכטשאַפט אָפּ־געשאַפט, און צוזאַמען מיט דעם אויך דער האַנדעל מיט נעגערס.

16.

I.

די לופט

די לופט איז אַ זאַך ווי אַלע זאַכען: זי איז אַ קערפּער גליַיך מיט אַלע קערפּער. און מען דאַרף זי קענען געפינען. מיר נעהמען אַ בוך, אונזער נאָז־טיכעל, אַ פאַכער, און פאַכען אונז אין געזיכט: עפּעס קיצעלט אונז, דאָס קיצעלט די לופט, וועלכע מיר בעוועגען, ריהרען מיט אונזער פאַכען. אָט איז אַ ר ע ד י ג גלאָז,

מיר וועלען אַלע שווערען, אַז דאָס גלאָז איז א לעדיגס, גאָר מיר שווערען פאַלש, מיר וועלען איבערקעהרען דאָס גלאָז אין אַ שיסעל מיט וואַסער, דאָס גלאָז וועט נישט אַראָבפאַלען; אָבער אַז מיר וועלען עס צודריקען מיט דער האַנד, וועט עס זיך שטעלען אויפ'ן דעק פון שיסעל, נאָר וואַסער וועט אַריין אין איהם נישט מעהר ווי אַ ביסעל. פאַר וואָס זשע איז דאָס? דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָס גלאָז איז נישט לעדיג, נור אָנגעפילט מיט לופט, און די לופט לאָזט נישט אַריין דאָס וואַסער אין גלאָז, גלייך ווי אַלע אַנדערע זאַכען, מיט וועלכע דאָס גלאָז וואָלט געוועזען פערנומען, אָנגעפילט.

אין אַ פלאַש וועלען מיר אַריינשטעלען אַ טריכטער — (אַ לייקע) — און אַרומקלעבען איהם אַזוי ביים לאָך פון פלאַש, אַז די לופט זאָל נישט קענען אַרויס. יעצט וועלען מיר גיסען וואַסער אין טריכטער. דאָס וואַסער געהט נישט אין פלאַש! וואַרום? די לופט לאָזט נישט. והאָ ראיה, מיר וועלען אָבקלעפען דאָס לאָך — און דאָס וואַסער גיסט שוין: די לופט איז אַרויס.

פון דאַנען איז שוין אַ ביסעל געדרונגען, אַז לופט איז אַ קערפער, וואָס מוז פערנעהמען אַ בעוואוסטען אָרט, און לאָזט מען זי נישט אַרויס, וועט זי פון איהר אָרט נישט אָבטרעטען און וועט איהם נישט לאָזען פערנעהמען. נור, וועלען מיר זאָגען, די לופט איז אַ קערפער, וועלכען מען קען נישט זעהן. דאָך... מיר וועלען אַראָבלאָזען אַ פלאַש אין אַ שיעסעל מיט וואַסער און אָנהויבען אַריינלאָזען אין איהר וואַסער, אין גיכען וועלען זיך בעווייזען פון העלזעל בלעזלעך — פּוזירקעס. דאָס איז די לופט, וועלכע דאָס וואַסער שטופט אַרויס פון פלאַש. אָט האָבען מיר געזעהען די בלעזלעך, האָבען מיר געזעהן אַלזאָ די לופט. נאָר דאָ אין די בלעזלעך, זעהט זי אויס גאָר אָהן אַקאָליר, אָהן אַ פאַרב, אָבער אין דער'אמתן איז עס נישט אַזוי. מיר געהען אַרויס אין פעלד און קוקען אויף אַ וויטען — וויטען וואַלד; דער טאָג איז אַ קלאָרער, אָהן וואָלקען, די זון שיינט העל, און דאָך איז דער וואַלד

פֿערצויגען מיט עפּיס אַ בלוילּיכען נעבעל — טומאַן. דער בלוי־ליכער נעבעל — איז די לופֿט, וועלכע בעקומט אַ בלויען קאָליר, אַ בלויע פאַרב, אַז זיא איז דאָ אַ סך. און דאָס, וואָס מיר רופֿען אָן „בלויער הימעל", איז אויך נישט מעהר ווי די לופֿט, וועלכע בעט זיך אויס אין דער הויך. —

אַז מענשען האָבען דאָס אַלץ דערוואוסט וועגען דער לופֿט, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען מיט איהר בענוצען. לאַנג האָבען מיר נישט געוואוסט, וואָס טהוט זיך אויפֿ'ן דעק פֿון ים, ווייל אַראָב־לאָזען זיך אַהין האָט קיינער נישט געקאָנט. יעדערער פֿון אונז, ווער עס האָט געפּרובט אַראָבלאָזען זיך אונטער'ן וואַסער, האָט בעמערקט, אַז מען קאָן נישט פֿערבלייבען לאַנג אונטער'ן וואַסער — מען ווערט דערשטיקט. און ווי מען שווימט נור אַרויס, הויבט מען אָן שטאַרקער צו עטעמען, אַריינצונעהמען אין זיך וואָס מעהר לופֿט; הייסט עס, אַז אין וואַסער ווערט מען דער־שטיקט דערפֿאַר, וואָס עס איז נישטאָ קיין לופֿט צום עטעמען. ווי אַזוי קומט מען צו צו'ם גרונד פֿון ים, צו וועלכען עס איז אָפֿט איינינע ווי־אָרסט, און דאָס דערגרייכען איהם דאַרף געדויערן גאַנץ לאַנג? דאַרף מען, הייסט עס, געפֿינען אַ מיטעל ווי צו צושטעלען דעם אונטער־וואַסער־שווימער לופֿט. אַז מען האָט בעמערקט, אַז די לופֿט לאָזט נישט אַריין אין איין איבער־געקעהרט גלאָז קיין וואַסער, האָט מען געמאַכט אַ גרויסען גלעזערנעם גלאָק. איינגעאָרדענט אין איהם אַ ביינקעל, אַרויפֿ־געזעצט אויף דאָס ביינקעל אַ מענשען, און צום גלאָק צוגעבונדען אַ שווערע משא און אַראָבגעלאָזען איהם אין וואַסער, דער מענש אין־איינעם מיט'ן גלאָק האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויפֿ'ן גרונד פֿון ים און געהאַט אַרום זיך גענוג לופֿט צום עטעמען. אויף אַזאַ אופֿן, האָט מען בעקומען די מעגליכקייט צו דערוויסען, ווער־וואָס און ווי לעבט און טהוט אויפֿ'ן גרונד פֿון ים.

יד. פולם

II.

צו איז אומעטום דא לופט?

די געלעהרטע האבען לאנג געזוכט אזא ארט, וואו קיין לופט זאל נישט זיין, און האבען נישט געפונען. זיי האבען זיך אויפגעהויבען אויף הויכע בערג, אראבגעלאזען זיך אין טיעפע גריבער, אין טהאלען, קעלער, ברונענ'ס, און אומעטום געפונען לופט. נאר ווען זיי האבען זיך אויפגעהויבען אויף בערג, האבען זיי בעמערקט, אז וואס העכער מען קריעכט, ווערט אלץ שיטערער די לופט, עס ווערט שווערער צו עטעמען. אונטען דארף א מענש אבעטעמען אין א מינוט זיעבצעהן צו אכטצעהן מאל, און אויפ'ן שפיץ בארג — דרייסיג, פיערציג און אפילו פופציג מאל; אונטען אין זיעבצעהן מאל נעהמט ער אין זיך אריין לופט, ווי פיעל אויבען אין פופציג מאל. שוין אין דער הויך פון 12 אדער 13 טויזענד פוס*) הויבט מען זיך אן צו פיהלען נישט גוט: די הענד און פיס חל'ש'ן און עס איז שווער אבצוגעהן אפילו די קלענסטע שטרעקע, דעם קלענסטען מהלך. אין דער הויך פון 16 טויזענד פוס קאן דער שטארקסטער און געזונדסטער מענש נישט מאכען קיין צעהן טריט, ער זאל זיך נישט דארפען צו־זעצען און אברוהען; ענדליך, ווערט די לופט אזוי שיטער, אז ווי אפט דער רייזענדער זאל נישט עטעמען, וועט שוין איהם אלץ קיין לופט נישט האפען און דער מענש הויבט זיך אן שטיקען, דאס הארץ קלאפט איהם שטארקער און אפטער, אין די אויערן רוישט און קלינגט, די אדערן אין געזיכט גיסען זיך מיט בלוט, די פינגער פרירען און זאגען זיך אב צו דיענען, מען פערלירט דעם זין און דער מענש שטארבט. דער העכסטער ארט, ביז וועלכען

*) א פוס (פוט) איז א מאס פון דער לאנג, און איז אין זיבען מאל קלענער אלס א סאזיען — א קלאפטער, דאס הייסט, אז אין איין קלאפטער זענען זיעבען פוס.

מענשען האָבען דערגרייכט, געפינט זיך אויף צעהן וויאָרסט איבער דער ערד; אהין האָבען זיך אויפגעהויבען צוויי געלעהרטע: קלעמער און קאָקסוועל אויף אַ לופטבאַלאָן און שיער טאַקי נישט בעצאָהלט דערפאַר מיט זייער לעבען. אָט ווי איינער פון זיי דערצעהלט וועגען דעם: „ווען מיר האָבען זיך אויפגעהויבען, איז דער טאָג געוועזען קלאָר, אָהן וואָלקען, וואַר'ם און כמעט אָהן אַ ווינד. אונזער לופטבאַלאָן האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען אַלץ העכער און העכער; מיר זשע האָבען געזעהען פערשרייבען די הויך, אויף וועלכער מיר הייבען זיך אויף און אַלץ, וואָס מיר פיהלען. בעשלאָסען הויבען מיר, אויפהייבען זיך אַזוי הויך, ביז וואַנען עס וועט נור מעגליך זיין. ביסלעכוויים האָט די שטאָדט מיט די מענשען אָנגעהויבען פערשווינדען, פערדעקען זיך פון אונזערע אויגען. די מענשען האָבען אונז אָנגעהויבען אויסזעהן ווי קליינע שוואַרצע פינטעלעך, דער נאָך זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַזאַלכע פינטעליך הייזער, קלויסטער'ס, גאָר די העכסטע און גאָר די גרעסטע געביידען, און ענדליך האָבען זיי זיך אויפגעהערט צו זעהן, און די ערד האָט זיך פון אונז פערדעקט מיט עפּיס אַ בלוליכען נעבעל-שלייער. דער לופטבאַלאָן האָט זיך געהויבען אַלץ העכער און העכער; מיר האָבען דערפיהלט אַ קעלט און געמוזט זיך וואַרמער אָנטהון. מיר האָבען פערשריעבען די הויך: עס איז געוועזען ביז דריי וויאָרסט. אין דער צייט זענען מיר געוועזען אַרומגערינגעלט מיט אַ מאַסע דאַמף. דערנאָך זענען מיר אַרויסגעשוואומען אויף דער זון; דער הימעל איז איצט געוועזען פריי פון וואָלקענס און פאַר אונז האָט זיך אויפגעעפענט אַ הערליך בילד פון אַ ים מיט וואָלקענס אונטער אונז און מיט אַ לאַנגער — לאַנגער קייט פון בעזילבערטע בערג-שפּיצען. מיר הויבען זיך אויף אַלץ העכער און העכער, עס ווערט אַלץ קעלטער און קעלטער, און האָטש מיר זיצען רוהיג אין שיפעל פון לופטבאַלאָן, נאָר מיר מוזען אַזוי שטאַרק און שווער צועטעמען, גלייך מיר וואָלטען אַרויפלויפען אויף אַ הויכען באַרג. העכער, העכער! זאָגען מיר צו זיך, און

וואַרפען אראָב איינִיגע זעק מיט זאַמד, וועלכע זענען געוועזען
אויסגעלעגט אין שיפעל אַלס באַלאַסט; דער לופטבאַלאָן האָט אַ
ציטער געטאָן און אויפגעהויבען זיך מיט אַמאָל אויף עטליכע
קלאַפטער, גלייך ער וואָלט אַ שפרונג געטהון; איך האָב נישט
אַראָבגענומען די אויגען פון די אינסטרומענטען, און פערשריבען די־
הויך; עס איז שוין געוועזען מעהר אַלס 6 וויאָרעט די הויך. מיר
האָבען זיך אַלץ געהויבען, ביסלעכווייס אַרויסוואַרפענדיג איינעם
נאָך דעם אַנדערן די זעק; די לופט איז אויף דער הויכקייט
געוועזען אַזוי שיטער, אַז מיר האָבען קוים געעטעמט, דאָס
האַרץ האָט אונז געקלאַפט אונגעהייער אָפט, אין די אויערן האָט
גערוישט, דער בלייזשטיפט האָט זיך קוים געהאַלטען אין מיינע
הענד. מיין חבר איז גאָר געבליבען אָן כוחות. איך האָב אַ קוק
געטהון אויף די אינסטרומענטען און דערזעהען, אַז עס איז
10 גראַד פראָסט, האָטש אונטען איז געוועזען אַ וואַרמער זומער־
דיגער טאָג. דער נאָך איז אונזער לאַגע נאָך ערגער געוואָרען,
מיר האָבען פונדעסטוועגען אַרויסגעוואָרפען נאָך איינִיגע זעק און
אין צעהן מינוט אַרום איז שוין דער לופטבאַלאָן געוועזען אויף
זעקס אונצוואַנציג טויזענד פוס די הויך (אַרום אַכטהאַלבען וויאָרסט).
עס איז געוועזען פופצעהן גראַד פראָסט. מיין פריינד האָט גע־
עטעמט אַלץ שווערער; מיר האָבען אַרויסגעוואָרפען נאָך עטליכע
זעק און אויפגעהויבען ביז נײַן און צוואַנציג טויזענד פוס; דאָ
האָב איך אָנגעהויבען פערלירען די ראִיה און נישט געקענט שוין
איינקוקען זיך אין אינסטרומענט; איך האָב געוואָלט בעטען דעם
פריינד העלפען מיר; נאָר ער איז געוועזען פערנומען מיט זיין
זאַך. אין גיכען האָב איך דערפיהלט, אַז מיינע הענד פרירען.
איך האָב געפרובט מאַכען אַ בעוועגונג; דאָס איז מיר געגאָלטען,
נאָר דערביי האָב איך בעמערקט, אַז איך האָב עפּיס נישט קיין
הענד און נישט קיין פיס. מיין קאָפּ האָט זיך אַראָבגעבויגען צום
אַקסעל, און איך האָב געוואָלט נאָך אַ מאָל אַ ריהר טהון זיך, נאָר
איך האָב שוין נישט געקאָנט אויפהייבען אַ האַנד. — איך בין

נעבליבען אָהן כּוחות און געפאַלען אין שיפעל. איך האָב אַני׳
געשטעלט מיינע אויגען אויפען פריינד — ער האָט זיך מיר פאָר׳
געשטעלט ווי אין אַ נעבעל. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגען, גאָר
נישט געקאָנט. דער נאָך האָב איך אויגענבליקליך פערלאָרען די
ראיה. מיר איז פינצטער געוואָרען, נאָר בּיי׳ם זין בין איך נאָך
געוועזען; וועגען דאָס געהער קאָן איך גאָר נישט זאָגען. דאָ אויך
דער הויכקייט איבער צעהן וויאָרסט, האָט קיין קלאַנג
נישט איבערגעריסען די טויטשטילקייט; איך האָב געטראַכט, אַז,
אויב מיר וועלען זיך נישט אַראָבלאָזען, וועל איך שטאַרבען; נאָר
דאָ האָב איך פּלוצלינג פערלאָרען דעם זין און אַריינגעפאַלען אין
אַ טיעפען שלאָף, עס זענען פאָריבער איינינע מינוטען, איך בין
געלעגען אָהן אַ בעוועגונג. עפּעס האָב איך געהערט נישט דייטליכע
ווערטער; איך האָב געפיהלט, אַז מיין חבר וואָס איז מיט מיר,
מינטערט מיך אויף, דערנאָך בין איך ווייטער געוואָרען בּיי׳ם זין
און האָב אָנגעהויבען צו הערען, איך האָב דייטליך געהערט דעם
פריינד׳ס ווערטער, נאָר נישט געקענט זעהן איהם, נישט
ריידען מיט איהם, נישט אַ ריהר טהון זיך; איך האָב נאָר געהערט
זיינע ווערטער: „פּרובּט נאָך, איך בעט אייך פּרובּט". דערנאָך
האָבען זיך מיר אָנגעהויבען בעוויזען די אינסטרומענטען ווי אין
אַ נעבעל. איך בין אויפגעשטאַנען, אַרומגעקוקט זיך, ווי איך
וואָלט מיך אויפגעכאַפּט פון אַ שווערען שלאָף, און געזאָגט: „איך
בין געוועזען נישט בּיי׳ם זין". — „און מיט מיר האָט זיך עס אויך
שיער נישט געטראָפען", האָט געענטפערט מיין פריינד און דער׳
צעהלט מיר, אַז ווען ער האָט בעמערקט, אַז איך ליעג אין
חלשות, האָט ער געוואָלט צוגעהן צו מיר, נאָר ער האָט נישט
נעקענט, און דערפיהלט, אַז איהם מישט זיך אויך אין קאָפּ. ער
האָט זיך געכאַפּט מיט די ציין פאַר דער שטריק. פאַר וועלכע
מען האָט געדאַרפט אַ שלעפּ טהוען אַראָבלאָזענדיג זיך, דער
לופטבאַלאָן האָט זיך אָנגעהויבען אַראָב צולאָזען. אַז מיר האָבען
דערגרייכט די ערד, האָבען זיך מיר אומגעקעהרט די כּוחות אַי״

דער זין און איך האָב שוין געקאָנט דערגעהן צו פוס ביז דעם באַהענטעטען דאָרף".

אויב מען וואָלט זיך געקענט אויפהייבען נאָך העכער, וואָלט די לופט געוואָרען נאָך שטערער און ענדליך וואָלט מען צוגעקומען צו אַנ'אָרט, וואו קיין לופט איז גאָר נישטאָ. אַזאַ אָרט געפינט זיך, ווי די געלעהרטע האָבען אויסגערעכענט, אַנ'ערך אויף דריי הונדערט וויאָרסט פון דער ערד.

ד. פולס.

17.

די בערג.

ניט אומעטום ברייטערט זיך אוים אַזאַ פלעכע ווי אין מיטעל-אָדער קליינרוסלאַנד, עס זענען דאָ אויף דער ערד אַזעלכע ערטער, וואו עס הויבען זיך אויף בערג. זייער הויך אין אויסזעהן זענען פערשידענאַרטיג. עס זענען דאָ בערג, וואָס האַלטען 6—7 און 8 וויאָרסט די הויך. דער העכסטער באַרג געפינט זיך אין אַזיען און הייסט עווערעסט. ער דערגרייכט כמעט 10 וויאָרסט די הויך.

די בערג הויבען זיך אויף ערטערווייז ווי אונגעהויערע בלויזע שטיינער און פעלזען, ערטערווייז ציהען זיי זיך ווי אַ לאַנגע באַרג-קייט. די בערג זענען פעלזיג, שטובייל און בעזייהט מיט טיעפע שפאַלטען און גריבער. צווישען די בערג ליעגען ברייטע טאָלען, בעדעקט מיט אַקערפעלדער און גערטנער. געדיכט בעפעלקערט, מיט בערג-דורכגאַנגען, אַרומגערינגעט מיט הויכע שטיינערנע ווענד.

אונטען ביים באַרג-פוס זעהט דער אַראָב-באַרג אוים ווי בעדעקט מיט אַ גרינעם מאַנטעל, בעזונדערס אין די וואַרימע לענדער, וואו ס'איז גאָר קיין ווינטער ניטאָ. דאָרט איז אַלץ דורכאוים בעדעקט מיט אימער-גרינע וועלדער, גערטנער און ווינ-

ערטנער. נאָר וואָס העכער מען הויבט זיך אויפ׳ן באַרג, אַלץ מעהר קיהלער ווערט די לופט, די פלאָרע (פלאַנץ־וועלט) בייט זיך. דאָ ווייזען זיך שוין קאָשטאַניען־בוכען און אייכען־וועלדער, וועלכע פערלירען זייערע בלעטער אויף ווינטער, העכער ווערט נאָך קעלטער. דאָרט וואַקסען נאָר פינסטערע וועלדער, וועלכע בעשטעהען פון נאַדעל־בוימער: טאַנען, פיכטען און וויסטאַנען. די בערג און פעלדער זענען בעדעקט מיט געדיכטע זאַפטיגע גראָזען און העלע בלומען: דאָ פאַנגען זיך אָן די אַלפען־בערג־פעלדער וואו עס פיטערן זיך טשערעדעס פערשידענע הויז־טיערען.

די דאָזיגע בערג ציהען זיך אַלץ העכער און העכער און דערגעהען ביז אַזאַ הויך, וואו קיין גראָז קען שוין אויך ניט וואַקסען. דאָרט איז אַלץ טויט, ווילד און וויסט. נאָר די שטיין־פעלזען שטייגען אַלץ העכער און העכער. הויבען מיר זיך נאָך העכער, דאַן פאַלען מיר אַריין אין דער מלוכה פון אייביגע שנייען און אייז. דאָ איז שוין אַזוי קאַלט, אַז אפילו אין די הייסטע זומערטעג צוגעהט דער שניי און אייז אויך ניט. אונטען, ביים באַרג־פוס איז הייסער זומער, און דער שפיץ באַרג איז אין דערזעלבער צייט בעדעקט מיט אייביגען שניי. דאָרט הערשט דער פראָסט און ווילדעוועט דער שניי־שטורם. אויף די הויכע בערג טראָגען זיך אָפט הויך וואָלקענס. מען קען זיך אויפהויבען אויפ׳ן באַרג אַזוי הויך, אַז די וואָלקענס זאָלען בלייבען אונטער די פיס. דער נעבעל לעגט זיך פאַסענווייז און שטיקערווייז אויף בערג, וועלדער און טייכער, צייטענווייז וויקעלט ער אַלץ איין אין אַ ווייכע געדיכטע דעקע.

אויף די שפיץ־בערג זאַמעלט זיך זעהר פיעל שניי און אייז. עס בילדען זיך גאַנצע פעלדער דורכזיכטיגען הימעל־בלאָהען אייז. דאָס זענען די אייז־קעלערס. זיי רוקען זיך לאַנגזאַם באַרג אַראָפ, פערהאַפענדיג אין וועג שטיקער שטיינער און פעלזען. די אייז־קעלערס געהען אָב און דיענען אַלס קוואַלען פאַר פיעלע באַרג־טייכלעך. וועלכע פליסען שטראָמיג אַראָב־באַרג, ניט זעלטען

בילדענדיג רוישענדע וואַסערפאַלען. צוזאַמענגיסענדיג זיך, בילדען די טייכלעך גרעסערע טייכען, וועלכע גיבען אַנ'אָנהויב פאַר גאָר גרויסע טייכען.

וואָס העכער מיר הויבען זיך אויפ'ן באַרג, ווערט אַלץ שווערער צו עטעמען. אין דער הויך איז די לופט ניט אַזוי געדיכט ווי אונטען. וואָס העכער ווערט די לופט אַלץ שיטערער און שיטערער. אונטען עטעמט דער מענש אַריין אַזוי פיעל לופט פאַר איין אָטעם־צוג, וויפיעל אויבען אין צוויי אָדער דריי מאָל. אום זיך ניט צו דערשטיקען מוז דער מענש אויבען אַ סך עפטער עטעמען. דער מענש ווערט דערום זעהר גיך איינגעמאַטערט; איהם איז שווער אין דער קאַלטער, שיטערער לופט.

פאַר וואָס אָבער איז קאַלט אויף די הויכע בערג? דאָס איז דער־פאַר, ווייל די לופט וואַרימט זיך ניט דירעקט פון די זון־שטראַהלען, נאָר פון דער ערד, וועלכע די זון ערוואַרימט. אין דער לופט דרינגען די שטראַהלען דורך, ווי דורך גלאָז, און וואַרימען זי כמעט גאָר ניט. דעריבער וואָס נעהענטער צו דער ערד אַלץ וואַרימער. אויף די הויכע בערג, ווייט פון דעם ערד־באָדען בלייבט די לופט תמיד קאַלט.

18.

עלעקטרי.

אויפ'ן ברעג ביים באַלטישען ים, צווישען אַלערליי קיילעכ־דיגע שטיינער, קען מען אַמאָל געפינען ניט קיין גרויסע שטיקער געלע סמאָלע. דאָס איז — ברושטין. די חוואַליעס ביים ברעג ים, וואַרפען זיי אַרויס פון אָבגרונד.

שוין לאַנג, זעהר לאַנג, מיט 2500 יאָהר צוריק, האָט דער גריכישער געלעהרטער טהאַלעס בעמערקט, אַז ווען מען זאָל שטאַרק אָנרייבען מיט געוואַנד אַ שטיק ברושטין, וועט דער־

ברושטין זיין אימשטאַנד צוציהען צו זיך פעדערליך, שטרויעל׳ך, דזיעגעכטס, שטיקליך פּאַפּיר און נאָך אַזעלכע גרינגע זאַכען. אין ברושטין, הייסט עס, בעווייזט זיך פון דעם רייבען אַזאַ כח, וועלכער צווינגט צו־ציהען זיך אין דער הויך אַרויף, פערשידענע לייכטע זאַכען.

דעם ברושטין האָבען די גריכען אַ נאָמען געגעבען „עלעקטראָן"; דער־פאַר האָט מען אויך דעם כח, וואָס ווייזט זיך אין איהם נאָכ׳ן אָנרייבען אַ נאָמען געגעבען עלעקטרי.

איצט איז בעוואוסט, אַז ניט נאָר ברושטין, נאָר אויך טריפוואַקס, פעך, שוועבעל און גלאָז בעקומען אויך אַ עלעקטרישע קראַפט, אויב מען זאָל זיי אָנרייבען מיט אַ געוואַנד, מיט אַ וואָלענעם שטאָף, אָדער מיט אַ פוטער־וואַרג.

יעדער פון אונז קען גאַנץ לייכט בעקומען עלעקטרי: נעהמט אַ שטעקעל טריפוואַקס, רייבט עס שטאַרק אָן מיט אַ געוואַנד, און שטעלט עס אָן נאָהענט צו אַ קופּקעלע שטרוי, אָדער דזעגעכטס.

די שטרויעלעך וועלען באַלד אָנהויבען צו טאַנצען, זיי וועלען צו שטעהן צום טריפוואַקס און אין אַ קורצע צייט אַרום וועלען זיי ווידער אָבפאַלען.

אַנשטאַט טריפוואַקס קען מען נעהמען אַן געוועהנליך שוואַרץ גוטאַפּערטשען קעמעל, אָדער אַ גלעזערן זעקעלע. נאָר בעסער פון אַלץ, זאָלט איהר מאַכען אַזאַ שפּיעלכעל, מאַכען איז עס ניט שווער.

קלאַפּט צונויף ניט קיין גרויס הילצערן קעסטעלע, און קלעפּט איהם אַרום פון דרויסען מיט פּאַפּיר, נאָכדעם קריגט ערגעץ צוויי דריי גוטע קירבעס, שניידט אויס פון זיי דאָס אינ־וויינינסטע האַרץ — עס איז זעהר אַ גרינגע — און מאַכט פון אָט דעם האַרץ עטליכע קייקעליך, קרייצעליך, קליינע מענשעלעך. חיות׳לעך א. ד. ג. אַז איהר וועט אַוועקלעגען אָט די אַלע פיגורעלעך אין קעסטעלע, וואָס איהר האָט געמאַכט, זאָלט איהר

צו־מאַכען צו איהם אַ שטייפע צודעק פון גאַנצען גלאָז. אויב איהר ווערט יעצט קענען קריגען ערגעץ אַ שטיקעל וויבען לעדער, — בעסער פון אַלץ איז אַ שטיקעל זעמש — ווערט איהר שוין האָבען אַלץ, כדי צו קענען לאָזען אין גאַנג אייער „שפּיעלצייג". יעדעס מאָל, וואָס איהר ווערט אָנהויבען רייבען מיט'ן לעדער די גלעזערנע צודעק פונ'ם קעסטעלע, וועלען די פיגורעלעך, וואָס איהר האָט געמאַכט פון קירבעס־האַרץ, אָנהויבען צו שפּרינגען, טאַנצען אינוויינינג אין קעסטעלע און אייניגע וועלען זיך אויפהויבען אין דער הויך און וועלען צושטעהן צום גלאָז און פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? דער־פאַר, וואָס אין דעם אָנגע־ריבענער גלעזערנער צודעק האָט זיך אָנגעקליבען עלעקטרי.

אַט דאָס צווינגט צו טאַנצען און עס ציהט צו צו דעם גלעזיל די פיגורעלעך פון קירבעס־האַרץ.

לאָמיר דערביי בעטראַכטען, צי האָט ניט די עלעקטרי נאָך עפּעס אַ מעהר קונציגען כח.



פיגורא № 1

זייט אויפמערקזאַם אויפ'ן בילד וואָס איז דאָ בייגעלעגט.

אויף אַ טישעלע שטעהט אַ גלעזערן סלופקעלע מיט אַ הילצערנעם שאָל (פּאָרסטאַוּוקע). צום סלופעל איז צוגעמאַכט אַ מעשענעם פּרענטעל צוגעבויגען ווי אַ העקעל, און אויפ'ן העקעל הענגט אַ קייקעלע פון קירבעס, אַ צוגעהאַנגענע אָן אַ זיידען פעדעמעל.

לאָמיר צוטראָגען צום קייקעלע אַנ'אָגעריבען גלעזערן שטעקעלע. דאָס קייקעלע וועט אויגענבליקליך זיך צו־ציהען צום שטעקעלע און ווי דאָס קייקעלע וועט שוין זיין גאָר נאָהענט נעבען שטעקעלע וועט זיך דערהערען אַ זעץ. נאָך דעם וועט דאָס קייקעלע אַ־וועק־שפּרינגען פון גלעזערנעם שטעקעלע. (זעה דאָס בילד). אז מיר וועלען דאָס־זעלבע מאַכען אין דער פינסטער, וועלען מיר ניט נאָר הערען אַ זעץ, נאָר מיר וועלען אויך דערזעהען אַ שוואַכעס ליכט, אַ פונקעלע וואָס בעוויזט זיך יערעס מאָל, ווען דאָס קייקעלע געהט צו גאָר נאָהענט צום גלעזערנעם שטעקעלע.

און אַזאַ פּרוב קענט איהר מאַכען אַליין. רייבט אָן מיט אַ שטיקעל געוואַנד אַ שטיקעל טריפּוואַקס אָדער אַ קעמעל און טראָגט איהם צו אין דער פינסטער צו אייער אייגענער האַנד: צווישען דעם טריפּוואַקס און דער האַנד וועט דורכשפּרינגען אַ גלענצענדיגער פונק און אין דערזעלבער צייט וועט זיך דערהערען אַ שוואַכער קלאַפּ. דאָס — איז ניט קיין פייער, דאָס איז ניט פון יענע פונקען, וואָס פליהען אַרוים טויזענדער וויוז פון אַ ברע־נענדיגען קאָסטיאָר, אָדער פון אַ הייסאָנגעהייצטען אויוועז, — ניין — דאָס איז אַ פונק אָהן פייער. אַזאַ פונק שאַפט יענער כח, וואָס מיר האָבען ניט לאַנג דאָ גערופען „עלעקטרי“; דעריבער הייסט אַזאַ פונק „דער עלעקטרישער פונק“.

דעם שכל, ווי אַזוי עס ווערט אַזאַ פונק, ערקלערען די געלערנטע מענשען אויף אַזאַ אופן:

פון דער עלעקטרי אין דעם אַנגעריבענעם גלעזערנעם שטעקעל בילדעט זיך, אָדער ווי די געלערטע דריקען זיך אויס, „ערוועקט זיך“ אויך עלעקטרי אין דעם קירבעס־קייקעלע, ווען מען טראָגט צו איהם צו אַזאַ מין שטעקעלע. אַט דיביידע עלעקטריען — די עלעקטרי פון דעם גלעזערנעם שטעקעלע און די עלעקטרי פון דעם קירבעס־קייקעלע — געהען געשווינד אַרויס איינע קעגען דער צווייטער. ווען די ביידע עלעקטרישע כוחות געהען זיך צונויף, קומט דער־פון אַרויס אַ שיין, אַ פונק און עס הערט זיך אַ קלאַפּ. אויך אַזוי אין אייער האַנד, אין דער צייט ווען איהר טראָגט צו איהר צו דאָס אַנגעריבענע קעמעל אָדער דעם טריפּוואַקס, ערוועקט זיך אַנ׳עלעקטרישע קראַפט. זי געהט אַרויס צו בעגעגענען פונקט אַזאַ קראַפט, וואָס געהט פונ׳ם קעמעל אָדער פון דעם טריפּוואַקס. ביידע כוחות פעראייניגען זיך און גיבען אַרויס אַ פונק, וואָס ווערט בעגלייט מיט אַ קלאַפּ.

ז. ליגקעוויטש.

19.

ווי אזוי דער מענש צופטר׳ט דער נאַטורס מתנות.

אַמאָליגע צייטען איז געווען אַסאַך ווייניגער מענשען ווי איצט, און וועלדער זענען געווען אַ סאַך מעהר. מענשען האָבען געלעבט אין די וועלדער און דאָרטען פלעגען זיי זיך קריגען זייער שפּייז. אָבער פיעל מענשען קען דער וואַלד ניט ערנעהרען, און אַז מענשען האָבען זיך געמעהרט, איז געוואָרען פאַר זיי קנאַפּ שפּייז. דאַמאָלס האָבען מענשען געמוזט אָבריינינגען די ערד פונ׳ם וואַלד און פערזייהען אויף די פרייע ערד — ברויט. דאָס איז געווען ניט קיין לייכטע זאַך, דען מענשען האָבען אַ לאַנגע צייט גאָר ניט געוואוסט פון אייזען און האָבען ניט געקענט מאַכען ניט קיין האַק, ניט קיין סאָכע. דעריבער האָבען זיי אויסגעקלערט

אַנ'אַנדער מיטעל ווי אַזוי ריין צו מאַכען די ערד פון וואַלד. דער מיטעל איז אַ לייכטער און אַ שנעלער: זיי האָבען גענומען גאָר פשוט אויסברענען דעם וואַלד. דאָס איז זיי אויך געראָטען; דען וואו עס וואַלט ניט העלפען קיין האַק און זעג, דאָרטען האָט געשווינד און ריין געטהון זיין זאַך דאָס פייער. מענשען האָבען זאָגאָר בעמערקט, אַז דאָרטען וואו עס איז אויסגעברענט דער וואַלד איז אויף יענער ערד זעהר געראָטען וואָס מען זייט, דעריבער איז דער מנהג אויסצוברענען וואַלד פערבליבען אַ לאַנגע צייט שפּעטער, אַפילו דאַמאַלס, ווען מענשען האָבען זיך שוין אויסגעלערנט מאַכען פערשידענע געצייג פון אייזען.

די אייביגע מלחמה מיט דער נאַטור

עס איז בעוואוסט, אַז די ערד ווערט אויסגעמאָגערט, ווען מען זייהט איינינע יאָהר נאָכאַנאַנד; דאַן האָט מען זי פערלאָזען, אַוועק ווייטער און ווידער געברענט וואַלד. אַזוי האָט מען גע־פיהרט די ערד־בעל־הבתישקייט אין אַמאָליגע צייטען אומעטום, וואו דער ערד אַרבייטער האָט געלעבט צווישען וועלדער; אַזוי פיהרט זיך היינט אויך דאָרטען וואו עס איז דאָ צו פיעל וואַלד.

אין רוסלאַנד און אין אַמעריקאַ פיהרט זיך די ערד בעל הבתישקייט אויף אַזאַ אופן איצטער אויך, וואו מענשען בעזעצען זיך אויף נייע ערטער. עס זענען אַוועק פיעלע יאָהרען איידער מענשען האָבען אויפגעהערט צו ברענען וועלדער, און האָבען אָנגעהויבען זיי האַקען, און ניט אויף פעלדער אַליין, נאָר אויך אויף האָלץ צו הייצען און בויען און צו מאַכען פערשידענע כלים. אין איינינע מדינות פלעגט מען האַקען וועלדער, כדי עס זאָל זיין לייכטער צו חאַפּען גזלנים און פיינד, וואָס פלעגען זיך דאָרטען בעהאַלטען גאַנצע באַנדעס־ווייז. קורץ: אומעטום וואו פיעלע מענשען האָבען זיך בעזעצט און געלעבט, דאָרטען האָבען זיי פערניכטעט די וועלדער פאַר זייער אייגענעם נוצען און בעקוועמ־

ליכקייט. זיי האָבען זיי פערניכטעט אַזוי פלייסיג און אַזוי פיעל, אַז פראַנקרייך, שפּאַניען און איטאַליען זענען איצט געבליבען הויל, אָהן וועלדער.

אין דייטשלאַנד זענען אויך געווען גרויסע וועלדער און איצט זענען זיי פערניכטעט; אין די פעראייניגטע-שטאַטען פון אַמעריקאַ ווערען אַלע יאָהר פערניכטעט מיליאָנען בוימער, און די איינוואָנערער, בעזונדערס די וואַלד הענדלער, שניידען אָהן רחמנות אויף ברעטער בוימער פון 55 ביז 65 קלאַפטער די הויך.

אין רוסלאַנד איז אַמאָל געווען גאָר אַ סך וועלדער, נאָר זיי ווערען שנעל פערניכטעט. ווי נאָר עס ווייזען זיך פאַבריקען, זאַוואָדען, אייזענבאַהנען און אפילו פשוט גרויסע שטעדט, דאָרטען ווערט פון די וועלדער זעהר שנעל אַ תל. אַזוי זענען צום ביישפּיעל פון די וועלדער אין טווערער און יאַראָסלאַווער גובערניעס איז פאַר הונדערט יאָהר צייט געבליבען אַ העלפט; אין יאַראָסלאַווער גובערניע איז געווען אַנדער'האַלבען מיליאָן דעסיאַטין וואַלד און דערפון איז געבליבען אין יאָהר 1860 בערך 800 טויזענד דעסיאַטין. אין קאַלוגער גובערניע איז מיט 50 יאָהר צוריק געווען אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזענד דעסיאַטין וואַלד, איצט איז דערפון געבליבען קנאַפּער ווי אַ האַלבער מיליאָן דעסיאַטין. און אין אַנדערע ערטער פון רוסלאַנד אין מזרח, אין מערב איז דיזעלבע זאַך, צום ביישפּיעל: אין טשערניגאָווער, סמאָלענסקער, וויטעבסקער, ווילענסקער, אופער, וויאַטקער, פּענזער, סימבירסקער און אַנדערע גובערניעס.

וואו עס איז געווען וואַלד, איז איצטער פעלד. אויפ'ן פעלד זייהט מען תבואה. מענשען קענען דעריבער מיינען, אַז דאָס וואָס מען מאַכט אַ תל פון די וועלדער איז דאָס פאַר מענשען אַ טובה. אין אמת'ן אָבער, אַז מען זאָל זיך גוט צוקוקען און זעהן וואָס איז געוואָרען פון די ערטער, וואו מען האָט אויסגעהאַקט די וועלדער, וועט מען זיך איבערצייגען, אַז די זאַך איז ניט אַזוי פשוט.

(נ. רובאקין.)

20.

וואס פאר א נוצען די וועלדער בריינגען.

די בוימער פון וואלד בעדעקען מיט זייערע צווייגען, אזוי ווי מיט א שירם די ערד פון די זוננענשטראהלען; זיי לאזען ניט איינטריקנען דעם טהוי און די פייכטקייט, וואס איז אין דער ערד. דער וואלד נעהמט אריין אין זיך דעם דאמף פון די וואסער; דאס רעגענוואסער ווערט אין וואלד ניט אויסגעטריקענט מיט אמאל, נאר עס געהט אראב טיעף אין דער ערד איבער די ווארצלען פון די בוימער. קלוגע מענשען האבען אפילו בעמערקט אז ניט נאר אין די ערטער, וואו עס איז דא וואלד, איז מעהר פייכטקייט, נאר אפילו אין די דערבייאיגע ערטער; און וואו עס איז ניטא קיין וואלד, דארטען איז ווייניג פייכטקייט. זומער איז אין וואלד ניט אזוי הייס, און ווינטער ניט אזוי קאלט, ווי אין פעלד. און וואו מען האט די וועלדער פערניכטעט, איז דארטען דער זומער זעהר א הייסער און די פעלדער ווערען צוברענט פון היץ. פאלעסטינא און אנדערע לענדער אין אזיען זענען אמאל געוועזען זעהר פרוכטבאר, בשעת זיי האבען געהאט וועלדער, און זינט די וועלדער זענען דארטען פערשוואונדען, זענען זיי געווארען פערוויסט.

די וועלדער פערשטעלען גאנצע לענדער פון ווינדען, אזוי ווי א וואנד אדער א פארהאנג. אין די אפענע ערטער בלאזט דער ווינד ווינטער צייט אראב דעם שניי און דער גרונד ווערט לייכט דורכגעפרארען; זומער צייט אבער טריקענט דער ווינד, צוברעקעלט דעם גרונד און מאכט פון איהם שטויב. כמעט אין אלע לענדער, וואו מען האט אויסגעהאקט די וועלדר, האט מען דערנאך אנגעהויבען צו בעמערקען, אז די ווינדען האבען אנגעהויבען דארטען שטארקער צו בלאזען ווי פריהער. אזוי איז געשעהן אין איטאליען, בעזונדערס אין דעם צפון-טייל, וואס רופט זיך לאמבארדיען. דארטען, אויף

די בערג בּוּשׁעוועט אַ טרוקענער און ברענענדיגער אַפריקאַנישער ווינד. וואָס רופט זיך „סיראָקאָ", און מאַכט אָן גרויסע צרות אויף די פעלדער. און אויף דעם האַלב־אינזעל יוטלאַנדען אין מיטעל־אַמעריקאַ, האָבען, צוליעב דערזעלבער זאַך, אָנגעהויבען צו בּלאָזען שנייערענדיגע ים־ווינדען, אין פראַנקרייך און אין דער שווייץ, זינט מען האָט דאָרטען אויסגעהאַקט די וועלדער און דערמיט געמאַכט אַ פרייען וועג די קאַלטע ווינדען, האָט מען אָנגעהויבען צו בעמערקען, אַז דער פריהלינג האָט אָנגעהויבען אימער זיך צו צושפּעטיגען, און פרוכטבּוימער וואַקסען לאַנגזאַמער ווי פריהער.

אין אַנדערע ערטער, אין רוסלאַנד, זאָגען די אַלטע לייט, אַז די לעצטע פונפצעהן צוואַנציג יאָהר זענען די ווינטערס געוואָרען לענגער און קעלטער, און די אָסיענס גליטשיגער און דער זומער איז געוואָרען קירצער. די פעלדער ווערען עפּטער צוברענט. געקומען איז דאָס דערפון, וואָס אין צפון־מזרח־ווינקעל פון רוסלאַנד, נעבען די אוראַלער בערג, האָט מען פאַר דער צייט אויסגעהאַקט די וועלדער, וואָס האָבען אַמאָל בעשיצט אַלע גובערניעס, וועלכע זענען אין צפון־מזרח פון רוסלאַנד, פון די קאַלטע און טרוקענע סיבּירער ווינדען. אין די סטעפּעס פון דרום־רוסלאַנד, האָט מען מיט 10 יאָהר צוריק גאָר ניט געוואוסט פון קיין ווינטער. פאַר די לעצטע הונדערט יאָהר האָט זיך די טרוקענע סטעפּ פון נייי־רוסלאַנד (נאָוואָראָסיע) צוגערוקט צו צפון־זייט אויף 80 אָדער אַפילו אויף 100 וויאָרסט איצט בּלאָזט דאָרטען אַ ווינד, וואָס טראָגט אָן זומער — טריקעניש און ווינטער שניידענדיגע קעלט. זאָגאַר אין קרים און אויף קאַווקאַז איז דער ווינטער געוואָרען שווערער און שאַרפער און דער זומער טריקענער. פרוכט־בּוימער מוז מען שוין פלאַנצען אין די ערטער וואָס ליעגען מעהר צו דרום־זייט; אָט די בּוימער האָבען אויפגעהערט צו בּריינגען פרוכט דאָרטען, וואו זיי האָבען פריהער יאָ געבּראַכט. אין מיטעל־און דרום רוסלאַנד ווערט דאָס נערעטעניש פון תבואה וואָס אַ יאָהר אַלץ ערגער, חאָטש די ערד ווערט בעאַרבּייט מיט בעסערע מיטלען ווי פריהער. דאָס איז אַ

געקומען דערפון, וואס מען האט געמאכט א תל פון די וועלדער אין מיטעל און מזרח זייט פון רוסלאנד.

די וועלדער ברענגען נאך א נוצען: די בוימער לאזען ניט אוועק געהן די קוואל־און רעגען־וואסער; די בוימער לאזען אין פריהלינג דעם שניי ניט צוגעהן אזוי גיך. דארטען וואו די בערגלעך זענען בעדעקט מיט וואלד, לויפט דאס וואסער אראב ניט שנעל, נאר ביסלעכווייז און געהערט א לאנגע צייט די טייכען און שטראמען, אבער ווען די וועלדער זענען פערניכטעט, ווערען דאן די אזערעס, טייכען און שטראמען אין זומער צייט פלאכער און קלענער. דאס האבען מענשען בעמערקט אין אמעריקא און אין דער שווייץ, און אין רוסלאנד זענען א סך קליינע טייכלעך גאר אינגאנצען אויסגעטריקענט געווארען, אפילו דאס וואסער אין די ברונעס איז אויך געווארען ווינציגער. אין קרים ווערען אלע גרויסע טייכען זומער צייט גאר אינגאנצען אויסגעטריקענט און די איינוואוינער ליידען פיעל צרות אהן וואסער.

נ. רובאקין.

2.

1.

די נאטור.

אונטער דעם ווארט „נאטור" דארף מען פערשטעהן אלץ, וואס עקזיסטירט: די ערד און אלעס אויף דער ערד, די זון, די לבנה, אלע שטערן, און אלעס, וואס איז אויף זיי און צווישען זיי. אונטער דעם ווארט „נאטור" דארף מען אבער פערשטעהן ניט נאר זאכען, אבער אויך אלעס וואס פאסירט מיט זאכען, אלע ענדערונגען פון זאכען. ניט נאר די ערד אליין בעלאנגט צו דער נאטור. אבער אויך איהר בעוועגונג, איהר ענטוויקלונג און אלע ענדערונגען אין איהר אינערן צושטאנד און אין איהר

אויבערן אויסזעהן . די נאַטור איז , אַלזאָ , אַלעס : אַלע זאַבען און אַלע ערשיינונגען . דאָס פּאַפּיר , אויף וועלכען איך שרייבּ , בּעלאַנגט צו דער נאַטור , מיינע אויגען , מיט וועלכע איך זעה דאָס פּאַפּיר , בּעלאַנגען אויך צו דער נאַטור , ענדליך , מיין אידעע אָדער פאָרשטעלונג וועגען דעם פּאַפּיר בּעלאַנגט אויך צו דער נאַטור .

דער מענש איז אַ טייל פון דער נאַטור , און דאָס מענשליכע לעבען איז אַ טייל פון דעם לעבען פון דער נאַטור . די נאַטור איז פול מיט לעבען ; יעדע זאַך , וואָס עקזיסטירט אין דער נאַטור , לעבט איהר ספּעציעלעס לעבען , און די סומע פון אַט די אַלע סאָרטען לעבען בּילדעט דאָס לעבען פון דער גאַנצער נאַטור , די וויסענשאַפט וויסט ניט פון טויטע און פון לעבעדיגע זאַכען . זי אונטערשיידט נאָר אָרגאַנישעס לעבען : פון אַזעלכע זאַכען וואָס האָבּען גליעדער (אָרגאַנען) , און לעבען פון אַזעלכע זאַכען , וואָס האָבּען ניט קיין גליעדער . עס איז ניט פאַרהאַן קיין זאַך אין דער וועלט , וועלכעס זאָל זיך אימער געפינען אין דעמזעלבּען צושטאַנד , וועלכעס זאָל אימער בּלייבּען איינס און דאָס־זעלבּע ; אַלעס געפינט זיך אין אַ שטענדיגער , אונאויפהערענדער ענדערונג . דער מענש איז אַפילו אויף איין סעקונדע ניט איינער און דערזעלבּער , ווייל אין איהם געהט אימער פאָר אַ פּראָצעס פון שאַפען און צושטערונג . דער שטאָף , פון וועלכען אונזער קערפּער בּעשטעהט האַלט אימער אין איין בּילדען זיך און אין איין צושטערען זיך . די אורינע ענטהאַלט אין זיך דעם צושטערטען שטאָף פון אונזער קערפּער , און דאָס וואָס מיר עסען און טרינקען , ענטהאַלט אין זיך דעם מאַטעריאַל , פון וועלכען עס בּילדעט זיך נייער שטאָף , וועלכער פערנעהמט דעם פּלאַץ פון דעם צושטערטען . דער ים איז קיינמאָל איינער און דערזעלבּער , די כוואַליעס בּייטען זיך יעדע סעקונדע , די בּערג זענען קיינמאָל ניט איינע און דיזעלבּע , א. אַז. וו.

אונזערע געפיהלען זענען ניט גענוג פיין , אום צו בּעמערקען

די אלע אונענדליך קליינע ענדערונגען, אבער די וויסענשאפט האט גענוג מיטלען דערצו. ווען איהר קוקט אויף א בארג, קענט איהר ניט בעמערקען ווי ער ענדערט זיך יעדע סעקונדע, ווי ער ווערט ביסלעכווייז צושטערט פון ווינדען, רעגען, א. ז. וו. אבער ווען איהר וואלט קענען א קוק טאן אויף דעם־זעלבען בארג אין 100,000 יאהר ארום, וואלט איהר געזעהען, אז ער איז שוין ווייט ניט דערזעלבער וואס איצט.

איז פארהאן עטוואס אויסער דער נאטור? ניין! ווייל די נאטור איז אלעם וואס עקזיסטירט נאר. די נאטור איז אומעטום. האט די נאטור אנ׳אנהויב און אנ׳ענדע אדער, בעסער געזאגט, האט די נאטור א גרענעץ? ניין! ווידער דערפאר ווייל די נאטור איז אלעם. ווען די נאטור וואלט געהאט א גרענעץ, דאן וואלט עקזיסטירט עטוואס אויסער איהר, אריבער דעם גרענעץ. די נאטור איז אלעם, און דערפאר איז אונמעגליך זיך פארצושטעלען, אז זי איז בעשריינקט. די נאטור איז אונענדליך. האט די וועלט ווען עס איז געהאט אנ׳אנהויב, — ד. ה. האט די עקזיסטענץ פון דער וועלט ווען עס איז געהאט אנ׳אנהויב? — אדער די נאטור עקזיסטירט פון אייביג אן? וועט די נאטור ווען עס איז אויפהערען צו עקזיסטירען? אבוואהל מען קען עס ניט בעווייזען, פונדעסטוועגען איז פאר דעם וויסענשאפטליכען פערשטאנד גאנץ אונדענקבאר, אז די נאטור זאל האבען אנ׳אנהויב אדער אז זי זאל ווען עס איז האבען אנ׳ענדע. די נאטור איז אלעם, די נאטור איז אונענדליך און אונבעשריינקבאר, די נאטור איז אייביג.

22.

II.

דער מענש און זיין פלאץ אין דעב נאטור.

דער מענש האלט זיך געוועהנליך פאר די ציהרונג פון דער נאטור, פאר דאס שענסטע, העכסטע און בעסטע וועזען אין דער נאטור. ער קוקט אויף די נאטור אזוי ווי זי וואלט געוועזען זיין שקלאף, און ער — איהר בעל הבית; אזוי ווי זי וואלט בעשאפען געווארען ספעציעל פאר איהם: די זון שיינט ביי־טאג, כדי עס זאל איהם זיין ליכטיג און ווארים; די לבנה שיינט ביי־נאכט, כדי ער זאל זעהן, ווי אהיים צו געהן; דער רעגען פאלט, כדי זיין תבואה זאל וואקסען; אקסען עקזיסטירען אויף דער וועלט, כדי ער זאל האבען פלייש צו מיטאג, און בהמות כדי ער זאל האבען מילך צום טיי; דער וויגד בלאזט פאר זיינע מיהלען, די טייכען פליסען פאר זיינע שיפען, די בערג עקזיסטירען, כדי ער זאל זיי בעוואונדערן, און די בלומען שמעקען, כדי ער זאל האבען פערגניגען. מיט איין ווארט — די גוטע מוטער־נאטור טהוט אלעס פאר איהר ליעבלינג — דעם מענש. — אזוי דענקט דער מענש, אזוי זינגען צום וויינינסטען אונזערע דיכטער, אבער איז עס ווירקליך אזוי? האט דען ניט דער מענש, — חוץ אט די אלע גליקען — אויך די חאלעריע און טויזענדער אנדערע מגפות? האט ער דען ניט שרפות, וועלכע רואינירען און פערברענען איהם; האט ער דען ניט ערדציטטערנישען, דונערן און בליצען? האט ער דען ניט ווערים, וועלכע עסען איהם און וועלף, וועלכע צורייסען איהם? מוז ער זיך דען ניט היטען אויף יעדען טריט פאר'ן טויט, און שטארבט ער דען ניט כמעט אימער פאר דער צייט? אין דער ווירקליכקייט עקזיסטירט ניט די נאטור פאר דעם מענשען, אזוי ווי זי עקזיסטירט ניט פאר די ווערים, פאר די

וועלף, פאר די בערג און פאר די טייכען. פאר דער נאטור זענען אלע און אלעם גליך, ווייל אלע זענען נאר טיילען פון איהר. און יעדעס בעזונדערע וועזען איז נאר אנ'אונענדליך קליינער טייל פון איהר. ווען דער מענש איז איצט ווירקליך א מאכט אין דער נאטור, ווען ער איז ווירקליך א הערשער איבער אלע חיות, ווען ער בענוצט די נאטור־קרעפטען פאר זיינע ציעלען, — איז דאס ניט דערפאר, וואס די נאטור קימערט זיך איבער איהם, אבער דערפאר, וואס ער אליין קימערט זיך איבער זיך, וואס ער אליין טראכט און זארגט וועגען זיך.

מיט א יאהר 20 אדער 30 טויזענד צוריק, ווען די מענשהייט איז נאך געווען אין איהר קינדהייט, ווען דער מענש האט זיך נאך ניט אונטערשיידט זעהר פיעל פון אנ'אפע, ווען זיין פערשטאנד איז נאך געוועזען זעהר שוואך, — דאן איז אלעס אין דער נאטור געווען פאר איהם א געהיימניס און א שרעקען: א געהיימניס, — ווייל ער האט נאך גאר ניט פערשטאנען אין איהר, און א שרעקען, — דערפאר. וואס ניט פערשטעהענדיג זי האט ער ניט געקענט פערהיטען זיך פאר די אונענדליך פיעלע געפאהרען, וועלכע ער פלעגט בעגעגנען אויף יעדען שריט און טריט. זיין גאנץ לעבען איז געווען א ביטערער קאמף מיט דער אונהערצליכער נאטור, און אין דעם דאזיגען קאמף פלעגט ער זעלטען זיין דער זיעגער. אבער אט דער ביטערער, אונאויפהערליכער קאמף פאר דאס לעבען האט ביסלעכווייז ענטוויקעלט זיין פערשטאנד. ער האט ביסלעכווייז אנגעהויבען צו קענען פערשטעהן די נאטור, און וואס מעהר ער האט אנגעהויבען צו פערשטעהן זי, אלץ ווייניגער האט ער אנגעהויבען צו שרעקען זיך פאר איהר. אזוי לאנג, ווי די נאטור איז פאר איהם געווען א געהיימניס, האט ער זיך בעטראכט אלס איהר שקלאף און האט זיך געפיהלט שרעקליך שוואך. אבער אזוי ניך ווי ער האט אנגעהויבען צו קענען זי, האט ער זיך אנגעהויבען צו פיהלען אלץ פרייער און שטארקער. ער האט ניט נאר אויפגעהערט צו

שרעקען זיך פאר איהר, נאר ער האט אפילו אנגעהויבען אוים־
צונוצען איהרע קרעפטען פאר זיינע ציעלען, ד. ה. אום צו מאכען
זיין לעבען לייכטער און בעסער. דער ווינד, וועלכער פלעגט
איהם פריהער שרעקען, האט אנגעהויבען צו טרייבען זיינע
מיהלען; דער טייך, אין וועלכען ער פלעגט מורא האבען
דערטרונקען צו ווערען, האט אנגעהויבען צו טראגען אויף זיך
זיינע שיפען; די חיות, פאר וועלכע ער פלעגט פריהער
אנטלויפען, האבען אנגעהויבען צו דיענען איהם, א. ז. וו.
געהמט אוועק ביי דער איצטיגער שטאלצער מענשהייט מיט
אמאל איהר גאנצעס קענען און וויסען פון דער נאטור, — און
זי וועט מיט אמאל ווערען אזוי שוואך, אזוי הילפלאז, אז
אין א גאנץ קורצע צייט וועט זי מוזען אינגאנצען פערשווינדען.
אונזער גאנצע מאכט ליעגט אין דעם, וואס מיר קענען און
פערשטעהען די נאטור, אבוואהל אונזער קענען איז נאך
דערווייליע זעהר וויט פון פאלקאמען. דער גאנצער פראגרעס
פון דער מענשהייט בעשטעהט אין גרונד גענומען אין דער
אונאויפהעהרליכער פערגרעסערונג פון זיין קענען די נאטור.
די געשיכטע פון דער מענשהייט איז די געשיכטע פון דעם
קאמף צווישען דעם מענשען און דער נאטור. די געשיכטע פון
אונזער ביסלעכווייזער בעפרייאונג פון דער נאטור, פון אונזער
ביסלעכווייזער עראבערונג אין דער נאטור. אונזער וויסענהייט
איז פינסטערניש, שוואכקייט און הילפלאזיגקייט; וויסען איז מאכט, ליכט און פרייד.

23.

דאס עסענפערדייע,

ווי צו עסען דארף מען אונז נישט לערנען. מיר ווייסען, אז מיר דארפען צוטראגען די אכילה און אריינלעגען זי אין מויל אריין, דאן צוקייען, אויב מיר האבען צייהן אין מויל, און אראבשלינגען, די אכילה — אויב זי בלייבט נישט שטעהן אין האלז — גליטשט זיך אריין אין מאגען, וואו זי ווערט איבער־געקאכט. דעם טראקט, וועלכען די אכילה האט דורכצוגעהן ווייסען מיר אלזא גוט — נאך די נעמען נאך. דאס איז קנאפ. מיר מוזען ווייסען, ווי דער טראקט זעהט אויס, ווי ער ליעגט, וואס פאר א בעדייטונג, ווירקונג און ארבייט האט אין איהם יעדער פונקט.

מיר וועלען אנהויבען פון דעם מויל. אין מויל האבען מיר צוויי און דרייסיג צייהן, צו זעכצעהן אין יעדער יאסלע (קיעפער):



1. דאס געמעהל צייגט אונז א האלבען מויל ציין, אונטערסטע און אויבערסטע פון רעכטס נאך לינקס נאך'ן סדר נאך: רעכטס ביים עק צו צוויי פארנסטע ציין אונטען און אויבען; נאך זיי — צוויי עקציין, נאך די עקציין צו פינף באקציין.

ניכט פאָדערשטע ציינער, צו פיער אונטען און אויבען; פיער עקציינער, צו איין צאָהן ביי די זייטען פון די פאָדערשטע ציינער און ענדליך צוואַנציג באַקציינער, צו פינף ביי די זייטען פון די עקציין. ביי אַ קינד הויבען זיך אָן אויסצושניידען צייהנדלעך אויפ'ן זיעבענטען חדש — צווייטען פאָדערשטע. צו צוויי יאָהר געוועהנליך איז שוין דאָס מויל אָנגעפילט. דאָס זענען די מילך־ציינער. אינגאַנצען זענען זיי צוואַנציג — צו צעהן אין אַ יאַסלע. צו זיעבען יאָהר הויבען זיי אָן אַרויסצופאַלען און אויף זייער אָרט וואַקסען אויס די ריכטיגע ציינער. דער באַקצאָהן בעוויזט זיך צוערשט. ער וואַקסט אויס אויף דעם זיעבענטען אָדער אַכטען יאָהר; דערנאָך וואַקסען אויס כסדר די אַנדערע ציינער. דער לעצטער צאָהן וואַקסט אויס אויפ'ן צוואַנציגסטען יאָהר. דאָס איז דער בעריהמטער „חכמה־צאָהן". די פאָרנסטע ציינער זענען נישט ענליך אויף די עקציינער, און ביידע זעהען נישט אויס ווי די באַקציינער. זיי האָבען אויך גאָר בעזונדערע מלאכות. די פאָרנסטע ציינער בייסען פונאַנדער די שפייז, די עקציינער צורייסען זי אויף שטיקלעך, די באַקציינער צורייבען און צומאָהלען זי. (אין מחשבות'ן, דער עולם מיינט, אַז עס איז פאַרהאַן אַ צאָהן אין מויל, וואָס האָט אַ שייכות צו'ם אויג: ווען מען רייסט איהם אַרויס, קאָן מען בלינד ווערען. לאָ דובים ולאָ יער! אַ באָבע־מעשה און נישט מעהר. די וויסענשאַפט האָט לייכט בעוויזען אַז צווישען די ציינער און צווישען די אויגען איז קיין צוזאַמענהאַנג נישטאָ).

אַז מיר עסען, קומט אונז אַריין אין מויל אַ סאַך שפייעכטס. די וויכטיגקייט פון דעם שפייעכטס וועלען מיר שפּעטער דער־וויסען, אָבער אַפילו נישט אַ סך שטודירענדיג, קאָנען מיר זאָגען, אַז אַ טרוקענער ביסען, אַ נישט דורכגענעצטער און נישט דורכגעווייקטער מיט שפייעכטס, וואָלט אונז נישט גלאַט אַראָב, און דאָס שפייעכטס איז שוין מיט דעם אַליין וויכטיג, וואָס דאָס נעצט אָן דעם ביסען. פון וואַנען נעהמט זיך אָבער דאָס שפייעכטס אין מויל? דאָס שפייעכטס ווערט אויסגעאַרבייט אין

בעזונדערע אֵברים׳לעך , וואָס ווערען אָנגערופען שפייעכטס־דריזלעך .
זעקס דריזלעך זענען פאַרהאַן : צוויי ליעגען נעבען די אויערן ,
צוויי אין ביידע זייטען פון דער אונטערשטער יאַסליען און צוויי
אונטער דער צונג . יעדע פון די דריזלעך ענדיגט זיך אין מויל
מיט אַ טרייבעל , מיט אַ רינע . אַז מיר הויבען אָן צו פיהלען
דעם טעם פון דער אכילה , אָדער אַז מיר נעהמען עפּעס צווישען
די ציינער , קומט אונז אַריין די סלינע אין מויל .

דאס עסענפערדייען



2. אויף דעם געמעהל זעהט מען די שפייעכטס־דריזען : אונטער׳ן אויער
אונטער דער יאַסלע און אונטער דער צונג .

איינער פון די וויכטיגסטע העלפער ביי דעם עסען איז די

צונג, א חוץ דעם, וואס זי ווארפט אום דעם ביססען און קערהט איהם אין אלע זייטען, וואס זי רייניגט אונז די צייהנער ביים



ט. דער קאפ און דער האלז פונאנדערגעשניטען אויף דער העלפט.

עסען, האָט זי די זעהר אַ וויכטיגע מעלה, וואָס זי גיט אונז אַ פיהלען דעם טעם פון אונזער שפייז צו דעם בענוצט זי זיך מיט אַזעלכע נערוועו־פעדימלעך, וועלכע זענען אין איהר אויסגעלייגט געוואָרען. דער חוש הטעם איז זעהר וויכטיג ביים אויסאַרבייטען פון שפייעכטס און מאַכט אונז דעם אפעטיט: אַ געשמאַק שפייז עסען מיר מעהר ווי אַ נישט געשמאַקע.

דער ביסען איז שוין גוט פונאַנדערגעקייט געוואָרען — און מיר שלינגען איהם אַראָב, ער איז אַריין אין שלונג, אין גלאַטקע פון דאָרטען אין ושט און — אַראָב. דער ושט איז אַ לאַנגע ווייכע קישקע, וועלכע געהט הינטער דער גאָרגעל דורך דעם ברוסטקאַסטען, לעבערט דורך דאָס פלייש־הייטעל, וואָס טיילט אָב דעם ברוסטקאַסטען פון בויך, און געהט אַריין אין מאָגען. ביים אַראָבגעהן דאַרף דער ביסען אַריבערשפרינגען די גאָרגעל און אַריין אין דאָס לאָך פון ושט, וועלכער ליעגט הינטער דער גאָרגעל. דער ביסען וואָלט זיכער אַריינגעגאַנגען אין גאָרגעל, נאָר אונזער מאַשינע איז אויסגעצייכענט געמאַכט געוואָרען. דאָרט, וואו די צונג ענדיגט זיך, אין שלונג, ליעגט אַ חריאַשטשיק, וועלכער פערדעקט ביים שלינגען דאָס לאָך פון גאָרגעל און דער ביסען גליטשט זיך איבער איהם אַריבער ווי איבער אַ בריקעל גלייך אין ושט אַריין, כדי מיר זאָלען בעסער געדענקען, וועלען מיר אָנרופען דעם חריאַשטשיק מיט אַ יודישען נאָמען — דער גורגעלדעקעל. ער פערהיט אונז פון שלעכטס. ווען עס טרעפט זיך אַמאָל, אַז ער איז נישט גוט צוגעמאַכט — און דערהויפט טרעפט זיך עס, ווען מען רעדט ביים עסען אָדער ווען מען עטהעמט אויף ביים אַראָבשלינגען — קומען אַריין שטיקלעך פון אונזער ביסען נישט אין דער רעכטער קעהלע, דאָס הייסט, זיי פערבלאָנזען אין גאָרגעל. דעמאָלט פערחליניעט, פערשלוקט מען זיך — מען הויבט אָן שטאַרק צו הוסטען און מען הוסט צוריק אַרויס די שטיקלעך. און דער הוסט — ווי אונאַנגענעהם ער איז — שפיעלט אין דעם פאַל אַ גרויסע ראָליע: ער ראַטעוועט פיטום

דעם מענשען. וואָרום, אַז די שטיקלעך פון ביסען וואָלטען אַריין דורך דעם גאָרגעל אין די לונגען, וואָלט געוואָרען אַ לונגענט-צינדונג. און ווי דער גורגעלדעקעל פערהיט, עס זאָל נישט אַריינקומען אַ שטיקעל ביסען אין גאָרגעל, אַזוי פערהיט אַ דין ניטען-פאָרהיינגעל מיט אַ קליין צינגעל, אַז דער ביסען זאָל נישט אַריין אין נאָז. נאָר אַז דאָס עסען פערקריכט אַפילו אין נאָז אַי עס מעהר נישט אונאַנגענעהם, אָבער קיין סכנה איז עס ניט. פאַרבייגעהענדיג וועלען מיר זאָגען, אַז דאָס פאָרהיינגעל מיט דעם קליינעם צינגעל קאָנן יעדער ביי זיך זעהן אין שפיגעל.

דורך דעם ושט געהט דער ביסען פון שלונג, אין מאָגען. נאָר ער פאַלט נישט אַראָב דורך זיין שווערקייט: די ווענטלעך פון דעם ושט שטופען איהם אַראָב, ווי מען שטופט אַראָב דאָס געפילעכטס אין אַ געפילטע קישקע. אין די ווענטלעך ליעגען מוסקעלען, וועלכע ציהען איין דעם ושט ווי אַ רינג אויף יעדען אָרט. איינציהענדיג זיך כסדר פון אויבען אַראָב, טרייבט דער ושט דעם ביסען ביז צום מאָגען. מיר האָבען שוין געבראַכט איין משל: דאָס געפילעכטס אין דער קישקע. מיר וועלען ברייגגען נאָך אַ משל, וועלכער וועט אונז נאָך דייטליכער ערקלערען די בעוועגונגען פון דעם ושט, די בעוועגונגען פון דעם ושט זענען ענהליך אויף בעוועגונגען פון אַ וואָרם ביים פויזען און מען רופט זיי טאַקי ווערם-אַרטיגע בעוועגונג. און אַ סימן, אַז דער ביסען פאַלט נישט אַראָב, נאָר דער ושט שטופט איהם מיט אייגענער קראַפט, איז דאָס, וואָס מיר קאָנען שלינגען ליעגענדיג מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף. דאָס וואָלט געוועזען אונמעגליך, ווען דער ביסען וואָלט זיך אַראָבגעקייקעלט דורך זיין אייגענער שווערקייט. און ווען מיר שלינגען אַראָב אַ צו גרויסען ביסען, פיהלען מיר דען נישט, ווי עפּיס שטופט איהם אַראָב מיט שיה אין כח, האָטש אונז טהוט עס וועה?

נור אונזער ביסען איז גליקליך אַראָב דורכ׳ן ושט, וועלכער

לעבערט דורך די מחיצה, דאָס וועגטעל צווישען דעם בויך און ברוסטקאַסטען און געהט אַריין אין מאָגען.

דער מאָגען זעהט אויס אַנ'ערך ווי אַ לענגליכער, אויסגעבויגטער, האַלב־לבנה'דיגער זעקעל. ביי אַ קינד, וואָס עסט געוועהנליך וועניג, אָדער ביי אַ גרויסען מענשען, וואָס האָט שוין לאַנג נישט געגעסען, איז דער מאָגען נישט פֿונאַנדערגעצויגען ווי אַ זאַק. דערפֿון איז אָבער געדרונגען, אַז די אויסגעצויגענע פֿאָרם בעקומט דער מאָגען פֿון עסען. דער מאָגען האָט גאַנץ דיקע ווענטלעך אינוויינִיג איז ער אויסגעלעגט מיט אַ שליים־הייטעל, וועלכע איז צונויפגעלעגט אין קנייטשען און פֿאַלדען. פֿון אויסען איז ער אָנגעטאָן אין אַ פֿינקעלנדע, בלישצענדע גלאַטע הויט — דאָס בויך־פעל וואָס איז אָנגעטאָן אויף די דערם און אויסגעבעט אין גאַנצען בויך. זי איז שטענדיג פייכט; דערפֿאַר רייבען זיך



9. דער מאָגען מיט דעם צוועלפֿפֿינגערדיגען דאַרם (ווי זיי זעהן אויס פֿון פֿאָ[illegible]).

ניִשׁט צווישען אַנאַנד, דער מאָגען מיט די דערם און די ווענטלעך פון בויך. צווישען דעם שליים־הייטעל און דעם בויך־פעל ליעגען די מוסקעלן, דאָס מאָגענפלייש. קליינע פאַזערן (פעדימלעך) זענען אין זיי צושפרייט און צו־וואָרפען אין דער לענג און דער ברייט און דערפאַר קאָן איך דער מאָגען אויסציהען און איינציהען זיך אין אַל'ע ריכטונגען. דאָס קומט פאָר ביים קאָכען.

אין דעם מאָגענס שליים־הייטעל געפינען זיך אַ סך דריזלעך, וועלכע גיבען פון זיך אַרויס דעם מאָגענזאַפט. דער זאַפט האָט אַ זויערן טעם און בעזיצט די פעהיגקייט פונאַנדערלאָזען און מאַכען פון אונזער ביסען אַ קאַשקע. דער ביסען נעהמט זיך אָן מיט דעם



8. דער מאָגען מיט דעם צוועלף־פינגערדיגען דאַרם אָהן דאָס פאָדערשטע ווענטעל.

זאפט, און דער מאָגען, וועלכער ציהט זיך איין און ציהט זיך פונאַנדער בשעת מעשׂה, ווארפט אום דעם ביסען, מישט איהם אוים און צוברעקעלט איהם. פון דעם ביסען ווערט אַ קאַשקע...

נאָר מיר דאַרפען געדענקען, אַז איצט שטודירען מיר בלויז דעם טראַקט, דעם וועג, וועלכען דער ביסען דאַרף אויסמאַכען. דערפאַר וועלען מיר זיך איצט נישט אָבשטעלען ביים קאָכען און שטודירען וויטער דעם מאַרשרוט.

כל זמן דער ביסען קאָכט זיך, קאָן ער נישט אַריין אין דאַרם, אין קישקע, ווייל ביים איבערגאַנג פון מאָגען אין דאַרם ליעגט אַ מוסקעלרינג, וועלכער ציהט זיך צונויף און פערשליסט דעם אַרויסגאַנג פון מאָגען. נאָר אַז דער ביסען האָט זיך שוין איבערגעקאָכט, עפֿענט זיך פונאַנדער דער רינג און די קאַשקע גיסט זיך אַריין אין דאַרם, וואו זי ווערט נאָך וויטער געקאָכט, ווי מיר וועלען דאָס וויטער לערנען.

די דערם פערנעהמען כמעט דעם גאַנצען בויך, זיי זענען זעהר לאַנג. אַז מען זאָל זיי אויסציהען, וועלען זיי זיין אין פינף און אפילו אין צעהן מאָל גרעסער פאַר דעם גאַנצען מענשען. זיי האָבען פערשידענע לענג. ביי פלייש־עסער זענען זיי קירצער ווי ביי גראָז־עסער. ביי אַ שעפּס למשל זענען זיי 30 מאָל לענגער פאַר די לייגג פון איהר קערפּער.

זיי ווערען איינגעטיילט אין דיקע און דינע. די דינע קישקע הויבט זיך אָן פון מאָגען און צולעגט זיך געדרעהט און געבויגט און געקרימט איבער'ן גאַנצען בויך. און ווען מיר ווילען זיין נאָר איננאַנצען געלעהרטע, קאָנען מיר זיך מערקען, אַז די דינע קישקע, וואָס הויבט זיך אָן פון מאָגען, ווערט אָנגערופען צוועלף־פינגערדינע, ווייל זי איז צוועלף פינגער די לענג. און פון איהר גּעהען אַוועק די איבּריגע דינע דערם. אונטען, אין דער רעכטער זייט פון בויך, אין ־עק, געהט איבער די דינע קישקע אין די דיקע, וועלכע איז לכל הפּחות אין צוויין דיקער פאַר דער דינער. זי הויבט זיך אויף אין דער רעכטער זייט בויך אַרויף און

דאן פערקעהרט זי זיך אין געהט אין דערברייט פון בויך אונטער'ן פופיק ביז צו דער לינקער זייט בויך; דארט לאזט זי זיך אראב



6. די אינוועניגסטע אין בויך: לינקס אונטער דעם ברוסטקאסטען (רעכטס פון אונז) ליעגט דער מאגען, רעכטס אונטער דעם ברוסטקאסטען – די לעבער מיט דער גאל. פון דעם מאגען לאזען זיך אראב די דינע קישקעס, וועלכע געהן אריבער רעכטס אונטען אין די דיקע קישקעס. דער ארט וואו ביידע סארטען דערים געהן זיך צונויף איז דער בלינדער דארם, פון וועלכען עס הענגט אראב דער ווערמארטיגער דארם. צווישען דעם מאגען און די קישקעס ליעגט דער אונטערמאגענדריזע, דער פאנקרעאס, וועגען וועלכען מיר וועלען שפעטער רעדען.

זוי דער אונטערשטער טייל פֿון אַ ל, געהט איבער איז דער גלייכער קישקע און ענדיגט מיט'ן אַרויסגאַנג. ביי איהר אָנפֿאַנג האָט די דיקע קישקע אַ קורץ צווייגעל, וואָס ווערט אָנגערופֿען די בלינדע קישקע; פֿון דער בלינדער קישקע געהט אַ לאַנג, שמאָל צווייגעל, וואָס ווערט אָנגערופֿען ווערמאַרטיגער. ווען אַהער זאָל זיך פֿערקלייבען אַ האַרט שטיקעל שפּייז — למשל אַ ביינדעל פֿון אַ פלוים — וועט עס שוין נישט קענען אַרויס און אַרויסרופֿען אַ גאַנץ געפֿעהרליכע ענטצינדונג.

די דערם זענען צוזאַמענגעשטעלט, ווי דער מאָגען. פֿון אויסען דאָס בויך־פֿעל, אינווייניג דאָס שליים־הייטעל, און צווישען — די מוסקעלען. דער איבערגעקאָכטער ביסען, די קאַשקע, ווערט דאָ געטריבען דורך די קראַפֿט פֿון די דערם'ס בעוועגונג. דיזעלביגע זאַך ווי אין ושט. די קישקע ציהט זיך אַיין אין רינגען כּסדר פֿון אויבען אַראָב און טרייבט דעם איבערגעקאָכטען ביסען. און ביסלעכווייס געהט פֿאָר די בעוועגונג, כּדי דער ביסען זאָל זיך גאָר אינגאַנצען אויסקאָכען. דורכגעהענדיג די דינע קישקע, ווערט דער איבערגעקאָכטער ביסען אויסגעזויגען און דערום געדיכטער; ווען ער דערגעהט צו דער גראָבער קישקע, זענען שוין פֿון איהם אויסגעזויגען אַלע זאַפֿטען און עצמות; דורכגעהענדיג די דיקע קישקע, ווערט ער שוין גאַנץ געדיכט און ענדליך געהט ער אַרויס פֿון דעם אַרויסגאַנג אַלס האַרטע צאָה.

די שלונג, דער ושט, דער מאָגען, די דינע און די דיקע דערם ווערען אָנגערופֿען אין אײנעם דער פֿערדייאונגס־קאַנאַל.

([illegible])

צווייטע אבטיילונג.

24.

הערבסט אין וואַלד.

שאַ, שטיל איז אין דעם וואַלד, ווי אין שטעדטעל שבת׳ דיען דער עולם שלאָפט נאָך מיטאָג און די שטילקייט דאָרט וואַרפט אָן אַ מרה־שחורה. די בוימער שטעהען עפּעס פערטראַכט, פערזאָרגט, גאָר נישט דאָס פּנים, דאָס געשטאַלט וואָס פריהער. זייער שאָקלען מיט די צווייגען — דאָס איז אַ ברעכען מיט די הענד, זייער זשומען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצען, אַ קרעכצען פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין גאָכדעם ווי איהרע קינדער צופאָהרען זיך אין אַלע זייטען. דאָרט וואו עס האָט ערשט געלעבט, זיך גערעשט, געזונגען, געשפּרונגען אין איטליכם ווינקעלע, איז אַצינד שטיל־רוהיג, ווי אויף אַ בית־עולם. אַלסדינג דאָרט דערמאָהנט אין דעם צושיידען זיך מיט די ליעבע טיעף אין האַרצען איינגעבאַקענע. נישטאָ די פריהער־דיגע לעבעדיגקייט, די פרישקייט און איינגעריימטקייט, אַלסדינג שטעהט עפּעס וויא ברוגז, זעהר אומעטיג. דער הימעל קוקט אויך נישט פריינדליך און איז עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזען. וויסט איז די נעסטען — די פייגעלעך זענען זיך צופלויגען... פערזאָרגט, פערטראַכט שטעהט דער וואַלד, גלייך ווי ער פיהלט, אַז דאָס אויפהויבען זיך און אוועקפליהען פון זיינע שפּיעל־פייגעליך בעוויזט גישט אויף קיין גוטס. ער מעג זיך ריכטען, אַז באַלד־באַלד וועט זיך אָנרוקען אויף איהם אַ חמאַרע, — דער ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטען. און ער איז אַצינד דעריבער פערזאָרגט, שטאַרק בעטריבט.

ש. אבראמאוויטש.

דער וואלד אין הערבסט.

אך! ברעכט ארוים דער אלטער וואלד.
מיט שטורם און געוויין —
וואו זענען זיי, וואס האבען זיי
געלאזען מיך אליין;

איך האב דאך איטליכם פייגעלע
פערזארגט מיט דירה, קעסט.
געגעבען פרייהייט: שפרינגט און זינגט,
צי ליעגט בערוהט אין נעסט.

און ווי דער ערשטער ווינד פון הערבסט
האט זיי נאר אנגעריהרט —
צופלויגען זענען זיי פון מיר.
דעם „זיי־געזונד" פערפיהרט;

א רייזע

25.

הערבסט אין שטעדטיל.

א שטומע, געשטארבענע נאכט, — קיין הייזעל, קיין ליכט. קאלטע ווינדען בלאזען און רייסען זיך אהן אנ'אנהויב, אהן א סוף. דא און דארט מאלט זיך אוים א שאטען פון א שטעהענדיגען בוים, וועלכער בעוועגט זיך מיט א נאקעטע צווייג.

דא און דארט שפיעלט זיך דער ווינד אין אנ'אבגעריסענעם בלעך, אין א שילד ערגעץ פאר א געוועלביל און קלאפט אהין און אהער. ערגעץ דארט, אין א פערלאזטער רינע, טריפען טראפענס וואסער, און די טראפענס קלאפען, בלאזענדיג אין

דער רינע... ווייט אין געסעל הערט זיך א רעש'ן פון א גרויפען־מיהלעכיל. די גרייפען פאלען אויף דעם רייב־שטיין, און עס קלאגט זיך. האט פרעטענזיעס — ווייסט איין גאט, אויף וואס און אויף וועמען...

ש. אש.

26.

הערבסט.

ס'איז דער הערבסט געקומען
ס'וועלקען בוים און בלים,
געלע בלעטער, וועה איך,
וואלגערן זיך אום.

ס'קומט א ווינד א קאלטער
פייפט א ליעדעל צו
און די ארמע בלעטער
האבען ניט קיין רוה:

הויבען זיך און טאנצען
טויטערהייד, אהן מאכט.
און דער ווינד, דער בייזער,
פייפט און שפיעלט און לאכט...

א. רייזען.

27.

ערב יום כפור.

ערב יום כפור, ארום האלבען טאג.

ר' אליה דער טוך־פאבריקאנט גרייט זיך צו עהרליך פונ־נאנדערצאהלען זיך מיט זיינע ארבייטער. לכבוד יום כפור! דער בוכהאלטער מיט'ן קאסער מאכען די רעכנונגען און צעהלען אויס דאס געלד.

ער וויל זיך אפילו פריינדליך צוזעגענען מיט זיי. אויפ'ן גרויסען שרייב־טיש שטעהט א גרויסע פלאש בראנפען, עטליכע גלעזלעך, עס ליעגט א סך אנגעשניטענע לעקעך. ער וויל זיי זוינשען, זיי זאלען נישט דארפען אנקומען צו פרעמדע הענד.

ער געהט ארום הין און צוריק איבער זיין קאנטאר. ער איז שטארק פערנומען מיט זיינע געדאנקען און דוקא נישט געשעפטס־געדאנקען — ערב יום כפור איז ניט א צייט פון געשעפט.

ר' אליה איז א פרומער יוד. גאר אהן ספק. אין א לענג־ליכען ראק מיט לענגליכע פאות, וועלכע זענען פערבארשטען צוזאמען מיט דעם באקען־האהר פון זיין גרויסער, ברייטער בארד. און גלאט ר' אליה!

ער וויל קומען א ריינער צום מארגענדיגען משפט, ער ווייס אבער, אז די ארבייטער האבען איהם שוין נישט איין מאל פערקלאגט ביים „מלך עליון". וויל ער זיך מיט זיי אב'טענה'ן. ער ווייזט זיך אויף, אז ער איז שטענדיג גערעכט געוועזען: די ארבייטער זענען פשוט „קעשענע־גנבים"! זומער האבען זיי פלוצלונג געמאכט „יד־אחת" און אויפגעהערט צו ארבייטען. אגאנצען חדש. א רציחה!

„שטרייק — שמייק!" טראכט ר' אליה, — שטרייק רופען זיי עס אהן! גנבה, גזלה, פון מויל דעם ביסען!...

נישט שטרייק — שמייק. וואס פאר א נאמען זיי טראכטען נאך אויס!"...

ער האט געוואלט אראב נעהמען א האלב־רובל פון שטיק, האט געוואוסט, וואס ער טהוט, ער האט דאס געדארפט טהון: ביי איהם אונטער דער נאז וואקסט אויס א קאנקורענט.

דאס איז אפילו נישט קיין שטארקע טענה, ער פיהלט עס, דערצו האט ער נישט פינקטליך געצאהלט, געפרובט אפאר מאהל איינדרעהען, צושטעלען, פערשרייבען גוטע סחורה פאר שלעכטע און גאר נישט בעצאהלען — נאר ער האט עס געמוזט, גאט איז זיין עדות — געשעפט! ווי זאגט מען עס — אין האנדעלשאפט, די גאנצע וועלט טהוט אזוי, אבער דער שטרייק!

„און גלאט, מיינט ר' אליה", זענען די יונגע ארבייטער נישט ווערט, וואס די ערד טראגט זיי. גוים, וואהרע גוים, איין יודישער פונק איז נישטא אין זיי. עזות־פנים'ער, נישטא עלטער, יונגער — פון גאנציען אויסגעטהון".

איין פענסטער פון קאנטאר געהט ארויס צום גאס, און ר' אליה זעהט, ווי אין גאס נעבען טויער הויבען זיך שוין אהן צו קלייבען די ארבייטער, זיי מאכען מיט די קעפ אין דער זייט פון קאנטאר, אט פערגלייסט א יונגער ארבייטער, פון א יאהר דריי און צוואנציג, געציל לך, די אויגען, גיט א ווארף מיט די הענד, ווי ר' אליה, ווען ער זידעלט אנ'ארבייטער, די יונגע ארבייטער ארום געצלען צולאכען זיך — —

ר' אליה קעהרט אב די אויגען פון פענסטער ברוגז'דיג.

— וועט שוין זיין אמאל א סוף? ווענדעט ער זיך אונגע־דולדיג צום בוכהאלטער מיט'ן קאסיר. ער וויל שוין מעהר אין פענסטער נישט קוקען, און ווענען די ארב־יטער נישט קלערען. „גארנישטען!" בעשליסט ער אין מח און ווארפט אונגערן זיין בליק אוועק אויף די גאס: געציל שטעהט אין דער פאזע ווי ר' אליה, ווען ער וויל איינשמועסען אנ'ארבייטער, אז ער האט ביי איהם גענומען מעהר געלד

— וואָס ציהט זיך עס דאַרטען ביי איך, ווי פון פעך־
טרייט אוים ר' אֶליה צו די קאָנטאָריסטען.

„ער וועט שוין ביי מיר נישט אַרבייטען", טראַכט ער וועגען
לץ. „אויסוואורפען זענען דאָס עפּים, איין גם אחד צווישען זיי".

א הם פאַלט איין, אַז די לייטלעך האָבען גאָר קיין ווערט
נישט ביי דעם „כל וכול", ער האָט גאָר לחלוטין ניט וואָס צו
מורא האָבען פאַר זייערע טענות.

ער נעהמט זיך פאַר'ן תהלים — יעצט וועט ער זיך גאָר אין
גאַנצען איינקויפען ביי'ם רבונו של עולם — — —

דוד פינסקי

28.

סכך אויף סכות.

עס איז פערגאַנגען אַ חודש. דער אָסיען האָט זיך אונטער־
גערוקט, די טעג זענען געוואָרען קלענער און די נעכט גרעסער
און אין אַנטאָשם קליין שטיבעלע האָט מען שוין בעדאַרפט ביי־
נאַכט אַ לעמפּעלע ברענען. דאָס לייהמענע פלעשעל, וואָס אַנטאָש
האָט ביי אַ טעפער מיט דריי יאָהר צוריק געקויפט פאַר אַכט
גראָשען, איז אַ טרוקענע געשטאַנען און ס'איז ניט געווען פאַר
וואָס נאָפט צו קויפען. אויסער־דעם איז שוין דאָס זאַלץ באַלד
אויסגעגאַנגען; פון די זייף, וואָס ער האָט געקויפט, איז נאָר
אַ שטיקעלע געבליבען, די מאַהאָרקע איז נאָר געבליבען אויף
אַ פּאָר טעג, און אַנטאָש האָט זיך געקראַצט אין פּאַטעליצע.
געשפּיים און אַלץ געוואָרטשעט:

— סאָלי ניעמאַ. מידלאַ ניעמאַ, מאַהאָרקע ניעמאַ, ניטשעהאָ
ניעמאַ. קעפּסקי אינטערעסע. 8)

8) זאַלץ ניטאָ, זייף ניטאָ. טאַבאַק ניטאָ, גאָר גאָרנישט ניטאָ, אַ שלעכט
געשעפט.

פערדיענען האָט אַנטאָש ניט געהאַט וואו. דער איינציגער ייד, וואָס האָט אין דאָרף געוואוינט, איז אַליין זעהר אָרים געוועז, און אַנטאָש האָט געהאַט נאָר איין האָפנונג: פאַר סכּות אָנצוהאַקען אַ פּולען וואָגען סכך און פיהרען עס אין שטעדטעל און פערקויפען עס פאַר אַ פּאָר פערציגער. אַלע יאָהר טהוט ער אַזוי, זייט ער האָט דאָס פערדעל זיינס, פאַר וועלכען ער האָט אָבּגעצאָהלט אויפ'ן יריד זעקס רובּל.

— קאָלי או וואַס בּודזיע קוטשקי? 9) — האָט ער גלייך נאָך ראש השנה אַלע טאָג אָנגעהויבּען פרעגען דעם יודען, וואָס האָט געוואָהנט אין דאָרף.

— יעשטשע מנאָהאָ! 10) — פלעגט איהם דער יוד ענטפערן.

— אַליע קאָלי! 11) — פלעגט אַנטאָש רוהען ניט לאָזען.

דער יוד. וועלכער האָט ניט געפיהלט אַנטאָש'ס נויט, האָט איהם איינמאָל אַ זאָג געטהון, ניט פיעל טראַכטענדיג:

— יעשטשע טידזיען. 21)

אין אמת'ן איז מעהר ניט געוועזען ווי פינף טעג נאָך צו סכּות, און אַנטאָש האָט אויסגערעכענט, אַז צוויי טעג פאַר „קוטשקי" איז די רעכטע צייט צו פיהרען די סכך אין שטעדטעל: דאָס איז געוועזען אַקוראַט דער ערשטער טאָג יום־טוב...

ער איז דעם טאָג פריה אויפגעשטאַנען, איבּערגעבּיסען אַ שטיק גראָב. שוואַרץ בּרויט, וואָס ער האָט געטונקט אין אַליין צעשטויסענע זאַלץ, פערטרונקען מיט אַ קוואַרט קאַלטע וואַסער, האָט איינגעשפּאַנט דאָס האַלבּ הונגעריג, האַלבּ פערשלאָפען פערדעל, גענומען די האַק און זיך געלאָזען אין נאָהענטען וועלדעל.

ער האָט זיך גענומען האַקען די שטעכעדיגע צווייגען איינע נאָך דער אַנדערער. געקליבּען האָט ער אַלץ געדיכטערע און

9) ווען וועט בּיי אייך זיין סכּות?

10) נאָך אַ סך.

11) אָבּער ווען?

21) נאָך אַ וואָך.

לענגערע; בעסערע סחורה פערקויפט זיך גיכער! האָט ער דערביי געטראַכט. דער וואָגען איז אַלץ געוואַקסען און געוואַקסען, ער האָט גערעכענט לכל הפּחות לייזען פאַר זיין סחורה אַ גולדען דריי, און איהם האָט זיך אַלץ גערעכט, אַז ס'איז נאָך ווענינ און ער האָט אַלץ געהאַקט און געלעגט די צווייגען.

ענדליך איז דער וואָגען פול געוואָרען, אַנטאָש האָט איהם בעטראַכט פון אַלע זייטען און איז צופרידען געבליבען.

— דאָוואָלנאַ בודזיע! 13) — האָט ער פאַר זיך הויך אַרוֹם־געברומט און גענומען דאָס פערד פאַר'ן צוים.

אַז ער איז אָבער אָבגעפאָהרען אַפּאָר טריט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און ווידער אַ קוק געטהון אויף דעם וואָגען.

— אַ מאָזשע מאַלאָ בודזיע? 14) — האָט ער זיך פלוצים דערשראָקען, האָט אויסגעהאַקט נאָך פינף צווייגען און האָט זיך גענומען פאָהרען שוין אויף זיכער.

ער איז געפאָהרען לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, און לאַנגזאַם טריט־ביי־טריט זענען אויך אַזוי אין קאָפּ זיינע געדאַנקען געגאַנגען, ווי זיי וואָלטען ניט וועלען געהן גיכער פאַר דאָס פערדעל. אַנטאָש האָט גערעכענט, וויפיעל זאַלץ וועט ער קענען קויפען און וויפיעל זייף, וויפיעל „גאַזע" און וויפיעל מאַהאָרקע, פאַר דעם געלד, וואָס ער וועט אָבלייזען אין שטעדטעל ביי די יודען. ענדליך האָט איהם דער חשבון פערמאַטערט און ער האָט בע־שלאָסען, אַז ער וועט האָבען די צוויי גולדען אין האַנד, וועט איהם גרינגער זיין צו בערעכענען, ווי אַזוי אַלץ איינצוקויפען, און נאָך דעם בעשלוס איז פון איהם ווי אַ משא אַראָב.

* *
*

13) געננוג וועט זיין.

14) אפשר וועט ווענינ זיין.

אַז ער איז מיט זיין וואָגען אַריינגעפאָהרען אין אָנהויב שטעדטעל און האָט דערזעהן די סוכות שוין בעדעקט מיט סכך, האָט זיך איהם אָבגעריסען אינווייניג און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די סוכות און די הייזער אַלע דרעהען זיך און שפּרינגען. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און געטרייסט, אַז אַלע יאָהר איז אַזוי: אַ סך „זשידקעס" דעקען צו פריהער און אַ סך שפּעטער. דערפאַר איז שפּעטער טייערער.

— דאָראָזשיי וואַזמי! [15] — האָט ער בעשלאָסען און אַנגםטען האָבען איהם בעשלאָגען.

ער איז געפאָהרען ווייטער. אויף אַ גאַניג זענען געשטאַנען צוויי ייִיבער, איינע אַ יונגערע און איינע אַ'עלטערע, זיי האָבען געטייט מיט די פינגער און האָבען געקייכט פאַר געלעכטער.

— טשאַהאָ ווי סמעיעטעס? [16] — האָט אַנטאָש מיט כעס געפרעגט.

— באָ מי טאַק ראַנאָ אוזש סכך וועזעש. [17] — האָבען זיי איהם לאַכענדיג געענטפערט.

— יאַק טאָ ראַנאָ? [18] — האָט אַנטאָש דאָס לאַכען ניט פערשטאַנען.

— ראַנאָ.. ראַנאָ... — האָבען די פרויען געלאַכט.

— טפו! — האָט אַנטאָש מיט צאָרן אויסגעשפּיגען און זיך געלאָזט ווייטער. טראַכטענדיג:

— יאַק טאָ... בערקע האָט אַליין געזאָגט — זאַ טידזיען, איך האָב דאָך אַזוי גוט גע'חשבונ'ט: נאָך צוויי טעג.

אַ קאַלטער שוויס האָט איהם בעגאָסען, דערטאַהנענדיג זיך, אַז ער האָט פון יענער צייט אָן, זייט בערקע האָט איהם געזאָגט, אֶפשר ניט גוט געצעהלט. ער האָט פערשפּעטיגט! געוויס, געוויס!

15) טייערער וועל איך געמען.

16) וואָס לאַכט איהר?

17) ווייל די פיהרסט שוין אַזוי פריה סכך.

18) וואָס הייסט פריה?

אלע סוכות זענען שוין בעדעקט מיט סכך... ער וועט בלייבען אָהן זאלץ, אָהן מאחארקע, אָהן זייף, אָהן „גאזע"...

א. רייזין.

29.

שמחת תורה.

קלוהּ, גוואלטען, טויב צו ווערען —
אָבער איז עס אָהן סכנות:
יודען לאָזען זיך דאָס הערען,
חס ושלום ניט קיין פּאָניעס.
פלעשליך משקה שטעהען גרייט,
דאָך די העלזער זענען טרוקען;
יודען ווערען שכור-טויט
בלויז פון שמעקען, בלויז פון קוקען:
און ווען נור שכור ווערען יודען,
דאן, זייט מוחל, רוקט זיך אָב.
דען די דריידעל געהט ענטשידען,
מיט'ן נגון, מיט'ן טראָפּ:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה!"

צוגעטופּעט מיט די פיס,
צוגעטרייסעלט מיט די פאות,
געהט דער טאַנץ אויף בייגק און טיש
פּאָ-קאַזאַצקי לכל הדעות.

גאָטס-קאָזאַקען, יורען הייסע,
זיי פערגעסען אין דעם גלות,
אין די אומגליקען, די גרויסע.
און פערקאַשערן די פּאָלעס;
די כשל ברך׳ס, עלטער, יונגער,
שטעלען פּאָלקעס, און מען קנאַקט
מיט די פינגער, מיט די צינגער,
און מען האָפּקעט אויס צום טאַקט:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה!"

די קונדסים, פלינק געראָטען,
הענגען אָן זיך אָן די עקען
פון א טאַטענס טלית קטן,
אָן די נאָז-טיכער, וואָס שטעקען
פון דעם הינטער-טאַש ארויס.
און זיי טראָגען זיך, די בראַווע;
כאַפּט מען אָפּט א שטורך, א שטויס,
איז מען מקבל דאָס באהבה.
און מוט אויפגעפלאַמטע בעקלעך,
און מיט אייגלעך, פול מיט פייער
און מיט קול׳כלעך, ווי די גלעקלעך,
שפּרינגט מען, קלינגט מען פריי און פרייער:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה!"

30.

א הייזעל ביי'ן טייך.

איינם אליין און פאר זיך אליין שטעהט זיך א הייזעל אין טהאל צווישען צוויי הויכע בערג, וואס לאזען זיך ווייט און הויך אין דער וועלט אריין, ביים ברעג פון טייך ווייכסעל. ווינטער איז עס. גאט'ס וועלט איז אינגאנצען אין שניי פערטרונקען. אונזער הייזעל, ווי אנ'אלטער בעל־הבית אין תכריכים, שטעהט זיך ביי'ם ברעג, קוקט זיך צו צום פערפרוירענעם טייך זיין שכן און עס שווייגט, ביז דער טייך וועט צו תחית המתים אויפשטעהן. דערווייל איז דער טייך געשטארבען, געפרוירען און מיט א ווייסען קיטעל איינגעהילט. ראבען פליהען אויף זיין ברייט און לענג, שטעלען זיך אויף דעם טייכ'ס רוקען און לעכערען זיין אבגעטאקטע דעקע. טהיילמאל געהט א מענש איבער'ן טייך. און דעם מענשענס פיס טוקען אין דעם ווייסען, טיעפען שניי. און פון ביידע זייטען הייזעל זעהען אוים די הויכע בערג, ווי שטיקער געפאלענע פליגלען פון אנ'אדלער, וואס ליעגען איינער אויפ'ן צווייטען, אדער ווי שטיקער געפרוירענע וואלקען וואלטען געפאלען איינם אויפ'ם צווייטע. אויף די רוקענס בערג קריכען נידריגע שניי־בוימעלעך; איין בוימעל, בעדעקט פון קאפ ביז די פיס אין שניי, האט זיך אויפ'ן שפיץ בארג ארויפגעחאפט, עס שטעהט איינם אליין אין דער הויך און עס קוקט זיך ווייט און ברייט אין דער ווייסער וועלט... ביי'ם ברעג פון טייך, צו־פוסענם דעם בארג און צו־קאפענט דעם טייך, שטעהט א שערענגע בוימער, איינם נאכ'ן אנדערען מיט שניי בעדעקט, וועלכע זעהען אוים ווי ווייסע עדות, וואס שטעהען און היטען דעם ריזיגען מת, דעם טייך.

עס איז ווינטער. מיט שניי ארום איז אלץ נאך בעדעקט, נאר דאך קוקט שוין גאט פון דער הויך מיט קלארע אויגען אראב.

די זון איז איבער די גרויע ווינטערדיגע וואָלקען פערשפרייט, און איהרע שטראַהלען לעבערען די ווינטערדיגע דעקע. אויף די אָרו־מיגע בערג צוגעהט דער שניי קלאָר, ריין; קיין מענשענס פוס האָט נאָך נישט זייער ריינע ווייסקייט בעריהרט, און גאַנצע שטראָ־מען צוגאַנגענער שניי לאָזען זיך גלעטענדיג פון די בערג אַראָב און פאַלען אין דעם האַלב־געפרוירענעם טייך אַריין. דאָס אייז אי־בער'ן וואַסער איז ריין און דורכזיכטיג, און דאָס וואַסער קוקט דורך איהם, ווי דורך אַ קלאָרע שויב אַרויס. טהיילמאָל וואַרפט זיך אַ פיש אַרויף, האַקט אויף די שייב מיט'ן ווידעל. וואַרפט אַ בליק איף גאָט'ס פרייע וועלט אין פאַר גרויס גדולה, אז די מאַמע, דאָס וואַסער, וועט באַלד פון זיך די שויב אַראָבוואַרפען, לאָזט ער זיך טיעף־נאַרקענדיג אין וואַסער אַריין די בשורה די חברים אָנצוזאָגען.

(שלום אש).

31.

דער פערפרוירענער טייך.

ניט איין טאָג, ניט צוויי און ניט דריי טעג האָט דער פראָסט זיך געפרובט אָבצושטעלען דעם טייך; אַלע טאָג פלעגט ער קומען אויף אַ בייזען ווינד און פלעגט ווילד בלאָזען. עס האָט איהם אָבער נישט געהאָלפען — דער טייך האָט זיך געטהון זיינס; געפ־ליסט און פרעהליך גערוישט.

און דער פראָסט האָט זיך ניט געקענט בערוהיגען; ער מוז ווייזען דעם טייך ווער עלבער איז! און וואָס אַ טאָג פלעגט זיין צאָר'ן ברענענדיגער ווערען, און מיט אַלערליי בייזע ווינדען, שטורם און שנייען פלעגט ער דעם טייך בעלעגערען.

און ביסלעכוויז האָט זיך דער טייך אָנגעהויבען אונטערצו־

געבען. ער האָט זיך מיט וועהטאָג איבערצייגט, אַז ער האָט דאָ צו טהון מיט אַ מעהר שטאַרקען, מיט אַ מעהר בייזען.

פערפאַלען — עס מוז געשעהן.

און איין פריה־מאָרגען האָט ער זיך דערפיהלט ווי פערצווינגען מיט אַ בעלמע (אַ הייטעל) און נאָר, ווי דורך אַ נעבעל זעהט ער דעם היטעל; דעם צווייטען טאָג האָט ער זיך נאָך ערגער געפיהלט. די בעלמע איז דיקער געוואָרען און דער הימעל איז שוין אין גאַנצען פערשטעלט. דאָס בעוועגען זיך ווערט איהם אַלץ שווערער און שפּיעלען זיך מיט די חוואַליעס איז שוין גאָר אונמעגליך.

ער האָט זיך געשטעלט!

שווער איז איהם זיך צוגעוועהנען צו אַזאַ שטילקייט, צו אַזאַ טויטקייט; ער רייסט זיך, ער וויל אַרויסשפּרינגען — אומזיסט.

און וואָס אַ טאָג פיהלט ער אַלץ נעהנטער דעם טויט און דער דיקער אָייז פּרעסט איהם ווי מיט טויזענדער שטיינער.

א. רייזען.

32.

ווינטער־ליעדער.

הוליעט, הוליעט בייזע ווינדען,
פריי בעהערשט די וועלט:
ברעכט די צווייגען, וואַרפט די בוימער,
טהוט וואָס אייך געפעלט.

טרייבט די פויגעל פון די וועלדער
און פערטאָגט זיי פאָרט,
די וואָס קענען וויים ניט פליהען —
טויט זיי אויפ'ן אָרט.

רייסט די לאָדען פון די הייזליך,
שויבען ברעכט אַרויס.
ברענט אַ ליכטעל ערגעץ דונקעל —
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט בייזע ווינדען,
איצט איז אייער צייט:
לאַנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאָך וויט..

—

ווינטער אין שטוב.

ס'מורמעלט שטיל די מאַמע:
ס'קומט דער ווינטער אָן!
טרויריג קלינגט איהר שטימע,
ראָך ווי זים דער טאָן.

נעבעלדיג די שויבען,
דונקעל אין דער שטוב;
דאָך צו זיצען דאָרטען
היימליך איז און ליעב.

אומעטיג דער טאַטע,
אומעטיג פערטראַכט,
דאָך זיין בליק זיין ליעבער
שיצט אונז און בעוואַכט.

—

צום ווינד.

אָ, וואָס קענסטו זיך ניט שטילען
ווילדער ווינד ?
וועמעס זיפצען, וועמעס קרעכצען
טראָגסטו צינד ?

צי דו האָסט געזאַמעלט אַלע
זיפצען פון דער וועלט
און דו ווילסט זיי טראָגען, ברייננען
ביז צו גאָטס געצעלט ?

און דו ווילסט איהם דאָרטען וועקען
שטערען איהם זיין רוה,
זאָר די שוואַרצע, דיקע וואָלקענס
לאָזען דיך ניט צו ?

און עס ברומט דיין ווילדער צאָרן.
פאַר וואָס האָט
פעסט פערשלאָסען זיך אין הימעל
פון דער וועלט דער גאָט ?!

א. רייזען,

33.

ווינטער.

פריה האָט אין יענעם יאָהר זיך געשטעלט דער ווינטער פלוצלונג, איידער דער עולם האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט פון צפון-זייט א בלאָז געטאָן אַ קאַלטער ווינד און זיך אָנגערוקט אַ בייזע פינסטערע חמאָרע — דעם ווינטערס צוויי קאָזאַקען —

לויפענדיג פאראוים מיט א שטורם, א פייפען: „ציטערט לעבעדיגע געשעפעניש! אט קומט ער, דער קאלטער פעטער און וועט אייך אנרייבען א רויטע נאז״... די פעלדער ליעגען שוין בעגראבען אין דעם ווייסען קיטעל פון שניי. די בוימער דארט שטעהען אבגעשמיסענע, נאקעטע, אראבגעלאזען די קעפ און די צווייגען געפענטעט מיט קייטען פון פליטערליך, פרענטעס אייז. פון פויגעל און וואלד־חיה׳ליך איז נישטא קיין שפור, אלע ווי אויסגעשטארבען, די ליעגען בעהאלטען טיעף אין די לעכער, יענע האבען בעצייטענס געמאכט א פליטה — אוועק וואוהין די אויגען טראגען, און אומעטום איז שא, שטיל. נאר וואראנעס דרעהען זיך ערטערווייז ארום אין דער לופט, עפעס האבען זיי געשעפטען: תהוגות אדער גלאט אזוי אסיפות וועגען קהל׳שע זאכען — און וויכט זיי דער גוטער יאהר וואס זיי קראקען דארט, קרעכצען, רייסען זיך אויף די העלזער... וייט ארום און ארום הערשט שוין אין דער וועלט דער ווינטער, נאר די יודישע שטאדט, גלופסק, זי אליין וויל זיך איהם נאך נישט אונטערגעבען. ער פיהרט מיט איהר א שטארקע מלחמה. ער שיקט אן אויף איהר א פרעסטיל, און די קאליושעס איהרע אין די גאסען נעהמט נישט קיין קויל, בלייבען טאקע דאס, וואס פריהער; ער רעגענט אויף איהר מיט גרייפליך שניי, און אומזיסט זיין מיה, בלאטע!...

די גלופסקער יודעליך גיבען זיך א שאט ווי די מוראשקעס, טרעטען עס מיט די פיס און מאכען דערויס א קאשע, א שיטערע, א גרוי־שווארצליכע בלאטע; ער שטעלט זיין ווייס שנייען פענדיל אויף דעכליך, צום בעוויז, אז ער איז פון אויבען — קומען הונגעריגע קיה, גאנצע מחנות ציגען און שליידערן עס אראב ביים ארויסשלעפען הויפענווייז שטרוי אויף צו פרעסען, אדער יודען, יודענעס קומען מיט טעפ, מיט אובערס, שטופען עס אן פול מיט דעם דאזיגען שניי, צו מאכען דערפון וואסער אויף קאכען.

ש. י. אבראמאוויטש.

34.

די מוטער צום קינד.

שלאָף נאָך, שלאָף נאָך, ליעבעס קינד.
דרויסען איז אַ פראָסט, אַ ווינד;
גאָט זאָל זיך דערבאַרימען.
גאָט זאָל אונז דערוואַרימען.

אוי, דער ווינטער שרעקט מיך; שרעקט —
ליעג, מיין קינד, נאָך איינגעדעקט.
שלאָף נאָך אָרים־פייגעלע,
פען ניט דיין אייגעלע.

וועסט דערזעהן אַ קאַלטע וועלט
דורך אין וויסען אַבגעמעלט;
האָלץ אין שטוב קיין שייטעלע
און קיין געלט אין ביימעלע.

ניט געקאָכט און ניט געהייצט.
קעלט און הונגער דריקט און רייצט;
שלאָף, מיין קינד. פערפראָרענע,
אָרימע, פערלאָרענע.

אברהם רייזען.

35.

דער טייך אין אנהויב פריהלינג.

דאס וואַסער לויפט פון די בערג און עס גיסט זיך איבער'ן איין. פון דערווייטענס הערט זיך אַ קנאַק. אַ שטיק אייז, אַ האַלבער

טייך קומט אָן און רייסט זיך ווייטער, דאָס וואַסער רוישט שטראָמענדיג, אין אַ רינע פון צוויישען צוויי שטיקער אייז, און מיט אַ רעש שטראָמט עס פון דער רינע אַרויס און עס לעבערט דאָס אייז, אויף וועלכען עס רינט אַרויף. אַ חוואַליע וואַסער קומט אָן צולייפען און גיט זיך אַ גאָס איבער׳ן אייז, באַלד נאָך דער חוואַליע הערט זיך אַ קנאַק; דאָס אייז שפּאַלט זיך און אַ ריזיג שטיק פון איהם שטעלט זיך קאַפּויר און ווערט די רגע צו־שמעטערט אויף שטיקלעך. דאָס וואַסער לאָזט זיך אין אַ שטאַרקען שטאָרם אַרויס פון זיין געפראָרענער דעקע, מיטשלעפּענדיג מיט זיך די הרוגים, די צובראָכענע שטיקער אייז, און מאַכענדיג מיט זיי אַ שפּיעלעכיל, אַ דריידעל אין קאָהן.

די זון האָט געהאַלטען ביי זעצען זיך און האָט בעגאָסען מיט איהרע רויטע שטראַהלען די הויכע בערג וואָס פון ביידע זייטען טייך ערטערוויין נאָך בעדעקט מיט שניי און ערטערוויין שוין געגרינט, דורכגעשניטען מיט קליינע ריטשקעלעך, וואָס האָבען זיך געשלענגעלט באַרג־אַראָפּ און מיט אַ זשומען זיך אַריינ־געגאָסען אין טייך אַריין, בעגעגענט זיך מיט רינענדיגע וואַסערן פונ׳ם גאָר וואָס צעשפּאַלטענעם אייז און פון דער געהענדיגער קריהע. ווי אויף אַטעלער איז געלעגען דאָס גאַנצע שטערטיל מיט׳ן שפּיץ קלויסטער וואָס האָט פון דער פערגעהענדיגער זון אויסגעזעהען ווי אַנ׳אָנגעצונדען ליכט.

ש. אש

36.

אויף פסח אהיים.

צוויי מאָל אין יאָהר, פינקטליך ווי אַ זייגער, ראש חדש ניסן און ראש חדש אֶלול, פאָהרט פישעל דער מלמד פון באַלטע קיין האַשטשעוואַטע אהיים צו זיין ווייב און קינדער — אויף פסח און אויף סכות. כמעט דאָס גאַנצע לעבען זיינס איז איהם בעשערט צו זיין אַ גאַסט ביי זיין ווייב און קינדער אפילו ועהר אַנ'אָנגעלעגטער גאַסט, אָבער אויף אַ קורצער צייט, אויף יום טוב, און אָוועקגעגאַנגען דער יום טוב — איז מאַרש צוריק קיין באַלטע צוריק צום קנעלונג, צוריק צום קאַנטשיק, צו דער גמרא, צו די גראָבע פערשטאָפּטע קעפּ, צו נע־וָנד זיין. צום וואַלגערן זיך אין דער פרעמד און צום בּיינקען שטילערהייד אַ היים.

דערפאַר אָבער, אַז פישעל קומט אהיים, איז ער אַ קיסר! בת־שבע זיין ווייב געהט איהם אַרוים אַקעגען, רוקט אָן דאָס טיכעל, ווערט רויט ווי פייער, טהוט איהם אַ פרעג פאַרבייגעהענ־דיג, נישט געקוקט חלילה גליוך אין די אויגען: „וואָס מאַכסטו?" און ער ענטפערט איהר: „וואָס מאַכסטו?" און פרויקע זיין זוהן, אַ בר־מצוה יונגעל, גיט איהם אָב שלום, און דער טאַטע טהוט אַ פרעג דעם זוהן: „וואו האַלסטו, אפרים, אין לערנען?"... און דרייזעל זיין טאָכטער נישט קיין מאָום מיידעל מיט אַ קליין פּאַר־פלאָכטען צעפּעל האַפּט איהם אַרום קושען.

— טאַטע, וואָס האָסטו מיר געבראַכט אַ מתנה אויף יום טוב?

— צין אויף אַ קליידעל, און דער מאַמען — אַ זיידענע פאַט־שיילע. נאַ, גיב דער מאַמען די פאַטשיילע.

און פישעל נעהמט אַרויס פון טלית־זאַק אַ נייע אַ זיידענע (מאַלט איך אַ האַלב־זיידענע) פאַטשיילע, און בת־שבע ווערט נאָך

ווּיטער; רוקט אָן דאָס טיבעל איבער די אויגען, חאַפּט זיך צו בעל־הבתּישקייט, דרעהט זיך אַרום איבערן שטוב און שמעהט אויף איין אָרט.

— ווייז נאָר אֶפרים. די גמרא, לאָמיך דיך פערהערען, וואו האַלטסטו אין לערנען?

און פרויקע איז דאָך דאָס וואוילע יונגעל, דער גרויסער מתמיד, די שענע תּפיסה מיט'ן גוטען זכּרון, און וויל וואויל לערנען! און פישעל הערט איהם ווי ער זאָגט די גמרא, פערריכט איהם, און דאָס הארץ וואַקסט, קוועלט, די נשמה פרעהט זיך— אַ וואויל יונגעל פרויקע! אַ צאַצקע!

— אויב דו ווילסט געהן אין מרחץ, ליעגט אָט דאָ אָנגעגרייט אַ העמד!

אַזוי זאָגט איהם בת־שבע פאַרבײ־געהענדיג, נישט געקוקט חלילה גלייך אין די אויגען אַריין, און פישעל פיהלט זיך עפּיס משונה גוט, ווי אַ מעגש, וואָס האָט זיך אַרויסגעחאַפּט פון געפענגניש אויף דער פרייער ליבטיגער וועלט צווישען אייגענע נאָהענטע און געטרייע, און עס שטעלט זיך איהם פאָר אַ שטאַרק אָנגעהייצטע באָד מיט אַ סך היץ, ער ליעגט שוין גאַנץ הויך אויף דער אויבערשטער באַנק מיט נאָך יודען און שוויצט, און בעווימט זיך און שמייסט זיך און וויל נאָך.

— אוי נאָך, נאָך! גוואַלד, יודען, נאָך!...

און געקומען פון באָד אַ פרישער, אַ צאַפּעלדיגער, כּמעט אַ נייגעבאָרענער, נעהמט ער זיך קודם צו דער יום־טוב'דיגער קריאה. טהוט אָן די שבּת'דיגע קאַפּאָטע מיט'ן נייעם גאַרטעל, חאַפּט אַ קוק פאַרבייגעהענדיג אויף בת־שבע'ן אין'ם נייעם קליידעל מיט דער זיידענער פאַטשיילע; נאָך גאָר אַ היבש ווייבעל כ'לעבען אַ צנועה און אַ צדקית, און ער געהט מיט פרויקען אין שוהל אַריין. געקומען אין שוהל אַריין, פליהען שלום־עליכם'ס פון אַלע זייטען: „ברוך־הבא אַ יוד רב פישעל, וואָס מאַכט אַ יוד „אַ מלמד?" — „אַ יוד אַ מלמד קנעלט". „וואָס הערט זיך עפּיס

אויף דער וועלט?" „וואָס זאָל זיך הערען אויף דער וועלט? די־
וועלט איז א וועלט. „וואָס הערט זיך אין באַלטע? באַלטע איז
באַלטע...." — אַלע מאָל, אַלע האַלבע יאָהר דער אייגענער
נוסח, נישט געמינערט אַ וואָרט. און ניסעל דער חזן שטעלט זיך
אַוועק דאַוונען מעריב, צולאָזט זיך אויף זיין שטימע, וואָס געהט
וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און אַז עס קומט צו
„וידבר משה את מועדי ה' אל בני ישראל"! — דערלאַנגט ער
הויך כמעט ביז'ן הימעל, און פרויקע שטעהט ביי דער זייט און
דאַוונט, דאַוונט געשמאַק, און פישעל'ס האַרץ וואַקסט, קוועלט,
די נשמה פרעהט זיך — אַנ'עהרליך קינד פרויקע, אַ כשר'ס!

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

— גוט יום־טוב! גוט־יאָהר!

פאַרטיג דער גאַנצער סדר אויפ'ן טיש: די אַרבע כוסות.
דער מרור, די זרוע מיט די בצים מיט'ן חרוסת מיט אַלע
זיבעצען זאַכען. פאַרטיג די „עסע־בעט", צוויי בייגקלעך מיט
אַ גרויסען קישען. אַט באַלד ווערט פישעל אַ מלך, אַט באַלד
זעצט זיך פישעל „על כסא מלכותו" מיט'ן ווייסען קיטעל אויפ'ן
טראָן, און בת־שבע די מלכה מיט דער נייער זיידענער פאַטשיילע
נעבען איהם, אפרים דער פרינץ מיט'ן נייעם קאַשקעט און
די פרינצעסין רייזעל מיט'ן צעפּעל אַקעגען זיי — דרך־ארץ
יודען, רעשפּעקט! פישעל דער מלמד האָט זיך געזעצט אויף
ז'עס שטוהל געוועלטיגען!

(שלום עליכם)

37.

אַ פריהלינגס־טאָג.

אַ שענער, אַ וואַרימער פריהלינגס־טאָג. די גילדע־נע

ביים אויפגעהען צוריסען, צוטריבען די גרויע וואָלקענס אין דער לופט, און מיט איהר ליבטיג פנים אראָבגעקוקט פונ'ם בלויען הימעל מילד, פריינדליך אויף דער ערד, גאַטס בעשעפעניש. א.ע פון גרויס ביז קליין, האָבען אויפחאַפענדיג זיך פונ'ם לאַנגען ווינטער־שלאָף לעבעדיג פרעהליך, זיך גענומען איטליכער צו זיין זאַך. פריש־געלע בלומען שמעקען ארוים די קעפליך פון צווישען יונגע־גרינע גראָז, קוקען ארוים און מאַכען חן. ווערבעס ביים טייך האַפען זיך אָנטאָן זייער ניי־גרינע זופּיצע, שפּיגלענדיג זיך אין דעם וואַסער ריין קלאָר ווי זילבער. פון די ווייטע ווארימע לענדער, דאָרט אין דער פרעמד, קומען עופות טשאַטעסווייז צוריק אהער אין זייער רוה אריין. ווילדע גענז פליסקען זיך ערגיץ צווישען ווייספעס דאָ אין טייך. ווילדע קאַטשקעס דרעהען זיך ארום דעם טשערעט, ארוים, אריין מיט א געהילך, א געשוווישטש, שוועלבעליך פלאַטערן, שוועבען אהין, אהער אין דער לופט, שטאַרק פערטראָגען אין דעם בויען, פעררריכטען נייע און אַלטע נעסטער. ברוך־הבא! דאָס אַלטע בעקאַנטע פאָר־פאָלק בושעלם איז אויך למזל דאָ אין א גוטער שעה. זי, די בושעליכע, שטעהט אויף איין פוס, דאָס קעפּיל אין דער זייט, שטעהט בעטראַכט איהר אַלטעס נעסט אויבען אויף א שפּיץ בוים, און ער אויף די לאַנגע שטעלצען שפּאַצירט זיך האָפערדיג אויף דעם זומפּ דאָרט, צוקוקענדיג זיך צו א קאַליושע, וואו עס שפּרינגען, קוואַקען זשאַבעס, און פלוצים פיק־פיק, א חאַפּ אין דעם רויטען ווייטען פּיסק אריין... ס'איז א לעבען, א פרייד, א פליהעניש, א זזשעניש, א געזונגעריי א געשווישטשעריי אומעטום.

ש. י. אבראמאוויטש.

38.

די פריהלינגס־זון.

די פריהלינגס־זון קוקט אין מיין פענסטער
אריין און זי לאכט.
וואס ביזטו, א, נארישער מענש,
פערטרויערט פערטראכט.

איך האב אויך, געליטען, ווי דו —
עס האבען פערשטעלט
די וואלקענס די גרויע, די קאלטע
מיין ליכט פאר דער וועלט.

דאך זענען זיי מעהר ניט ווי וואלקענס,
זיי שווינדען, ווי רויך;
און איך בין געבליבען א זון
און לייכט פון דער הויך.

א. רייזען.

39.

א זומער טאג.

א טאג איז דענסטמאל געוועזען זעהר א שעהנער, ווי עס גיט זיך אוים אמאל אין אלול איינער פון די געשענקטע טעג. נאך גאנץ פריה האט פון איהר געצעלט דארט ביים עק הימעל ארויסגעשיינט די זון מיט איהר ליכטיג פנים און, צוטרייבענדיג ביסליכווייז דעם פריש־קיהלבליבען טומאן, זיך געשפיגעלט אין די טוי־טראפענס, וואס האבען געפינקעלט, געשפיעלט אין אלערליי

קאָלירען ווי די בריליאַנטען. די שאָטענס רוקען זיך מיט דרך־ארץ טריט־ביי־טריט אַלץ צוריק, און וואָס ווייטער ווייטער ווערט העלער און העלער. פרעהליך שווישטשען די וואָראָביטשיקעס, אונטערשפרינגענדיג מיט די דינע פיסליך אויף די דעכער, אויף די פלייטען, דאָס — צונויפלויפען זיי זיך פעקליכווייז אינאיינעם, עפּעס האַמפּערט מען זיך איבער אַ קערנדיל, עפּעס שמועסט דאָ קהל איבער וועגען זייערס אַ וויכטיגע זאַך, און דאָס — צילויפען זיי זיך אין בעזונדערע פּאָרליך, טאַנצענדיג איטליכער אַקעגען זיין בעשערטער, ווימען זיך, האַלזען זיך, ליובען זיך, צאַפּלען, פלאַטערן מיט די פליגעליך — און פּיק, פּיק אין קעפּיל... מעקענדיג לויפען ראַפּטאָם ציגען פון אַלע געסליך אַהין, וואו עס פערקלייבט זיך די טשערעדע, פון דאָרט געהט זי אויפ'ן גאַנצען טאָג אַוועק אין פעלד אַריין. די פערשייטע ציגען, די שקצים שפּרינגען רעש'ענדיג פערריסען די ווידעליך העט פּאָראויס, די קיה רידעען זיך פּאַמעליך מיט סטאַטיק, נישט געאיילט, צונייגענדיג מיט די קעפּליך, ווי פיינע בעלי־הבית'טעם, רוהיג שטיל. נאָר עטליכע פערדרעהען אַהינטען די קעפּ און לאָזען אַרויס ווי פון אַ צושפּאָלטענעם שופר אַ הייזעריגען, אַ קיה'יש־נאַרישען „מע", גלאַט אַזוי זיך אַ גרוס נאָר פריינדליך דעם גאַנצען שטעדטיל יודען, אָדער „אַ זיי־געזונד" די פערבליבענע קעלבליך. שאָקלענדיג זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער פיהרט דער נאָגער זיין גאַנץ געזינדעל יונגע געגזליך, וואָס געהען ערשט אַריין אין די פעדערן, בלאָזט פון זיך אַ שרעק, גאָגאָטשעט, שטרעקט דעם האַלז, פערזאַרפענדיג מיטען קעפּיל און לאָזט זיך מיט דער קאָמפּאַניע אַראָב אַהין צום וואַסער. —

ש. אבראמאוויטש.

40.

צו א לויפיגען וואסער ‏

אָ, וואַנדער־שטראָם! ווי לאַנג, ערקלער,
וועט דיך די צייט אַלץ טרייבען!
פון וואַנען קוממטו, זאָג, אַהער?
און וואו וועסטו פערבלייבען!

געבאָרען בין איך פון א באַרג,
וואו שענע בלומען בליהען;
וואו פּאַלמען זענען דאָ ניט קאַרג,
און שטאָלצע אָדלערס פליהען.

דער הימעל מיט זיין גאַנצען פּראַכט
מיין בוזם פלעגט בעשיינען,
און הערען פלעג איך דורך די נאַכט,
ווי זיס די שטערן טענה'ן.

נאָר געהן האָט מיר פערוואָלט זיך, געהן!
און בין אַראָבגעפאַלען —
זייט דאַמאָלס וואַנדער איך אַליין,
אַליין דורך פרעמדע טהלען...

דערפאַר, אָ, לויף איך דאָ און דאָרט,
דרום רוישען מיינע וועלען,
איך האָב קיין היים, איך האָב קיין אָרט,
אַוואו זיך אָבצושטעלען...

עס יאָגט מיך און עס טרייבט מיך שטם,
מיט אונבעוואוסטער גבורה,
און טראָגט עס מיך אריין אין ים —
אָ, דאָרטען איז מיין קבורה!

מאררים ר״

41.

I.

זרינס.

עס האָט מיך פערפלאָנטעט אין קוסטעס פון בלומען,
וואו באַבאָטשקעס צאַפּלען אין נעצען פון שטראַהלען
וואו ס'ציטערט די לופט פון דעם זומזען און זשומען —
און איך בין פער'כשופט צו דר'ערד צוגעפאַלען.

ס'איז היים! ס'איז גוט! גאָט'ס וועלטיל גלאַנצט,
אין טיעפען גראָז — דאָרט שמיצערט, טאַנצט.
די סטעפּ — מיט בלומעליך געצירט
וואָס גאָט אַליין האָט זיי געפלאַנצט,
מיט פאַסען אַלערליי קאָלירט —
פערשפּרייט זיך ווייט און געהט אַוועק
גאָר אָהן אַ אָנהייב, אָהן אַ נ'עק...
און איינזאַם דאָ צווישען גראָז
שפּיר איך אין מיר אַ גאַנצע וועלט...
דאָס האָט אויף מיר געטאָן אַ בלאָז
מיט פרייען פעלד!...

ס'איז שטיל! — שאַ, ערשט פאַר מיר געשווינד
איז דירכגעלאָפען ווי אַ פייל
אַזוינס וואָס האָט געשמעקט מיט קינד
און ליעגט שוין ווייט פאַר טויזענד מייל.
דאָס האָט געטהון אַ בליץ, אַ גלאַנץ
מיט עפּעס גאָר אַנ'אַלט־בעקאַנטס,
אַנ'איינגעבאַקענס יאָהרען פיעל
נאָר דאָך פערגעסענעס געפיהל.

האַט דאָס געטאָן אַ גלאַנץ, אַ בליץ
און גלייך אין אויג דערלאַנגט אַ שפּריץ
אַן טראָפּען טוי פון יונגען גליק
און אויסגעטריקענט טאַקע באַלד...
דאָס האָט געטאָן אויף מיר אַ בליק
דער גרינער וואַלד!

ח. נ. ביאַליק.

II.

אונטער די גרינינקע בוימעליך
שפּיעלען זיך משה'ליך, שלמה'לוך;
ציצית, קאַפּאָטקעליך, פּאה'ליך —
יודעליך פריש פון די אייעליך,
גופי'ליך — שטרוי, רויך און פעדערליך —
נעהם און צובלאָז זיי אויף גליעדערליך —
חאַפּען זיי אויף גרינגע ווינדטעליך
און עס צוטראָגען זיי פויגעליך...

נור איין זאַך פערמאָגען זיי — אויגעליך.
די אויגען פערמאָגען צוויי פינטעליך,
וואָס גליהען און פינקלען און טיקען זיך,
און עפּיס זוי נביא'ש און וואונדערליך
פערטראַכטען זיך טיעף און פערקוקען זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פויגעליך....
אוי, מיר זאָל זיין, יודישע קינדערליך,
פאַר אייערע כשר'ע אויגעליך!....

ח. נ. ביאַליק.

42.

דאס געוויטער אין וואלד.

עס האט געטאן א בליץ, גלייך ווי דער הימעל האט זיך צעשפאלטען און אבגעטונקט די וועלט מיט פייער. באלד דערויף האט א הילך געגעבען א דונער און זיך אבגערופען ארום און ארום מיט שרעקליכע קולות ווי פון טויזענדער הארמאטען. עס האט זיך אויפגעהויבען א שטורמווינד, ער האט משונה געפייפט געוויינט, געהיילט ווי הונגעריגע וועלף, גלייך ווי עס האבען דעם טאג זיך אויפגעהאנגען הונדערט מכשפים. דער אנשלאפענער וואלד האט זיך אויפגעחאפט שטארק דערשראקען. עס האט זיך אויפגעחאפט איטליכס גרעזעלע, איטליכס צווייגעלע, איטליכס בלעטעלע, אלע האבען גע'רעשט, געפלוידערט, געפלוידערט אויף אלערליי קולות און פערמישטע לשונות. סאראקעס, ווארא̇נעס און סאוועס מיט זייער גאנץ פעקיל האבען אויך צוגעקרעכצט, צוגעשפילט, א וויינענדיגס. יעדער בעזונדער האט געקרעכצט, געזיפצט, געשריגען, איינער דעם אנדערען מבלבל געווען, בײזא שלאגס־רעגען האט מיט אמאל איטליכען פארשטאפט די מיילער.

שרעקליך אזא נאכט אין וואלד, שרעקליך, שרעקליך!.....

ש. י. אבראמאוויטש.

43.

דאס געבעט.

עס הערט זיך דער דונער פון ווייטען,
עס בלענדט אין די אויגען דער בליץ
א גאט האב רחמנות — די אר'מע
פון ביזען געוויטער בעשיץ;

וואס ארבייטען יעצט אויף די פעלדער
געפינען זיך וויט פון דער היים,
און האבען קיין ארט, וואו זיך שיצען
קיין שייער, קיין דעכעל, קיין בוים.

וואס זענען אצינד אונטערוועגענס,
די פוהרען מיט משא פערלעגט,
און וויט איז פאר זיי נאך א קרעטשמע
און ווערען פון רעגען צו־וויקט.

וואס שטעהען אין מארק מיט די קוישען
מיט עפעל, מיט גרינס און מיט ברויט —
און אלע, וואס זענען איצט דרויסען,
וואס ס'טרייבט זיי דער הונגער און נויט.

און אלע וואס זענען פערוואגעלט,
וואס האבען קיין ווינקעלע ניט;
די אלע פון ביזען געוויטער
בעשירמע זיי גאט און בעהיט.

א. [illegible].

44.

דער זונאונטערגאנג.

די זון איז געשטאנען ביים עק הימעל, גרויס, רויט ווי פייער און געזעגענענדיג זיך מיט דער וועלט פאר דעם אוועקגעהען אין איהר רוה אריין האט זי געווארפען א בליק — איהרע מילדע גילדענע שטראהלען — אויף גראז, אויף בוימער, אויף בערגליך און טהאלען. דער אבגלאנץ פון איהר ליכטיג פנים אויף זיי האט זיך אויסגעדראכט עפעס נאר ווי א שיינענדיג־פריינדליך שמייכעלע צווישען דעם מרה־שחורה'דיגען שאטען, וואס אויף זיי אלע האט זיך אנגערוקט. ס'איז געווען צום הארצען עפעס אומעטיג־פרעהליך, זיס־ביטערליך צו גלייכער צייט. די שענע נאטור זומער פארנאכט איז א כלה צום בעדעקענס אונטער דעם שלייער — און דענסטמאל טאקע האט זי ערשט דעם זיבעטען חן, ציהט זי דעם חתן ביי דער נשמה, עס צושפיעלט זיך איהם דער כח־המדמ'ה, ער טראכט און פערטראכט זיך אויף איהר פנים, וואס שיינט ארויס, שמייכלענדיג צו איהם, פונ'ם פערבארגעניש אונטער דעם דעק־טוך און רעדט, צונעהמט איהם עפעס אזוי, אהן ווערטער.

(מענדעלי מוכר ספרים).

45.

פארנאכט.

ליעבע, זומערדיגע פאר־נאכטען! פון בעהאלטענע ווענקעלעך קומען זיך צוציהען איבער'ן הימעל שטיקער ליכטיגע, שטיקער טונקעלע וואלקענס, מישען זיך צוזאמען טיעף אין ברייטען

האָריזאָנט פון הימעל. די הערליכע ליכטיגקייטען מיט די דונקעלע וואָלקענס ווערען בעהאַלטען הינטער בלאָהע, פאָכערדיגע פאַר־האַנגען. ליכט, פערוויקעלט אין ליכט, הענגט ברייט און ווייט איבער'ן וואַסער און שפיגעלט זיך אָב אין זיינע ליכטיגע, געשליפענע חוואַליעס. און די חוואַליעס געהען, א חוואַליע נאָך א חוואַליע, ווי זיי וואָלטען דאָס הארץ אויסגערעדט איינע פאַר דער אַנדערער. ווייט, ווייט נייגט זיך דער הימעל אראָב אין וואַסער אריין, און דאָס וואַסער געהט אין הימעל אויף. דער הימעל מיט דעם וואַסער גיבען זיך דעם ערשטען, ליעבען אונשולדיגען קוש און געהען זיך שלאָפען לעגען אין געדיכטען וואַלד, אין שוואַרצען וואַלד, אין עק וועלט...

שלום אש.

46.

די נאכט.

עס געהט די מיטען־נאַכט אין ווייסען אָנגעקליידט
אריבער פעלד און וואַלד, אריבער באַרג און טהאָל —
אין ווייסען אָנגעקליידט, אויף זיידענס אויסגעשפרייט,
און גיסט אַ שטילען שיין און טרוימען אָהן א צאָהל.
און ס'דוכט זיך אוים אין לופט, עס טראָגט זיך און עס שוועבט
א חלום אָהן אַ סוף, פאַנטאַסטיש בלוי און מילד,
פון טיעפען הימעל־דוים מיט שטערן דורכגעוועבט
און ביז דער ווייסער ערד אין שטראַהלען איינגעהילט.
עס שלאָפט די גאַנצע וועלט פערגאָסען דורך אַרום
אין מילדען, שטילען שיין, בעצויבערט און ענטציקט;
עס שלאָפט די גרויסע שטאָדט, די גאַסען שוויינען שטום.
עס שלאָפט דער מידער מענש אין חלום איינגעוויעגט.

א. וואַרב.

47.

שבת ביי טאג.

אין דער גאס איז לעבעדיג, פרעהליך, דער עולם זיצט נאך ביי די טישען, פון טייל פענסטער הערט זיך דער יום־מנוחה— טייל בעלי־בתים זענען איינגעשלאפען אויף די סדורים, ביים בענשען. דער יונגער עולם, אדער די חדר־יונגלעך גנב'ענען זיך אוועק פון טיש, לויפען ארויס פאר'ן בענשען אויף דער גאס ארויס, ארויף אויף דעם בארג, וואס איז הינטער דער שטאדט, שפאצירען מיט מיידלעך...

און דער שבת איז אויפ'ן בארג, דאס שטעדטעל שלאפט זיך געשמאק, אונטער דער מאמעס פארטוך—די מנוחה פון שבת. און חדר־יונגלעך האבען זיך אויף דעם בארג פערקליבען. אויף דעם שפיץ בארג שטעהען יונגען און קיקען דורך די פויסטען אויפ'ן שטעדטעל, מרגלים הייסט עס „שפירען אויס" דעם „ארט" מיט שפאקטיוועו. בארג־אראב גליטשען זיך יודישע קינדער איינס נאכ'ן אנדערן, איינס נאכ'ן אנדערן, און צורייבען די שבת'דיגע קאפאטקעלעך מיט די שבת'דיגע שטיוועל. ווייבער געהען שפאצירען אויפ'ן וועג, פאר'ן בארג, און שטעלען זיך אב, שרייען אויף דעם בארג ארויף: נחום, די שבת'דיגע קאפאטע! חיים, געהסט אראב, דו געהסט? חברה הערען נישט און גליטשען זיך ווייטער איינס נאכ'ן אנדערן בארג אראב. באלד שרייט א יונגעל: דער רבי געהט, דער רבי! און חברה מאכען פלטה, ווייט אוועק...

און דארט ווייט, אונטער'ן בארג, ציהט זיך דער וועג אוועק, אט ווייזט זיך דאס וואסער'ל, וואס טיילט דאס שטעדטעל דורך, דארט איז די וואסער־מיהל, דאס ראד קלאפט אין וואסער, און עס פאטשט פון דערווייטען, און דארט, נאך דער וואסער־מיהל, געהען בית־המדרש־בחורים ווייט אויפ'ן וועג שפאצירען...

(שלום אש).

דריטע אבטיילונג.

JEWISH RADICAL LIBRARY
TOLEDO OHIO

TOLEDO OHIO

48.

געלד.

אמאָליגע צייטען, איז צווישען מענשען געווען אַ פּראָסטער־בייט פון סחורות. דורך דעם דאַזיגען בייט פלעגען די מענשען אַרבייטען איינער פאַר דעם צווייטען אזוי, אז קיינער זאָל ניט האָבען קיין שאָדען: איינער האָט פאַר דעם אַנדערן געאַרבייט לערך אזוי פיעל, וויפיעל יענער פאַר איהם.

ווי שטיוועל און לייוועגט פלעגען אויסגעביטען ווערען איינס אויף דאָס צווייטע אויף אַזאַ אופן, אַז אין אָט דיביידע סחורות איז געווען אַריינגעלעגט אַ גלייכער סכום אַרבייט. אַ פּאָר שטיוועל, וועלכע מען האָט אויסגעאַרבייט אין 2 טעג, פלעגט ווערען אומגעביטען אויף 20 אַרשין לייוועגט, וואָס אויסאַרבייטען זיי האָט אויך געדויערט 2 טעג. און בכלל אַלע סחורות, וואָס געפינען זיך אויפ'ן מאַרק, האָבען געקאָנט ווערען אויסגעביטען איינע אויף די אַנדערע אזוי, אַז אין די ביידע סחורות, וועלכע מען בייט־אויס, זאָל זיך געפינען אַ גלייכער סכום אַרבייט. אזוי, למשל, ווען אויף די אויסאַרבייטונג פון 4 פוד ווייץ וואָלט מען געדאַרפט האָבען 2 טעג, פון אַ פּאָר שטיוועל דאָס איינענע, פון 20 אַרשין לייוועגט—2 טעג, פון 5 אַרשין ציץ—2, פון אַ שפּיגעל 2 טעג, דעמאָלט האָט מען געקאָנט אויסבייטען די אַלע סחורות איינע אויף די צווייטע, אזוי אַז פאַר אַ פּאָר שטיוועל האָט מען געקאָנט קריגען 4 פוד ווייץ, אָדער 20 אַרשין לייוועגט, אָדער 5 אַרשין ציץ א. א. וו.

יעצט לאָמיר זיך פאָרשטעל'ען אַזאַ פאַל: אונזער שוסטער מוז האָבען לייוועגט. ער נייהט אויף אַ פּאָר שטיוועל און געהט מיט זיי צום וועבער, כדי זיי אומצובייטען אויף לייוועגט. נאָר ווי־אויף צו להכעיס האָט דער וועבער ערשט נעכטען געקויפט שטיוועל און וויל בשום אופן ניט אָװעקגעבען קיין לייוועגט פאַר געיע־

שטיזיעל. „וואו זאָל איך אהינטהון צוויי פּאָר שטיוועל? אָט איך וואָלט וועלען האָבען צייג אויף אַ קלייד פּאַר מיין ווייב; ווען דו וואָלסט געהאַט עפּעס אַ פּאַסיג שטיקעל צייג, אָט דעמאָלט וואָלט איך מיך דיר געמאַכט אַ בייט". מען קאָן גאָרנישט מאַכען, אונזער שוסטער לאָזט זיך געהן צו אַ צווייטען וועבער, צו אַ דריטען — אַלע די אייגענע מעשה: קיינער דאַרף קיין שטיוועל ניט, קיינער וויל זיי ניט — צו וואָס זאָלען זיי זיך גלאַט אַזוי וואַלגערן? און דער שוסטער בעדויערט שטאַרק, וואָס ער איז ניט קיין בעקער; ברויט איז אַ סחורה עובר לסוחר: עסען מוז מען אַלע טאָג; ברויט איז לייכטער אומצובייטען אויף אַנ'אַנדער סחורה, אֵיידער שטיזועל. צום גליק האָט דער בעקער מסכים געווען אומבייטען דעם שוסטער די שטיוועל אויף ברויט; אונזער שוסטער איז זיך אַוועק מיט'ן ברויט צום וועבער, און יענער האָט איהם געגעבען פאַר'ן ברויט לייווענט. נאָר אויך דער בעקער קלאָגט זיך אויף זיין גורל: אֶמת טאַקע, זיין סחורה איז נויטיג פאַר אַלעמען, מען קאָן אָהן דעם ניט אויסקומען, נאָר פונדעסטוועגען קאָן זיך טרעפען אמאל, אַז עס איז שווער צו פערקויפען דאָס ברויט — למשל, אַ הענדלער מיט בהמות האָט אַ קוה, וועלכע איז דעם בעקער זעהר נויטיג, דער הענדלער מוז אויך אַלע טאָג האָבען ברויט; נאָר פאַר אַ קוה דאַרף מען, אָבער, נעהמען אַ סך ברויט און וואו זאָל ער אַהינטהון אַזוי פיעל ברויט מיט אמאָל, עס קאָן דאָך פאַר דער צייט פערדאַרט ווערען. אויך דעם בהמות־הענדלער איז ניט גרינגער. הגם בהמות זענען אַלעמען נויטיג און אויך ווערען זיי ניט פערדאַרט, אַזוי ווי ברויט; נאָר ער דאַרף, למשל, נויטיג האָבען נאָדלען, טאָ ווי זשע זאָל ער אויסבייטען אַ קוה אָדער אַ שעפּס פאַר נאָדלען? פאַר אַ קוה וועט מען איהם געבען אַזוי פיעל נאָדלען, אַז ער וועט זיי צייט זיין לעבען ניט פערברויכען. דאָס הייסט, אַז לייכטער און בעסער קאָן אויסבייטען זיין סחורה דער, אין וועמענס פּראָדוקטען מען נויטיגט זיך אממעהרסטען. מיט דעם בעל דבית פון אָט דער סחורה וועט איטליכער גערן בייטען; ווען עס איז אפילו ניט גלייך

גוטיג איצטער. קען מען עס בעהאַלטען אויף שפּעטער; און בפרט ווען די סחורה איז נאָך אַזאַ, וואָס ווערט ניט גיך פערדאָרבען און מען קאָן זי לייכט צוטיילען אויף חלקים — דעמאָלט קאָן מען אויסבייטען דערויף אי אַ גרויסע, אי אַ קליינע זאַך. אַזאַ סחורה איז פּונקט אַזוי ווי ביי אונז געלד: מען קאָן פאַר דעם אַלצדינג קויפען און פערקויפען. אַלע האָבען זיך געסטאַרעט פון אָנהויב אויסבייטען אַלע זייערע סחורות אויף די איין סחורה, און דערנאָך שוין אויסבייטען זי אויף אַלצדינג, וואָס מען דאַרף האָבען. אַזאַ סחורה איז ביסלעכווייז געוואָרען, אויף אַזאַ אופן, איין אויסבייט־מיטעל *).

*) אין פערשיעדענע צייטען און אין פערשיעדענע ערטער האָבען די מענשען דערצו אויסגעקליבען פערשידענע סחורות. מייסטענס האָט מ׳ען אויסגעקליבען אַזעלכע זאַכען, וועלכע זענען פאַרהאַן צום מעהרסטען אין יענעם לאַנד. די אַלטע סלאַווען פלעגען אומבייטען די פרעמדע סחורות אויף פעל פון חיות, ווייל ביי זיי אין די וועלדער זענען דעמאָלט געווען אַ סך חיות, און די פרעמדע קויפלייט פלעגען גערן נעהמען פעל. אין אַנדערע ערטער פלעגט מען בייטען אויף בהמות, — מען פלעגט אָבשאַצען אַזוי: דאָס קאָסט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל קיה, שעפסען אָדער פערד. נאָך איצטער זענען פאַרהאַן ווילדע מענשען, וואָס בייטען אויף מושלען (ראַקאָווינעס). די ראַקאָווינעס געברויכען זיי פאַר ציהרונג און האָבען זיי זעהר ליעב. זיי קלייבען זיי צונויף אויפ׳ן ברעג ים, ציהען זיי אַרויף אויף שנירלעך און בייטען דערויף.

נאָר די אַלע סחורות זענען ניט אין גאַנצען גילטיג דערויף, אַז אַלע אַנדערע סחורות זאָלען אויף זיי אויסגעביטען ווערען. זייער ווערטה (ווען מען זאָל זיי אָבשאַצען לויט דער אַרבייט, וואָס איז געוואָרען פערברויכט אויף זיי) בייט זיך פון יאָהר צו יאָהר, אַמאָל הויבט ער זיך און אַמאָל פאַלט ער. הייסט דאָס, אַז קיינער קאָן קיינמאָל ניט וויסען גענוי, וויפיעל ער האָט געקראָגען פאַר זיין כחורה. דאָס איז, פערשטעהט זיך, ניט בעקוועם. ניט בעקוועם איז אויך דאָס, וואָס די דאָזיגע סחורות (ברויט, בהמות, פעל) ווערען באַלד פערדאָרבען, זיי איז שווער צו היטען און זיי פערנעהמען אַ סך אָרט. דעריבער האָבען די מענשען סוף כל סוף אָנגעהויבען בייטען אַלע סחורות אויף בעזונדערע סחורית, וואָס דער ווערטה פון זיי בייט זיך ניט אָפט, וואָס ווערען ניט אַזוי גיך פערדאָרבען

ווען עס איז שוין געוואָרען געלד, איז אויך לייכטער געוואָרען צו וויסען דעם ווערטה פון אַלע סחורות, עס איז געוואָרען גרינגער זיי צו פערגלייכען איינע מיט דער צווייטער נאָך זייער ווערטה. אַלע סחורות האָט מען אָנגעהויבען שאַצען אויף געלד. דאָס איז דיזעלביגע זאַך, ווי נעהמען אַ וואָג. ווי קאָן מען פערגלייכען, למשל, צוויי שטיינער איינער מיט דעם

און אַ סך אָרם פערנעהמען זיי אויך ניט. די דאָזיגע סחורות זענען גאָלד אין זילבער. זיי צו געברויכען פאַר'ן אויסבייטס־מיטעל לוינט אויך דערפאַר, וואָס אַשטיק גאָלד אָדער זילבער קאָן מען צוטיילען אויף קליינע חלקים, אין יעדער קלענסטע טייל וועט האָבען אַ ווערטה; הייסט דאָס, אַז פאַר גאָלד און זילבער קאָן מען אויסבייטען סיי קליינע זאַכען, סיי גרויסע, סיי טייערע, סיי וואָלוועלע. אויך דאָס איז גוט, וואָס ווען מען דאַרף, קאָן מען די שטיקלעך גאָלד ווידער צונויפשמעלצען; אַנדערע סחורות אָבער, ווען מען זאָל זיי צוהאַקען אָדער צושניידען, ווערען דורכדעם גופא פערדאָרבען. ווייטער איז זעהר גוט דאָס, וואָס גלייכע טיילען פון אַ שטיק גאָלד אָדער זילבער האָבען איין ווערטה, ניט אַזוי ווי, למשל, פעלען פון חיות. דאָרט איז איין פעל ניט גלייך צום צווייטען. ווען מען זאָל, למשל, זאָגען, אַז אַ קוה קאָסט 5 פיקסענע פעלען, איז דאָס נאָך ווייניג: מען מוז נאָך זאָגען, וואָס פאַר אַ פעלען: צוויי אַפילו גלייכע אין מאָס פעלכלעך קאָנען האָבען אַ פערשידענעם ווערטה. אָפטמאָלט איז אַ גוט פעל ווערטה דריי קיה. מיט גאָלד אָדער מיט זילבער איז גאָר אַן'אַנדער עסק. ריינעס זילבער איז אַלעמאָל דאָס אייגענע. כדי לייכטער קענען אויסבייטען, האָט מען אָנגעהויבען צוהאַקען זילבער אויף שטיקלעך פון גלייכען געוויכט. די צוהאַקטע שטיקער האָבען בעקומען אַ נאָמען רובעל (פון רובּיט־האַקען). ביי די אַלטע יודען האָבען די שטיקלעך זילבער געקראָגען זייער נאָמען פונ'ם וועגען—מען האָט זיי גערופען שקל. פון אָנהויב זענען דאָס געווען פשוט שטיקער פון פערשידענער פאָרם, דערנאָך האָט מען זיי אָנגעהויבען מאַכען אַלען אויף איין פאָרם, און כדי מען זאָל ניט אָבנאַרען און ניט אַריינמישען אין די זילבער עפּיס אַן'אַנדער זאַך, האָט די מלוכה זיי אָנגעהויבען מאַכען אין אַ בעזונדערן מינץ־הויז (מאָניעטני־דוואָר) מיט דעם צייכען (גערב) פון דער מלוכה און מיט אַ בעזונדערן אויפשריפט. אַנשטאַט פראָסטע שטיקער זילבער זענען געוואָרען געלד־שטיקער. למשל, אַ רובעל איז אַ געלד־שטיק פון אַבעשטימטען געוויכט (4 זאָלאָט. 21 דאָל.).

צווייטען, כדי צו דערגעהן, מיט וויפיעל איינער איז שווערער פאר דעם אנדערן? מען גלייבט זיי ביידען אויפ'ן געוויכט מיט פודעז און פונטען. דאס אייגענע איז אויך מיט געלט: עס דיענט אויף אויסצומעסטען דעם ווערטה, אקוראט אזוי ווי געוויכטער (גירעס) דיענען אויף בעשטימטען די שווערקייט.

נאר מיט גירעס קען מען דערפאר וועגען אנדערע זאכען, זוייל זיי האבען אליין א געוויכט. דאס אייגענע איז אויך מיט געלד. דערפאר טאקי קאן מען דורך געלד בעשטימען דעם ווערטה פון אנדערע סחורות, ווייל עס האט אליין זיין ווערטה. געלד ווערט געמאכט פון זילבער אדער גרלד, און די לעצטע זענען אבער סחורות עובר לסוחר. זילבער האט א ווערטה ניט נאר אלס געלד. זילבערנע בלים, זילבערנע ציהרונג האט מען פריהער אנגעהויבען צו געברויכען, איידער מען האט פון זילבער געמאכט געלד. און דערפאר האט מען טאקע אנגעהויבען צו מאכען פון זילבער געלד, ווייל זילבער איז א סחורה מיט א פעסטען פרייז, ווייל אויך קליינע שטיקלעך האבען א גרויסען ווערטה, ווייל עס ווערט ניט פערדארבען א. ז. וו., מיט איין ווארט, ווייל עס איז א זאך, וועלכע איז זעהר גילטיג, אז מען זאל אויף איהר אנדערע סחורות בייטען.

ווען אויף צו בעקומען פון דער ערד א שטיק זילבער פון 4 זאלאטניקעס מוז מען האבען איין טאג ארבייט, און צו מאכען א היטעל מוז מען אויך האבען איין טאג, דעמאלט איז דער ווערטה פון דער היטעל דערזעלבער, וואס דער ווערטה פונ'ם שטיק זילבער פון 4 זאלאטניק. פון דעם שטיק זילבער מאכט מען א געלדשטיק פון 1 רובעל. און דעמאלט הייסט דאס, אז דער ווערטה פון דעם היטעל איז 1 רובעל, אט אויף אזא אופן ווערט געשאפען געלד. דערפון זעהען מיר, אז געלד איז א סחורה, ווי אלע איבעריגע סחורות. איהר ווערטה ווערט בעשטימט דורך דעם סכום פון ארבייט, וואס איז נויטיג, כדי אויסצוגראבען דעם מעטאל פון דער ערד און איהם צו בעארבייטען. און אזוי ווי

א מעטאַל איז אַסחורה אַ פעסטע, מיט אַ בעשטענדיגען ווערטה, טאָ פערגלייכט מען מיט זיין ווערטה דעם ווערטה פון אַלע איבעריגע סחורות, און די סחורה מעטאַל ווערט געלד. ווען איך האָב פערגליכען דעם ווערטה פון סחורות מיט'ן ווערטה פון ווייץ, האָב איך געזאָגט, אַז 20 אַרשין לייווענט, אָדער 5 אַרשין טוך, אָדער אַ פאָר שטיוועל זענען ווערטה 4 פוד ווייץ. און ווען איך מעסט צו דעם ווערטה פון סחורות צום ווערטה פון געלד, זאָג איך, אַז 20 אַרשין לייווענד, אָדער 5 אַרשין צייג, אָדער אַ פאָר שטיוועל זענען ווערטה 4 רובּ. (4 שטיקלעך זילבער). הייסט דאָס, געלד איז אַזאַ סחורה, וועלכע ווייזט־אָן דעם ווערטה פון אַנדערע סחורות, אָדער געלד—דאָס איז דער ווערטה־מאָס, אַמאָס־שטאַב אויף דעם ווערטה פון סחורות.

אויפ'ן מאַרק ווייזט דאָס געלד אָן דעם ווערטה פון סחורות, און דיענט אויך אָנשטאָט אַלע אַנדערע סחורות ביים בייטען (וואָס פאַר אַ סחורה מען וויל, קאָן מען פאַר געלד קויפען). ד. ה., עס דיענט פאַר אַנ'אויסבייט־מיטעל פון סחורות. געלד איז אויך אַזאַ סחורה, ווי אַלע אַנדערע סחורות. עס האָט אַ ווערטה נור דער־פאַר, ווייל מען מוז אָנווענדען אַרבייט, כדי צו בעקומען די מעטאַל'ען פון דער ערד; און נאָר דערפאַר קאָן מען אויפ'ן מאַרק אַלץ בעקומען פאַר געלד. און קיינער וועט טאַקע ניט וועלען אומבייטען זיין סחורה פאַר אַ פליהענדיגען פויגעל אָדער פאַר אַ פאַפירעל, וואָס האָט ניט קיין שום ווערטה. נאָר בלייבט דאָך די קשיה, ווי איז אָבער די מעשה מיט פאַפיר־געלד? פאַפיר־געלד איז זעהר לייכט צו מאַכען: אין איין טאָג קאָן מען פאַרטיג מאַכען צעהנדליגער טויזענדער רובעל, און אויפ'ן מאַרק קאָן מען דערפאַר בעקומען אַזאַ הויפען סחורה, אין וועלכען עס ליגט נאַנצע יאָהרען פון אַרבייט. קומט דאָך אויס, אַפּנים, אַז דער ווערטה פון געלד הענגט לחלוטין ניט אָב דערפון, וויפיעל אַרבייט מען האָט אָנגעווענדט עס צו מאַכען. דערפון איז דאָך געדרונגען, אַז אין פאַפיר־געלד איז בעהאַלטען עפּיס אַנ'אַנדער מין כּוח, ווען

מען קאָן דערפאַר קריגען סחורה אָהן אַ שיעור. בשעת די פאַפּירלעך אַליין האָבען אַ ווערטה פאַר אַ צוּבראָכענעם גראָשען. רובט זיך, אין פלוג אַ גרויסע סחירה; נאָר אַיילט זיך ניט. מיר וועלען דאָ אויך מסתמא דערגעהן ביז'ן סוף. נאָכדעם ווי דאָס גאָלד אָדער דאָס זילבער איז אַרויסגעגראָבען פון דער ערד און געהעריג בעאַרבייט, צוטיילט מען דאָס אויף געוויסע טיילען און מען מאַכט דערפון געלד־מטבעות. ווען מען דאַרף, למשל, כדי זי בעקומען אַ שטיק זילבער און מאַכען פון איהם אַ רובעל, אַרבייטען אַ גאַנצען טאָג, און אויף פאַרטיג מאַכען הענטשקעס אָדער אַ היטעל ברויך מען אויך איין טאָג צייט, דאַן וועט זיין דער ווערטה פון דעם היטעל אָדער פון די הענטשקעס 1 רובעל זילבער. הקצור, מען האָט דעם רובעל אַרויסגעלאָזען אויף דעם מאַרק, ער האָט זיך אָנגעהויבען אַרומגעהען פון האַנד צו האַנד, איז אויסגעזוען אַ וועלט מיט קעשענעס. אַזוי וואָגעלט ער זיך אַרום אַ צעהנדליג יאָהרען, לסוף ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט זיין שענעם פנים אָנגעוואָהרען אינגאַנצען. ער איז געוואָרען צעקראַצט און אָבגעריבען, עס איז קוים קענטיג אויף איהם דער אָדלער און די אויפשריפט. מען וועגט איהם אָב — האָט ער פערלאָרען אַ פערט־חלק פון זיין געוויכט. הייסט דאָס, אין פערגלייך מיט דעם אַלטען איז אין איהם זילבער אויף אַ פערט־חלק ווינציגער. דעריבער בעדאַרף דער ווערטה פון דעם אָבגעריבענעם רובעל זיין אויף אַ פערטיל ווענ׳גער. געהט מען אָבער אַרוים אין מאַרק, קויפט מען פאַר איהם דאָס אייגענע היטעל אָדער די אייגענע פאָר הענטשקעס. ווי פאַר אַשפּאָגעל־נייעם רובעל. וואָס זשע איז דאָ די מעשה? די מעשה איז פשוט: דער קירזשנער וואָס פערקויפט זיין היטעל פאַר אַן אָבגעריבענעם רובעל, ווייס גאַנץ גוט, אַז דער רובעל האָט אין זיך ווינציגער זילבער, איידער אַ נייער, און אַז ער נעהמט ניט פאַר זיין היטעל איהר גאַנצען ווערטה (ניט 4 וואַלאָטניק. נאָר 3). נאָר דער היטעל־מאַכער טראַכט ביי זיך אַזוי: איך וועל פון דעם זילבער קיין לעפעל פאַר זיך ניט מאַכען, מיר

איז קיין נפקא מינה ניט וויפיעל ער האָט אין זיך זילבער ; פאַר מיר איז נאָר וויכטיג, דאָס עס זאָל זיין אויף איהם אַ סימן, און דעמאָלט וועל איך קענען דערפאַר קויפען אַ פוד ווייץ אָדער אַ פּאָר הענטשקעס. אַזוי ווי דער עצם פון געלד איז דאָס, וואָס עס ווייזט אָן דעם ווערטה און איז אַ מיטעל צום אויסבייט, דעריבער איז אויפ'ן מאַרק קוקען אַלע (גלייך ווי זיי וואָלטען זיך צונויפ־געריידט) מעהר ניט ווי אויף דעם אויפשריפט, וועלכער איז אויפ־געשריבען דער וואָרט רובעל אויף אַ שטיינדעל אָדער אויף אַ שמאַטקעלע? עס איז גענוג, אַז אויפ'ן מאַרק זאָלען אַלע האַלטען דאָס פאַר אַ רובעל און מען זאָל קענען קריגען דערפאַר אַ היטעל אָדער הענטשקעס. אָט טאַקע אויף דעם סמך ווערט בעשאַפען פּאַפּיר־געלד. די רעגירונג הייסט אָבדרוקען פּאַפּירלעך מיט דעם אויפשריפט: „איין רובעל זילבער" „דריי רוב. זילבער" א. א. וו., און אויפ'ן מאַרק מוזען אַלע זיי אָננעהמען, ווי זיי וואָלטען געווען אֶמת'ע זילבערנע געלדשטיקער. דאָס איז מעגליך נאָר דערפאַר, ווייל די סחורה־געלד צייגט דעם ווערטה פון אַנדערע סחורות, און אָנווייזען דעם ווערטה פון סחורות קאָן אַ פּאַפּירעל אויך אַזוי גוט ווי אַ שטיק זילבער. אויף אַזאַ אופן, בלייבט אויפ'ן מאַרק ביסלעכווייז פון דער סחורה־געלד מעהר ניט ווי אַ צייכען פון איהר ווערטה, אויפגעדרוקט אויף פּאַפּיר — אַ פּאַפּירענער צייכען אָדער פּאַפּיר־געלד. די מעטאַל־געלדער אָבער בלייבען ליעגען אין סקלאַדען, כּדי זיי זאָלען אין פערקעהר ניט אָבגעריבען ווערען. אָנשטאָט זיי געהט אַרום איבער דער וועלט דאָס פּאַפּירעל—אויף דעם פּאַפּירעל אָבער איז טאַקי אויפגעשריבען: ווען מען ווייזט דאָס פאָר, גיט מען אַרויס פון דער אויסבייטונגס־קאַסע פונ'ם רייכסבאַנק אַזוי פיעל און אַזוי פיעל רובעל אין גאָלד אָדער אין זילבער". פּאַפּיר־געלד איז אַ צעטעל אויף צו בעקומען אֶמת'ע זילבער־אָדער גאָלד־געלד. און דערפאַר האָט עס אויך זיין ווערטה. און ווען די רעגירונג וואָלט אַמאָל פערשווענדט דאָס זילבער — אָדער גאָלד־געלד, וואָס געפינט זיך אויף די סקלאַדען וואָלט טאַקי

ארויסגעקומען א גרויס אומגליק: א סוחר, למשל, בעדארף קויפען סחורה אין אויסלאנד — אין אויסלאנד איז פאפיר־געלד ניט אין אזא חשיבות — און ווען מען זאל דארט זיך דערוויסען, אז אין די אוצרות פון דער מלוכה איז עפעס ווינציג געווארען אמת'ע געלד, דעמאלט וואלט מען דאס פאפיר־געלד אפילו פאר דעם העלפט־מקח ניט גענומען. די אויסלענדער פאדערן טאקע אמת'ע גאלד אדער זילבער. דעמאלט וואלט אונזער סוחר זיך א לאז געטהון אין רייכס־באנק בעטען אנשטאט טויזענד פאפיר־רובעל טויזענד גאלדענע; נאך איהם א צווייטער, א דריטער און א פיערטער. סוף כל סוף איז שוין אין רייכס־באנק ניטא, אויף וואס צו בייטען, אט דעמאלט שווימט ארויס דער שווינדעל, ווי בוימאייל אויפ'ן וואסער. עס ווייזט זיך ארויס, אז פאפיר געלד איז פארהאן אהן א שיעור, נאר דאס אמת'ע געלד איז פערשוואונדען. אבער ווען מען קאן זיי ניט אויסבייטען אויף אמת'ע געלד, זענען די פאפירלעך ניט ווערטה קיין צוּבראכענעם גראשען. די קרוין (קאזנא) מוז זיך דעמאלט מודה זיין, אז די עסקים איהרע האלטען שמאל. זי חערט אויף צו געבען פאר פאפיר־געלד דעם גאנצען סכום זילבער אדער גאלד, זי גיט פאר א רובעל ניט מעהר ווי 60—70 קאפ. און א מאל ניט מעהר ווי א האלבען רובעל. נאר דאס אייגענע, ווי א סוחר, וואס האט אנגעזעצט און בעצאהלט פאר זייגע וועקסלען 60—70 קאפיקעס פאר'ן רובל.

פשוט'ע און אונגעבילדעטע מענשען פערשטעהן אפטמאל ניט, וואס איז דאס פאר א מין דרעה. אפטמאלס קומט זיי אויס צו קלאגען זיך, וואס אלע סחורות זענען מיט א מאל טייערער געווארען, און מען ווייס ניט, פאר וואס און פאר ווען. נאר עס ווייזט זיך ארויס, אז דער יקרות איז ניט דערפון, וואס די סחורות זענען טייערער געווארען, נאר ווייל דאס געלד איז וועלוועלער געווארען. פון קאזנא האט מען ארויסגעלאזט א סך פאפירלעך, לייכטגלויביגע מענשין האבען זיי צו גענומען, און דערנאך האט זיך ארויסגעוויזען, אז די קאזנא האט דא געמאכט א שווינדעל, אז זי

האט ארויסגעלאזען פאפירלעך איבער איהרע כוחות; אין אויסלאנד האט מען זיך דערפון דערוואוסט, און פאר די היגע פאפיר־געלד גיט מען ווינציגער סחורה, איידער פריהער; און ווי נאר עס הויבען אן טייערער ווערען די אויסלענדישע סחורות, הויבען אן ביסליכווייז אויך טייערער ווערען די היגע. אזוי האט אויך אין רוסלאנד די צארישע קאזנא אפטמאלס אבגענארט איהרע אונטערטענער. ווען מען זאל נעהמען יעצט אנ'אלטען פינפרובעל־שטיק און פערגלייכען איהם מיט א נייעס, איז לייכט צו זעהן, אז אין דעם אלטען איז פארהאן מעהר גאלד און ער איז מעהר ווערטה, ווי דער נייער, הגם אויף ביידע איז אויפגעשריבען דער זעלביגער פרייז. און ווען מען זאל נעהמען גענוי בעטראכטען, פון וואנען עס האט זיך גענומען דאס אמת'ע און דאס פאפיר־געלד, און ווי אזוי זייער ווערטה איז געענדערט געווארען ביז צום הייגטיגין טאג, דעמאלט וועט זיך ארויסווייזען, אז די גאנצע צייט האט די קאזנא אונמערקליך בעגזל'ט איהרע אונטערטענער. עס וואלט ניט שווער געווען צו זעהען, אז די פאלשע־געלד־מאכער האבען ניט אויסגעטראכט זייער מלאכה, זיי האבען געהאט גוטע רביים. דער חלוק איז נאר דאס, וואס די ערשטע פערשיקט מען קיין סיביר, און די לעצטע לעבען איז עושר און אין כבוד, קליידען זיך אין זיידענס און אין סאמעט, עסען און טרינקען פון דאס שענסטע און דאס בעסטע און קוקען נאך מיט גדלות אויף עהרליכע מענשען.

הקצור, מעטאלישע געלד—דאס איז אזא סחורה, וואס ווייזט אן דעם ווערטה פון אנדערע סחורות, וואס דיענט פאר א מאס פונ'ם ווערטה, און ביים אומבייט ווערט עס אויסגעביטען אויף אלע אנדערע סחורות: עס דיענט פאר א מיטעל צו בייטען סחורות. פאפיר־געלד—דאס איז א צייכען פון דעם ווערטה פון מעטאל־געלד, און מוט דער אלגעמיינער הסכמה (פרייוויליגער אדער געצוואונגענער) ווערט עס געברויכט אנשטאט מעטאליש געלד ביים אומבייט. —

(פון באב'ס עקאנאמישע עטיודען).

49.

מיין סחורה.

ב'האָב געבראַכט אַ סחורה
אויפ'ן וועלט, יריד:
מענשליכע געפיהלען,
אֶמת, פריינדשאַפט, פריעד.

פאַר דער גוטער סחורה
בעט איך נישט קיין געלד,
ב'וויל נאָר גליק און נחת
ברייגגען אויף דער וועלט.

„נעהמט אומזיסט די סחורה״
רוף איך הויך און שטאַרק
נאָר פון ווילדען לאַכען
הילכט דער גאַנצער מאַרק.

„אָ, דו נייער סוחר —
ביזט אונז שוין בעקענט:
נאָר דיין גוטע סחורה
טראָגט נישט קיין פראָצענט.

אונזער גאַנצער האַנדעל
זועט פערגעהן, ווי ווינד —
ווייסט ניט, וואָס ס'הייסט מסחר.
ביזט נאָך גאָר אַ קינד״.

„ניין, איך בין קיין קינד נישט —
מסחר ווייס איך גוט: —
זיינע פונדאַמענטען:
פרעמדע שווייס און בלוט...

א. דייוש.

דער קארגער

(א לעגענדע)

ער האָט זיך קיין זאַך ניט פערגונען,
אַלס ער האָט געלעבט אויף דער וועלט
האָט פיינט געהאַט זיך און דעם צווייטען,
געהאַט האָט ער האָלט נאָר זיין געלד.

געהאַט האָט ער קיינמאָל קיין קינדער,
ווייל ער האָט קיין ווייב ניט געהאַט;
און שטענדיג געגאַנגען צוריסען,
און קיינמאָל געגעסען צו זאַט.

און אין אַ הייזעל אַ חורבה,
וואו טרויריג געפייפט האָט דער ווינד,
דאָרט האָט ער געוואוינט און געצעהלט נאָר
די גאָלדענע רענדליך זיך בלינד.

און פלוצלונג, אַז ער איז געשטאָרבען
האָט קיינער ניט גלויבען געקענט,
אַז ער האָט נור איבערגעלאָזען
אַ בעטעל און גאָלע פיער ווענד.

עס האָט ניט קיין מענש — וואו עס ליעגען
די אוצרות פערבאָרגען — געוואוסט
און אַנטהון איהם פרעמדע תכריכים
האָט חברה קדישאַ געמוזט.

און זייט איז פון דאַמאָלס די חורבה.
עס וואוינען קיין מענשען אין איהר...
ביי נאַכט דאָך, שלאָגט צוועלפען אַ זייגער —
דאַן עפענט זיך פלוצלונג די טהיר —

דאן קומט ער אין ווייסע תכריכים
און זוכט מיט דער ביינערנער האנד,
ער זוכט און ער קראצט, און ער גריבעלט,
און עפענט א לאך אין דער וואנד.

דארט ליגען די גאלדענע רענדליך;
ער קוקט זיך אויף איטליכען איין,
ער צעהלט זיי ביי'ם גאלדענעם שימער,
און לעגט זיי דאן ווידער אריין.

יהואש.

50.

דער נביא

איך בין צו אייך פון גאט געשיקט:
ער האט געזעהן, איהר ווערט דערשטיקט;
ער האט געזעהן, איהר פוילט און פאלט,
איהר ווערט פון טאג צו טאג מעהר אלט;
און אבגעלאזט האט זיך די האנד,
און אויסגעלאזט האט זיך די מאכט —
און גאט האט זיך אין אייך דערמאהנט
און ער האט מיך צו אייך געבראכט.

און גאט האט מיר געזאגט אזוי:
„צו שווער דער יאך — איך קען ניט מעהר —
נעה רייס פון זייער הארץ איין „אוי"
שים אוים פון זייער אויג א טרעהר;

און שווער זאָל זיין די טרעהר און ביטער,
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אזוי—די ערד זאָל טהון אַ ציטער
און אָבטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס".

איך האָב געפאָלגט און בין געגאַנגען,
מיין וועג איז פול געווען מיט שטיינער;
נאָר איין געפיהל און איין פערלאַנגען
האָט טיעף געגליהט אין מיינע ביינער;
איך האָב געפיהלט, איהר זענט ביי שלאַנגען...
און מיט אייך, ביי אייך—קיינער, קיינער...
מיך האָט געטריבען אייער וועהטאָג,
איך האָב געמיינט, מיין הילף איז נויטיג...

איך בין געשטראָפט פון גאָט מיט הארץ:
איך האָב אַ הארץ, וואָס קריינקט פאַר יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדען שמאַרץ
און ווערט פערברענט פון יעדענס גיהנם...
איך האָב געהערט, עס איז אייך שווער,
האָב איך געמיינט, איהר פיהלט און ווייסט
און וואַרגט זיך שטיל מיט אייער טרעהר
און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט,—

און מייער זענען די מינוטען...
איך געה איך קום—כ'וועל היילען וואונדען,
מיט אייך אינאיינעם וועל איך בלוטען,
און ווי מען דאַרף, וועל איך פערבינדען
און וואו מען מוז, וועל איך אָבלעקען
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אייער וואונד.
כ'וועל טרייסטען, בעטען, וויינען, וועקען—
און וועל ניט לאָזען געהן צו גרונד!

איך געה, איך קום—איך טראָג אַ טרייסט.
איך טראָג אַ בשורה פון נחמה;
איך בין געבענשט פון גאָט מיט גייסט—
איך וועל איך שענקען מיין נשמה...
איך בין פון גאָט מיט מוטה בעשמידט.
וואָס רייסט אוים בערג און ווערט ניט מיד.
וואָס לאָזט מיין רוקען זיך ניט בויגען
און קוקט דעם בייז גלייך אין די אויגען;

און גאָט האָט מיר געשענקט אַ צונג,
אַ שאַרפען ווי אַ שאַרפען קלונג,—
אויב איהר זענט שטיין—איז זי אַנ'אייזען,
אויב איהר זענט אייזען—איז זי שטאָהל...
איך קום, איך וועל זיך נאָר בעווייזען—
און איהר וועט אויפשטעהן מיט אַמאָל!"...

ח. נ. ביאליק.

31.

די שטוב.

לאָזען קינדס-קינדער וויסען, אין וועלכע הייזער די זיידעס זענען געזעסען און האָבען אָבגעלעבט זייערע יאָהרען אינאיינעם מיט קינדער, קליינע און גרויסע, און פּאָר פאָלקען אויף קעסט!
ביים עפנען די טהיר קומט מען גלייך פון דער גאַס אַריין, אזוי ווי מען שטעהט און געהט, אין אַ חדר, אַ גרויס, אַ לאַנגס, דער עיקר דירה, וואָס הייסט אייגענטליך שטוב. אין דער הינטערשטער וואַנד פון שטוב, אינווייניג אַקעגען דעם אריינגאַנג, פיהרט אַ טהיר אין אַ פינסטער הויז, אָהן פענסטער, אָהן

א באלקען — אנ'ארט פאר האלץ ובדומה נויטיגע זאכען אין דער
בעל־הביתישקייט, און אמאל איז עס אויך א שטאל פאר דער בהמה,
בשעת די גרויסע פרעסט ווינטער אדער ווען זי איז קעלביג, א
שטייגער, און קען נעביך נישט נעבטיגען, ווי געוועהנטליך, אין
דרויסען. ביי דער זייט פון דער דאזיגער הינטער־טהיר לינקס,
שטעהט א גרויסער אויווען, אויף צו קאכען און באקען, און
אונטער דעם פריפעטשיק איז דא אנ'ארט (א קאטוך) פאר עופות,
וואס לעגען דארט אייער און קוואקען. וואס נעבטיגען דארט ביי
נאכט, קריכען גאנץ פריה פון דארט ארוים און שפאצירען זיך פריי
אין שטוב ארום, פול אין איטליכס ווינקעלע, אויף טיש און אויף
ביינק. הארט נעבען דעם אויווען שטעהט א רהובע פון גרינע
קאפלעס. א הויבע, א לאנגע מיט צוויי ביינק: די פליישיגע און
די מילכיגע באנק. אט די דאזיגע ביידע אויוועגס און א ווענדטיל
מיט טהירליך נאך זיי, וואס ציהען זיך איבער דער גאנצער לענג
שטוב, צוטיילען זי אין צוויי העלפטען, איין העלפט איז די הויפט־
דירה, וועלכע איז דא בעשריבען, און די אנדערע בעשטעהט פון
אלקערליך פאר זיך און פאר שכנים. אקעגען דער רהובע הענגט
פונ'ם סופיט אראב א לייהמען קוימענדיל, עפעס ווי א מין גלאק
מיט צוויי דראטענע קייטעליך, איינס א קעגען דאס אנדערע,
אונטען ביים ראנד, צו וועלבען עס ווערט צוגעקייטעלט עפעס א
מין אייזערנע סקאווארדע (א לוטשניק), אויף וועלכער עס ווערט
צולעגט א פייעריל פון דארע שפענדליך צו בעלייכטען אלע אווענד
די שטוב, חוץ פרייטאג צו־נאכט. וואס דענסטמאל ווערט עס
בעלויכטען פון חלב'נע בענשליכט אין מעשענע לייכטער אויפ'ן טיש
און אין דעם זעקס־רעהרענדיגען קופערנעם הענג־לייכטער אויבען
מיט אנ'אדלער. דער דאזיגער „לומשניק" גיט, ווי די זון, ליכט
וואַרימקייט דעם גאנצען הויזגעזינד און טראגט אריין פרעהליכקייט,
לעבען אין שטוב. ארום איהם פערברייגט מען די ווינטער־נעכט
אין געזעלשאפט מיט עפעס אנ'ארבייט, אדער גלאט אזוי זיך א
געשפרעך. ווייבער, היימישע און אמאל אויך איינע אדער א פאר

גאָהענטע שכנות אין דערמיט, זיצען זיך אויף דער פליישינגער אויף דער מילכינגער באַנק, פליקען פעדערן און בערײדען די וועלט. שבת־צו־נאַכט ווערט צוגערוקט אַ טיש, מען לייענט פאַר פון „ספר־הישר", פון „גדולת יוסף" — און מען עסט געקאָכטע קאַרטאָפּלעס. חנוכה שפּיעלען די קינדער אין דריידעל, די עלטערע — אין קאָרטען — און מען עסט לאַטקעס. און גלאַט אַזוי אַ נאַכט, ווען מען פּרעגעלט שמאַלץ, זיצט מען אויפגערוימט, דערצעהלענדיג מעשיות — און מען עסט גריווען.

ש. י. אבראמאוויטש.

52.

די מעבעל.

איך לאָזען די קינדס־קינדער וויסען, אַז אויף מעביל האָבען די ייִדעס זיך שטאַרק גישט אויסגעבראַכט. אַ ייִדענס שטוב איז אויסגעשטעלט געוועהנטליך אַזוי: לאַנגע הילצערנע ביינק בײ די ווענד, אויבענאָן אַ לאַנגער פּיערפּיסיגער. דויטגעפאַרבטער טיש, שוואַרצע און ווייסע קעסטעליך, איינס איבער דאָס אַנדערע געהיפּערט אין דערמיט טיש, אויף צו שפּיעלען אין דאַמקעס. דאָרט אין אַ ווינקעל פון דער העלפט וואַנד ביז צו דער סטעליע, שטעהט פּיצסט איינגעפּאַסט אַ ווינקעל־שאַפקלע מיט געגלאָזטע טהירליך, פון וועלכע עס קוקען אַרויס אַ בעכער מיט קידוש־גלעזליך. אַ הדס'ל פון דראָט־אַרבייט, אַ חנוכה־לעמפּיל, אַ פּושקעלע פאַר דעם אֶתרוג סוכות, אַ מויערקעפּיל אויף־הידושים, אַ טאַץ מיט שעלכליך אויף אַיינגעמאַכטס, טעמבעקאָווע און וואַרשאַווער־זילבערנע לעפעל. גאַנץ הויך אויף דער וואַנד הענגט אַ שפּיגעל, אין וועלכען ס'איז נישט מעגליך זיך אָנצוקוקען ביז מען שטעלט זיך נישט אויף אַ ביינקעל, און נאָך אַלע מיה זעהט מען אין איהם

אוים גרין און געל מיט געשוואָלענע באַקען פון צייהנוועהטאָג, ס'איז זיך גלאַט אַזוי אַ שפּיגעל פון שענקייט ווענען, נישט חלילה צו שפּיגלען זיך.

ש. י. אבראמאוויטש.

53.

א געזינד זאַלבע־אכט.

א געזינד זאַלבע אַכט
און בעטען נאָר צוויי,
און קומט אָן די נאַכט.
וואו שלאָפען דאַן זיי?

דריי מיט דעם טאַטען
און דריי מיט דער מאַמען,
הענדליך און פיסליך
געפלאָכטען צוזאַמען.

און קומט אָן די נאַכט,
מען דאַרף זיך אויסבעטען,
דאַן הויבט אָן די מאַמע
דעם טויט אויף זיך **בעטען**.

זי מיינט מיט אַנ'אֶמת —
און וואָס איז דער וואונדער?
אויך איינג איז אין קבר
דאָך ליעגט מען בעזונדער. —

א. רייזען.

54.

די קוזניע.

שלמה'לע האָפּט זיך עפּטערס אַריין צו אייזיק דעם שמיד אין קוזניע, בעזונדערס ווען אין דרויסען איז נאַס, קאַלט, און איהם איז עפּעס אומעטיגליך אויף דעם האַרצען. ער זיצט זיך דאָרט אין אַ ווינקעל און קוקט פערטראַכט. אין קוזניע איז טונקעל, אַקעגען איהם פּאָכט הייזעריגליך אַ לעדערנער, געלאַטעטער בלאָז־זאַק. ער טהוט אַ בלאָז און אַ זייל פונקען שפּרינגען, טאַנצען ווי די רוחות אין אוויווען. עס קומט איהם דערביי פאַר יענע מעשה אין חומש: אַמאָל, אַמאָל — ווי אברהם־אבינו זיצט מרה־שחורה'דיג און דרעמעלט. די זון געהט אונטער, עס איז אַ נעבעל — און אָט איז אַנ'אויווען, רויך און אַ פלאַם־פייער... די פונקען שפּרינגען, און שלמה'לעס געדאַנקען פערפליהען ווייטער־ווייטער; עס מאָלט זיך איהם עפּעס משונה'דיגע צורות, דרעהענדיג זיך צווישען די פונקען און דראַפּענדיג זיך פון דאָרט אויף די אָפּגעשיילטע ווענד אַקעגען. עס בייטען זיך די געשטאַלטען, אַרום־אַריין קוקט, קוקט — און דערזעהט בעשיינפּערליך די ליבטיגע צורה פון אייזיק'ן, וואָס הידעט־אונטער. פערגרעסערט אַלץ דאָס פייער פלוצים, אין דער הייסער מינוט טאַקע, האָפּט אייזיק פונ'ם העליש־פייער אַרויס מיט צוואַנגען אַ גליהענד שטיק אייזען, און האַלטענדיג עס אַזוי אויף דער „קאָוואַדלע" מיט איין האַנד, שלאָגט ער עס מיט דעם האַמער אין דער אַנדערער האַנד, בשעת אַ געזונטער, ברייט־ביינער, צוזראַסטעטער בחור, בעוואָפּענט מיט אַ גרויסען, שווערען האַמער קלאַפּט דערויף אַקעגען. אייזיק איין קלאַפּ, דער בחור צוויי; אייזיק אַ דרעה דעם אייזען אַהער, דער בחור — אַ קאַפּ; אייזיק אַ דרעה אַהין און דער בחור קלאַפּ־קלאַפּ, אַזש פונקען פליהען...

ש. י. אבראַמאָוויטש (מענדעלי מוכר ספרים).

55.

דאָס קליינע שטיבעלע.

דאָס קלענסטע שטיבעל אין גאַס איז געווען ברוך'ס. דאָס דאָזיגע שטיבעלע האָט געהאַט מעהר עהנליכקייט צו אַ חאַטקע אין אַ דאָרף איידער צו אַ שטעדטעלשען בנין. נאָר דער דאַך מיט צופוילטע שינדלען איז געווען אַנ'עדות, אַז דאָס שטיבעלע איז אַ שטעדטעלשע, און די מזוזה ביים טהיר — אַז עס איז אַ יודישע.

דאָס שטיבעלע אינוויינינג האָט קיין צימערן ניט געהאַט. די עלטערע טאָכטער האָט אַפילו אַמאָל געפּרובט די צווייטע העלפט פון שטיבעלע, וואָס איז געווען אָבגעצוימט מיט אַ הילצערנעם ניט געפאַרבטען אַלמער, אַ נאָמען געבען: „די פינסטערע קאַמער“, דאָס האָט זיך איהר אָבער ניט איינגעגעבען. פינסטער איז אַפילו אין דער אַנדער העלפט געווען גענוג, אָבער קיין איינדרוק פון אַ „קאַמער“ האָט דאָס ניט געמאַכט. צוויי מאָל האָט זי עס מיט דעם דאָזיגען נאָמען אָנגערופען, אָבער, אַז די אַלע הויזיגע האָבען איהר ניט אונטער־געהאַלטען, האָט זי אַליין אויך אויפגעהערט צו גלויבען אין די ריכטיגקייט פון נאָמען, און זי האָט צו־גלייך מיט אַלע הויזיגע אָנגערופען די צווייטע העלפט — „דער פינסטערער ווינקעל“...

עס פערשטעהט זיך, אַז אַנ'אַלמער אין אַזאַ איינגען שטיבעל איז ניט אַזאַ אָנגעלעגטער גאַסט. הויך און שטאָלץ און קאַלט־בלוטיג איז ער געשטאַנען אין מיטען שטיבעלע און האָט זיך ניט געלאָזען אַ קעהר טהון דעם לעבעדיגען מענשען... דער אַלמער איז אָבער געווען אַ ירושה פון ברוך'ס עלטערן און מען האָט זיך מיט איהם געמוטשעט האַלטען, בעטענדיג אויף איהם אַלע טאָג אין האַרצען אַ מפּלה...

אָבער נאָך מעהר אָבקומעניש איז געווען דער אויווען. אַט

דער אבור האט פערחאפט כמעט דריי חלקים פון שטיבעל. דער אלמער איז זיינער גאר א נאהנטער שכן געווען, נאר שטארק ליעב איינע די אנדערע האבען זיי זיך ניט; זיי האבען ביידע זיך שטענדיג בייז אנגעקוקט, סיידען ערב פסח, ווען צביה, די בעל-הבית'טע פון שטיבעלע, פלעגט דעם פארענט פון אויווען אבקאלכען, דאן פלעגט ער עפעס אנהויבען א ביסעל ווי פריינדליכער קוקען אויף זיין שכן...

א. רייזען.

56.

די היים.

(נאכאהמונג).

אט הער איך ווידער א היימישעס ליעדעלע;
אט זעה איך ווידער דעם עירוב, דעם צוים —
ביסטו דאס טאקע מיין יודישעס שרעדטעלע?
אדער איך זעה דיך אין טרוים?

אט שטעהט דאס שיהלעכיל, נאהענט נעבען גראבען דארט.
פענסטער צובראכענע, קרומליכע ווענד, —
שטיבעליך — קברימליך, דעבליך געזונקענע, —
ווידער האב איך דערקענט!

אט שטעהט די קרעטשמע — א חורבה א מויעריל,
הקדש און בעדעלע, אלץ ווי געווען;
קליינינקעס, ארימעס, יודישעס שטעדטעלע,
לאנג האב איך דיך ניט געזעהן!

זאָג מיר, וואו זענען איצט מיינע חברימליך?
לעבען זיי, וואַנדלען זיי, זענען זיי טויט?
זינג פין דעם וויגעלע, זינג פון דעם ציגעלע.
זינג פון דער יודישער נויט!

ס'ציהט זיך מיין לידעלע באַנגם און אַ טרויעריגעס;
טרעהרעליך הייסע אָהן שיעור;
און פיעל ערינערונגען, קינדערשע הערליכע,
לעבען אין הארץ אויף ביי מיר.

יוסף יפה.

57.

אהיים.

כ'וועל צוריק אַהיים אַנטלויפען,
וואו די קליינע שטיבלעך שטעהען,
וואו די ווייבלעך, טראָגען הייבלעך
און די קינדער באָרוועס געהען.

כ'וועל צוריק אַהיים אַנטלויפען,
וואו עס פּאַשען זיך די ציגען,
וואו דעם בעסטען, שענסטען רעטיך
קען מען פאַר אַ גראָשין קריגען.

כ'וועל צוריק אַהיים אַנטלויפען
וואו עס קלאַפּען נִיט קיין רעדער;
וואו פון הייזיל ביז צום קלייזיל
געהט צופּיס פאַמעליך יעדער.

א. רייזען.

58.

די קרעטשמע.

די יודישע קרעטשמע איז געשטאַנען צווישען צוויי וועגען, וואָס שיידען זיך און געהען אָב אין פערשיידענע צוויי שטעדט פון צוויי גובערניעס, וואָס אין יעדער פון זיי געפינט זיך אַ רבי. חסידים מיט פעקלעך אויף די פלייצעס, מיט די שטעקלעך אין די הענד טיילען זיך אָב, און געהען צווישען די גרינע גרעזער אין די צוויי וועגען, און שיסען זיך אַריבער שטיינער פון איין וועג צום צווייטען. אורחים, די וואָס געהען אין די מדינות קומען אָן פון ביידע זייטען וועג, פון פערשידענע שטעדט שטייגען אָב אין קרעטשמע אויף נאַכט־לעגער. אין דעם „טראַקט“ איז דאָ אַ בעזונדער שטיבעל פאַר זיי, וואָס אין דעם שטיבעל געפינען זיך וואַנצען און אַנדערע קליינע ווערימלעך... פון פערשיעדענע מדינות. דאָרט טרעפט מען זיך פון רייסען און זאַמוט, און די אורחים דערצעהלען מעשיות, וואָס האָט זיך מיט זיי געטראָפען אין זייער וואַנדלערן, די בעלי־עגלות מיט די פולע גערדיכטע קאַלטאַנעוואַטע בערד, וואָס זענען בעוואַקסען און פערהילען אין זיך דאָס גאַנצע פנים, מיט די פיפקעלעך אין מויל. די — וואָס זענען איינגעהילט אין די דיקע באָנדעס, און די גרויסע שאָפען־פעלצען מיט די גרויסע קעלנער, און פיהרען די גרויסע וועגען מיט קאַלך און גאָפט, סמאָלע און זשעגעבץ. די וועגען מיט די גרויסע שטאָלקאַטשען, וואָס פלאַקערן זיך פאָהרענדיג ביי נאַכט און זאָגען אָן פון דערווייטען... שטעלן זיך דאָרט אָב אין דער קרעטשמע אונטערפאַשען. דאָרט טרעפען זיך יודען פון פערשידענע געגענדען, פון פערשידענע מדינות, און דערצעהלען וואָס ס׳טהוט זיך ביי זיי אין לאַנד, וואָס עס הערט זיך מיט יודען, און ווי ס׳געהט דאָרט אחינו בני ישראל.

צ. הא.,

59.

אין וועג.

אט ווייטער א טאהל,
דער וועג איז שוין שווער!
עס רייסט זיך דאס פערדיל
אהין און אהער!

און לייהמיג און גריביג,
טייל ערטער געפראָרען,
עס שפרינגט שוין דער חאָמוט
דעם פערד איבער ד׳אויערען.

עס סאָפּעט און רייסט זיך,
אט, דאכט זיך, עס פאלט,
עס שווימט ארוים פלוצלונג,
פון נעבעל א וואלד...

ל. פרץ.

60.

דער בעל-עגלה.

I.

— וואס פאהרט איהר נישט, ייד?
— דער וועג איז שלעכט,
די בלאָטע — גערעכט,
דאס פערדיל מיד!"

. . . .

„עס ארבייט מיט די זייטען,
מיין בידנינקער פערד!
נישט דאס וואס פארצייטען —
אלץ איז אין דר'ערד!"

„הויט אונ ביין ס'פערדעל,
אונ גלויבט מיר, בעל־הבית,
אפילו דער מענש
איז אויך שוין נישט דאס!"

II.

עס שליאפעט דאס פערדיל
אין בלאטע, און שליאפעט,
דער הימעל האלט אונטער
און קאפעט, און קאפעט...

עס נעמט דורך די ביינער,
עס שווידערט די קעלט...
דער נעבעל פאלט טיפער
אראב אופ'ן פעלד!

און אויבען, און אונטען,
אלס גראהליך, און שיטער...
ער זיפצט אלס־אין־איינעם:
„די צייט איז גאר ביטער!"

שוואך איז זיין שטימע
און טרויריג אהן שיער...
איך וויים נישט, צו רעדט ער
צו זיך, צי צו מיר?...

י. ל. פרץ.

61.

דער קאמעדיאנט.

אין מיטען מארק ווערט פלוצלונג אויסגעשפרייט א לאנגע, ברייטע פלאבטע, און עס דערהערט זיך א קאטערינקע שפיעלען. קינדער קומען אן צו לויפען פון אלע עקען. דערנאך עלטערע מענשען. מען שטעלט זיך ארום. מען רינגעלט ארום, און איינער אין א פערדרעהטען הוט אהן א דאשעק, אנגעצויגען אין עפעס א מין געשטריקט העמדעל און אנגעגארטעלט אין א ברייטען פאסעק, אין שיך און זאקען, דרעהט זיך ארום ארום דעם רעדעל מיט א קאנטשיק אין דער האנד און האקט איבער די קעפ, אוןווארפט היטלעך אין די קופקע אריין און די קאטערינקע שפיעלט צו. פלוצים ווייזט זיך א הויבער יונג אין אנ'אבגעקרייט פנים, אנגעטהון אין א פאר גאנצע הויזען פון אויבען ביז אראב, מיט א זייגער אויסגעמאלט אויף די הויזען אויף דעם סאמע „זייט מיר מוחל"... אויפ'ן בויך שטעלט ער זיך ארויף א הויבען דראנג, און אויפ'ן שפיץ דראנג לעבט א גאנצע משפחה וועלבע מאכט נאך קונצען דערצו. די קאטערינקע שפילט צו, און דער מענש מיט דעם קאנטשיק אין דער האנד קלאפט איבער פנימ'ער, איבער א נאקעטע צומיידעל אין א קורץ קליידעל ביז צו די קניה, מיט בלאנדע, צולאזטע האר, פערקעמט און איינגעפלאבטען מיט פערשיעדענע קייטעלעך און קמעות, מיט א חנ'עוודיג נעזעל, און א פאר רויטע בעקעלעך, און ברעבט זיך אין א רייף... ס'ווייזט זיך נאך איינער, וואס שלינגט שווערדען איין, איינם נאך דעם צווייטען און דערנאך קוסט א צווייטער און שלעפט איהם גאר פון מויל ארויס, אנשטאט די שווערדען — לאנגע טיבלעך מיט וייבערשע קופקעס. און גאר, פרעג ווי קשיות!

(שלום אש)

62.

די שרפה.

דער הימעל צום שטעדטיל איז מיט אמאל ליכטיג געוואָרען, ווי א רויט־ברענענדיגע, ליכטיגע חמארע פון א ליכטיגען ים איז געקומען צו־ציהען פון א פרעמדער וועלט. און האָט זיך פערבלאָנדזעט אין'ם פינסטערן נאַכט־ים אריין, און האָט א האלבען הימעל בעלויכטען. צי האָט נישט א מעכטיגע האַנר א שטיק נאַכט פון דער הויך אראָבגעוואָרפען, און דער וועלט דעם אָפענעם הימעל געוויזען? צי האָט זיך אֶפשר דאָך די זון איין מאָל אין לעבען טועה געווען, און אָנשטאָט אין א פרעמד לאַנד צו געהן, איז זי פאַר דער צייט צוריקגעקומען? און אונטען אויף דר'ערד פלאַקערט זיך. איין וואָלקען פייער קוילעדט זיך אין צווייטען אריין און זיי פלאַמען זיך איינאיינעם און שטייגען אין הימעל אריין, און צינדען א שטיק הימעל אונטער. ערד, לופט און הימעל קושען זיך צוזאַמען אין איין פלאַם פייער. עס האָט פון דער וועלט דעם נאַכט־שלייער אראָבגעריסען און צוריק טאָג געמאַכט... פון דער־ווייטען הערען זיך וויינענדיגע קולות, און דער שטאָדט־גלאָק קלינגט און קלינגט מיט א גוואַלד, ווי א מאַמע וואָלט זיך געקלאָגט: גוואַלד, איהר האָט מיר שלעכטס געטהון! גוואלד, איהר האָט מיר שלעכטס געטהון!

(שלום אש).

63.

נאָך דער שרפה.

דאָס פייער איז שוין געווען פערלאָשען, דאָ און דאָרט האָט עס נאָך זיין לעצט ביסעל צאָרן אויסגעלאָזט צו אַנ'איבערגעבלי.

בענער וואַנד, צו אַ פּליטעל, אַ באַלקע, און עס האָט געטליהעט און געטליהעט. דאָס שטעדטעל איז אַ חורבן געוואָרען... טליהענדע קופּעס קוילען, פערברענטע דעכלעך, ליגענדיג איבער פערברענטע ווענדטלעך, האָבען זיך געריכערט און געריכערט. דאָ און דאָרט האָט זיך געוויזען אַ האַלב אָבגעמאָלט ווענדטעל פון אַ צולעגטער שטוב, וואָס האָט נאָך אין זיך געהאַט אַנ'אָנגעקלאַפּטע פּאָליצע. אין דער גאַס זענען אַרומגעפלויגען פון דעכעל צו דעכעל פעדערן, אונטער די פיס האָבען זיך געוואַלגערט צובראָכענע כלים, שטיקער מעש פון לייכטערלעך און שבת'ניקעס, און אין מיטען דערינען אַ שטיק זיידען שבת־קלייד, אַ טליהענדע שמאָכטע מיט אַנ'אָנגעריכערט שייטעל. פון די גליהענדע חורבות האָבען די הויכע, שוואַרצע קוימענס אַרויסגעשטייגט און האָבען עדות געזאָגט אויף דעם חורבן, וואָס דאָ איז געוועזען. דאָ און דאָרט זענען יורען געשטאַנען און מיט שטיקער אייזען אין די הענד האָבען זיי פון די גליהענדע קויהלען אויסגעשאַרט שטיקער צובראָכענע כלים, האַלב־אָנגעטליהטע קאָלדרעס, פיס פון צובראָכענע טישען, בייגק, און יעדער האָט זיך זיין ביסעל בעל־הבת'ישקייט צוזאַמענגעראַבעלט. מאַמעס זענען אַרומגעלאָפען אין די הייזער מיט געבראָכענע הענד און האָבען צוזאַמענגעקליבען די פּיצעלדיגע קינדערלעך, וועלכע זיי האָבען ביי־נאַכט אין פרעמדע הייזער, אין פרעמדע בעטען געלעגט. מיידלעך זענען אַרומגעלאָפען און פון פרעמדע הויפען דאָס ביסעל בעל־הבת'ישקייט, וואָס זיי האָבען עס ביי־נאַכט צעוואָרפען צוזאַמענגעקליבען, געלעגט אַ פּעקעל צו אַ פּעקעל און אויף זיי די פּיצעלדיגע קינדערלעך אַרויפגעזעצט. קליינע יונגלעך האָבען פון פייער אויסגעראַבעלט די האַלב־פערברענטע ספרים, אויסגעזוכט צוטרעטענע שמות, געקושט עס, צוזאַמענגענומען און אין דעם איבערגעבליבענעם בית־המדרש'ל געטראָגען.

און דער ליכטיגער טאָג און די ליכטיגע זון, וואָס האָט זיך הערליך ווייט און ברייט איבער'ן הימעל אויסגעגאָסען, האָט געשאָ

שען אויפ'ן שטעדטעל מיט ליכט און העלקייט, נאר די ליכטיגקייט האט גליהענדע חורבות, איבערגעבליבענע קוימענס און וואלגערנ־דיגע קליינע קינדערלעך בעלויכטען און בעהעלט.

שלום אש.

64.

די חתונה אין שטעדטיל.

דאס גאנצע שטעדטיל איז פול מיט מחותנים און מחותנת'טעס. מען ראמפעלט ארום אויף שליטענס, וועלכע קלינגען מיט די גלעקלעך אין אלע גאסען. יונגען חאפען זיך פון הינטען ארויף, און עס איז א ליארים און געטומעל. עס בעווייזען זיך חסידים אין זיידענע היט, סאמאטענע היט, אין שטריימלעך און ספאדקעס, געקנייטשט אין דרייען, טיילען זיך כבודים אין דער גאס. עס בעווייזען זיך יודען אין אויסגעשמירטע שטיוועל מיט אייל, אין שבת'דיגע, טוכענע קאפאטעס מיט'ן שניט פון הינטען; מחותנת'טעס מיט ברייטע שטערענטיכער, מיט הארץ־בערטלעך, מחותנת'טעס מיט הויכע הויבען, מיט שלייפעלעך און זיידענע ברייטע קליידער, ברוגז'דיגע מוהמעס שטעהען פאר די טהירען, אנגעטהון מיט די קיטעלעך, מיט די בראשקעלעך און ווארטען אויף דעם שליטען, וואס מען האט ארויסגעשיקט נאך די חתונה־געסט, חאטש זיי האבען איינינע טריט נאר אריבערצוגעהן. מיידלעך, בעלי־בתי'שע קינדער, זענען אויסגעציהרט אין ווייסע קליידלעך, אין בלויע סטיינגעס און מיט ווייסע שיכלעך. אין די הענד האלטען זיי סאמעטענע בייטעלעך אויף טאנץ־געלד. עס געהען צום חתן בחורים אין אטלעסענע קאפאטעס, אין סאמעטענע היט, טייל אין משפחה־שטריימלעך, וואס איז א צייכען, אז דער בחור האלט ביי א שדוך טהון. עס בעווייזען זיך יונגלעך אין

קאפּעלעך, און מיידלעך מיט אויסגעצוואָגענע קעפּלעך, וואָס גערעט מיט די מאַמעס אויף די חתונה. די מוזיק הערט זיך שוין אין געסיל. מען טאַנצט, דאָס גאַנצע שטעדטיל קומט אָן אויף איין פּלאַץ און מען טאַנצט אין שניי. יונגען קנעטען קוילען שניי, און גרייטען זיך אָן, ווען מען וועט חתן־כּלה צו דער חופּה פאַר'ן שול־הויף פיהרען... און די לבנה שטיפט אויך אַרום, בעגיסט מיט ליכט דעם שניי, וואָס ליעגט ווי אַ וואַרימע דעק איבער'ן שטעדטיל. ליכטיג, הימליך איז ווי ביי־טאָג. די שטערן ווינקען אראָב, דער שניי פינקעלט אַרויף, ברילאַנטען פליהען אין אויר ארום, אין די הייזלעך שטעהען אין די ווייסע קופּקעלעך אויפ'ן קאָפּ, און שליטענס ראַמפּלען, גלעקלעך קלינגען, רוישען, און יונגען חאַפּען זיך אויף פון הינטען אויפ'ן ברעטיל.

אין גאַס האָט זיך געהערט פידלען שפּילען חסידישע, לאַנגע, אויסגעצויגענע נגונים. ר' שלמה לינשעצער'ס פידעלע וויינט אין דער גאַס, און עס האָט זיך אָפּגעקלאָזט אויף אַ שטיינער. די שטערן אין הימעל, די ווייסע וועלט אַרום און אַרום שווייגט און האָרכט זיך איין. חסידים זינגען זיסע נגונים. פון די פענסטער ווייזען זיך ליכט און לאָמפּען. אויפ'ן געסיל ווערט העל, ליכטיג. ווייבער שטעלען זיך פאַר די טהירען מיט אָנגעצונדענע קיהן־העלצלעך. די פייערן צופלאַקערן זיך. מען פיהרט דעם חתן מיט דער כּלה צו דער חופּה פאַר'ן שול־הויף עס הויבען אָן געהן חסידים אין שוואַרצע שטריימלעך — אַ ים שוואַרצע סאַמעטענע היט, אַטלעסענע קאַפּאָטעס. עס שיטען זיך ווייבער אין בלאַנקענדיגע שטערנטיכער און מיט ברילאַנטען, וואָס זענען איינגעזעצט ווי שטערן. ברייטע, זיידענע קליידער רוישען. בפּול־שמונה'דיגע הבדלות פלאַקערן אין די הענד.

שלום אש.

65.

די שטאדט:

אין דער דאָזיגער שטאָדט איז אַלץ געווען עפּעס מאָדנע, עפּעס אונפערשטענדליך. פיעל קלויסטערס האָבען אויסגעשטרעקט צום הימעל זייערע פאַרביגע, פינקעלדיגע קעפּ, אָבער די ווענד און די קוימענס פון די פאַבריקען האָבען אַריבערגעשטיגען די גלאָקענטורמס און די שפּיצען פון די קלויסטערס און פון די טעמפּלען. פערשטיקט דורך די שווערע האַנדעלס-געביידעס, איז זיי גאָר ניט געווען אַרויסצוזעהען דורך די טויטע נעצען פון די שטיינערנע ווענד, און זיי האָבען אויסגעזעהן ווי וואונדערליכע בלומען, וואָס שפּראָצען אין שטויב און מיסט פון רואינען. און ווען דער קלאַנג פון די גלאָקען פלעגט רופען צו די תּפילות — פלעגען די מעשענע קולות זיך אָבשלאָגען אָן די אַייזענבלעך פון דעכער, פלעגען זיך אַהנמעכטיג אַראָבלאָזען צו דער ערד, און אָהנמעכטיג פלעגען זיי פערשוואונדען ווערען צווישען די שמאָלע גאַסען.

די הייזער זענען געווען אונגעהויער גרויסע און אָפּטמאָל גאַנצע שענע. די מענשען — שפּל'דיגע און אַלעמאָל נישטווערטיגע, פון דער פריה ביז דער נאַכט פלעגען זיי ווי אַלטע מייז, אַרום-שנאָרען איבער די שמאָלע, קרומע שטאָדט-גאַסען, און האָבען מיט גיריגע אויגען געזוכט זוער — ברויט, ווער — פערגניגען. און אַנדערע פלעגען גאָר שטעהן אויף די עקען און פיינדזעליג און שאַרף נאָכקוקען, אַז די שוואַכע זאָלען ניט ווידערשפּעניג געהאָרכען די שטאַרקע. די רייכע האָבען געהייסען שטאַרקע, און אַלע האָבען געגלויבט, אַז נאָר געלד גיט דעם מענשען מאַכט און פרייהייט.

אַלע האָבען געיאַרט נאָך מאַכט, ווייל אַלע זענען געווען פערשקלאַפט. דער פּוץ פון די רייכע פלעגט אַרויסרופען קנאה און שנאה ביי די אָרמע, קיינער האָט ניט געקענט קיין בעסערע

LSDO CAL
OHIO
LIBRARY

מוזיק, אלס דעם קלאַנג פון גאָלד, און דעריבער איז איינער דעם צווייטען געווען אַ דם-שונא, און איבער זיי אַלעמען האָט געהערשט די גרויזאַמקייט.

איבער'ן שטאָדט פלעגט זיך אַמאָל בעווייזען די זון, דאָס לעבען איז אָבער אַלע-מאָל געווען פינסטער און די מענשען האָבען אויסגעזעהן ווי שאָטענס. בייגאַכט פלעגען זיי אָנצינדען אַ סך פרעהליכע פייערן און דאַמאָלס פלעגען אַרויסגעהן אין די נאַסען הונגעריגע פרויען צו פערקויפען זייער ליעבע פאַר געלד, פון אַלע זייטען פלעגט זיך שפּירען אַ פעטער גערוך פון פערשידענע שפּייזען און איבעראַל האָבען ווילד געגלאַנצט די גיריגע אויגען פון די הונגעריגע. איבער'ן שטאָדט האָט זיך אַרומגעטראָגען אַ שטיל, דערשטיקט זיפצען. דאָס אומגליק האָט ניט געהאַט קיין כח וועגען זיך אויפ'ן קול צו שרייען.

ס'האָט זיך אַלעמען געלעבט אומעטיג און אונרוהיג, אַלע זענען געווען שונאים איינע די אַנדערע און האָבען זיך געפיהלט שולדיג, נאָר זעלטען ווער ס'האָט זיך געפיהלט גערעכט, אָבער די דאָזיגע מענשען זענען אויך געווען פערגרעבט ווי חיות. דאָס זענען געווען די ערגסטע...

אַלעמען האָט זיך געוואָלט לעבען און קיינער האָט ניט געקענט ווירקען פריי נאָך זיין וואונש נאָך; יעדער טריט צו דער צוקונפט פלעגט ניט ווילענדיג גוּיטען אומצוקעהרען זיך צו דער געגענוואַרט. און די געגענוואַרט פלעגט מיט די מעכטיגע פעסטע הענד פון אַ גיריגער חיה אָבהאַלטען דעם מענשען אויף זיין וועג, און פלעגט איהם אַריינציהען אין איהרע אייזערנע אָרימס.

מאַבטלאָז, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן, פלעגט זיך דער מענש אָבשטעלען געגען דאָס פערטרויערטע געזיכט פונ'ם לעבען. מיט טויזענדער הילפלאָזע אומעטיגע אויגען האָט דאָס לעבען איהם אַריינגעקוקט אין האַרצען אַריין און געוועדט וועגען עפּעס—און דאַמאָלס פלעגען אָבשטאַרבען אין דער זעעלע די ליכטיגע בילדער פון דער צוקונפט און אַ קרעכץ פון דעם מענשענס אָהנמאַכט פלעגט

איינזינקען אין'ם ים פון זיפצען און יללות פון די פערמאָרטע, אומגליקליכע און עלענדע מענשען.

עס פלעגט שטענדיג זיין אומעטיג. שטענדיג אונרוהיג, צייטענווייז שרעקליך. די פינסטערע, פערהמאַרעטע שטאָדט מיט איהרע העסליך-רעגעלמעסיגע שטיינער-הויפענס, אין וועלכע די קלויסטערס זענען אין גאַנצען פערטרונקען געווען, איז אונבעוועגליך ווי אַ טורמע געשטאַנען אַרום די מענשען, אָבוואַרפענדיג פון זיך די זונען-שטראַהלען.

דאָס הילביגע יאָמערן פאַר וועהטאָג און כעס, דאָס פערשטיקטע מורמעלען אויס פאַרבאָרגענעם האַס, דאָס שרעקליבע ברומען פון גרויזאַמקייט, די העסליבע געשרייען פון דער געוואַלד-טהעטיגקייט האָבען אין גאַנצען פערשטיקט די לעבענס-מוזיק.

* *
*

אָט אין דער טרויעריגער אַטמאָספערע פון עלענד און אומגליק, וואו עס האָבען זיך אין קראַמפען געראַנגעלט גיריגקייט און נויט, אין דעם זומפ פון עלענדער זעלבסטליעבע. אין די נידריגע געוועלבער, וואו עס האָבען געוואוינט די אביונים, וועלבע האָבען בעשאַפען די עשירות פון שטאָדט. זענען אַרומגעגאַנגען איינזאַמע פאַנטאַזיאָרען, ווי פרייפליהענדע פונקען פון דעם ווייטען פלאַם פון אֶמת.

פול מיט טיעפען גלויבען אין דעם מענשען, אָבגעזונדערט און פרעמד פון אַלעמען, מיט דער פרעדיגונג פון ענטריסטונג אויף זייערע ליפען. פערבאָרגענערהייד האָבען זיי מיטגעבראַכט מיט זיך אין די געוועלבער אַלעמאָל פרוכטבאַרע קליינינקע זאָמען פון אַנ'איינפאַכער גרויסער לעהרע, און אַמאָל מיט אַ קאַלטען גלאַנץ אין די אויגען, אַמאָל מיט ליעבע און וואַרמקייט האָבען זיי געזייהט דעם קלאָרען, ברענעדיגען אֶמת אין די פינסטערע הערצער פון די מענשען-שקלאַפען, וועלבע זענען דורך דער מאַכט פון גיריגע און גרויזאַמע פערוואַנדעלט געוואָרען אין בלינדע און שטומע געצייג פון עשירות.

און די אונוויסענדע, פערוואָגעלטע מענשען, וועלכע האָבען זיך צוגעהערט מיט אינצוטרוי צו דער נייער מוזיק פון די נייע ווערטער, צו וועלכער זייער קראַנק הארץ האָט לאַנג און אוני־בעוואוסט פאַר זיך אַליין געשטרעבט, — האָבען אָנגעהויבען ביסלעכווייז אויפצוהויבען די קעפּ, צו צורייסען די נעצען פון די לוסטיגע ליגענס, אין וועלכע די גיריגע און הערשענדע געוואַלט־טהעטער האָבען זיי אַריינגעפּלאָנטערט.

אין זייער לעבען פול מיט אַ טיעפען, אונטערדריקטען צאָרן, אין זייערע הערצער, פערסמ׳ט פון פיעלע בעליידיגונגען, אין זייער בעוואוסט זיין, פערבלאָטיגט דורך די בונטע ליגענס פון דער חכמה פון די שטאַרקע — אין דעם דאָזיגען שווערען טרויעריגען לעבען, דורכגעווייקט פון דער ביטערקייט פון ערנידעריגונג, — האָט מען אַריינגעוואָרפען אַן אָיינפאַך ליכטיג וואָרט.

— חבר...

(פון מ. גאָרקי)

66.

אַ פריהמאָרגען אין אַ פאַבריק־שטאָדט.

אויף דעם וויסטען בלאַסען הימעל
האַפּט זיך אויף דער קראַנקער מאָרגען,
אין די גרויסע שטאָדט ערוואַכט זיך
אין דעם נעבעל־גרויע פערבאָרגען.

איינגעהילט אין גרויען נעבעל
ריהרט זיך אויף דער לעבענס־תהום
און צוגיסט זיך אין די גאַסען
אין אַ המורנעם מענשען שטו...

תהורגע גיסט און גיסט מיט מענשען,
פיילע, געלע, ווי דער מאָרגען,
פון די קעלערס אין פאַבריקען
אין דעם נעבעל גרוי פערבאָרגען,

א. וואלט.

67.

אין דער גרויסער שטאדט.

פאלט אריין אַנ'אָרימאַן
אין דער רייכער שטאָדט,
דאכט זיך איהם, אז איטליכס הויז
קוקט אויף איהם מיט שפאָט:

דאכט זיך איהם, אז יעדער סלופ,
יעדער שטיין אין ברוק,
שרייט איהם: „דרך־ארץ, לומפ!"
ווארפט אַ קרימען קוק...

דאכט זיך איהם, אז וואָס ער זעהט
קוקט אויף איהם מיט האס...
וואָלט ער וויינען אויפ'ן קול —
שרעקט ער זיך אין גאס...

פאלט אריין אנ'אָרימאַן
אין דער רייכ'ער שטאָדט,
מערקט איהם, זעהט איהם קיינער נישט,
סיידען אויבען גאָט...

א. רייזען.

68.

די טורמע.

עס שטעהט זיך אַ מויער
גאַנץ געלבליך און בלייך,
נאָך פעסט ווי אַ פעלזען,
דריי שטאָק אין דער הייך!

די פענסטער — אין אייזען,
די טוער'ן — פערמאַכט...
עס געהט נאָך אַ זעלנער
אַרום אויף דער וואַכט!

אוי! דאָרטען צו וואוינען
איז טרויריג און באַנג!
עס שלאָגט דורך די מויער'ן
דאָס קייטען־געקלאַנג...

י. ל. פרץ.

69.

אין דער גרויסער שטאָדט.

איך קען מיר אין ערגעץ
קיין רוה ניט געפינען;
עס קלאַפּען די רעדער,
עס רוישען מאַשינען.

פון טויזענד פאבריקען
דער רויך און די פארע,
פערשטעלען דעם הימעל.
פערציהען מיט חמארע.

א. רייזען.

70.

פערדיענען.

(צו...)

וואוהין, וואוהין דו שענעס קינד?
די וועלט איז נאך ניט אָפען!
אָ, זעה, ווי שטיל דאָ איז ארום!
פאַרטאג, די גאַסען שטעהען שטום, —
וואוהין, וואוהין אזוי געשווינד?
יעצט איז דאך גוט צו שלאָפען:
די בלומען טרוימען דאך נאך, — זעהסט?
עס שווייגט נאך יעדער פויגעלנעסט, —
וואוהין פאַרט טרייבט עס דיך אצונד?
וואו לויפסטו, זאג, בעגינען?
„איך געה פערדיענען!"

מאררים ראזענפעלד.

71.

היט זיך פאר גנבים.

די דאָזיגע צוויי ווערטער זענען אנגעצייכענט אויף א גרויסען

וואקזאל פון אנ'אייזענבאהן-סטאנציע. די דאָזיגע צוויי ווערטער אויבען-אָן, אזוי ווי עפּעס רעבטס.

עס פערשטעהט זיך, אז ביי אזעלכע אומשטענדען היט יעדער די קעשענע. איך האָב זיך געאיילט און געשטופּט אין דער געדיכטער מאסע, און האָב אויף א מינוט פערגעסען די וואונדערליכע אויפשריפט.

איך האָב דערפיהלט א פרעמדע האנד ביי זיך אין קעשענע; איך האָב זי מיט מיין האנד אָנגעחאפּט און האָב אָנגעטאַפּט א קאלטע, אנ'אויסגעדאַרטע האנד. איך האָב זיך אומגעקעהרט און האָב דערזעהן געבען זיך א געל אויסגעדאַרט פּנים פון אומגליקליבען אָבגעריסענעם מענשען.

גוט אָנקוקענדיג איהם האָט זיך מיין האנד אליין געעפענט און האָט ארויסגעלאָזט די אָנגעחאַפּטע קאלטע אויסגעדאַרטע האנד.

אונזערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט און איך וועל דיין קוק קיינמאל ניט פערגעסען.

איך האָב אויפגעעפענט מיין ביטעל — און האָב איהם אויסגעצויגען א מטבע. די מטבע האָט ער גיריג אונטערגעחאַפּט און האָט מיר אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן אויפשריפט: היט זיך פאר גנבים.

(נאך שלום עליכם)

פיערטע אבטיילונג.

72.

ווי אזוי חיות רייזען אלע יאהר.

עס איז דא א סך אזוינע חיות, וואס מוזען דורך הונגער און קעל־ דייזען, עמיגרירען יאהר־בײ־יאהר, פון איין ארט צום צווייטען, אנדערש קענען זיי נישט אויסקומען. זומער מוזען זיי זיין אין איין ארט און ווינטער מוזען זיי איבערגעהן אויף אנ'אנדער ארט. זיי געהען איבער פון דארט, וואו עס'לעבט זיך זיי שלעכט, אין אזוינע

ערטער, ווי ס'לעבט זיך בעסער. אין די זומפיגע ערטער וואו עס לעבען די לעמינגע, געפינען זיך גרויסע סטאדעס ווילדע הירשען. ווי עס קומט דער זומער, וואס דאמאלס בעוויזען זיך אין די זומפיגע ערטער מיליאנען פליגען, מיקען און זשוקליך, מוזען די הירשען אוועקגעהען פון דארט און זיך לאזען וויט — וויט צו די בערג, וואו עס זענען דא וועניגער פליגען און מיקען. בלייבען אויפ'ן ארט אין די זומפיגע ערטער קענען זיי בשום אופן ניט. די פליגען בעפאלען זיי פון אלע זייטען, בייסען זיי, רייסען זיי און לאזען זיי נישט לעבען. זיי נעהמען זיך צונויף אין גרויסע סטאדעס און לאזען זיך געהן און דעם וויטען וועג. זיי האבען זייער אייגענע יועצ-וויזער; די אלטע הירשען פיהרען די יונגע. זיי פערהאלט אויך נישט קיין זאך אויפ'ן וועג, נישט קיין בערג און נישט קיין טייכען. אט אזוי געהען זיי א סטאדע נאך א סטאדע, טרעטען אוים ברייטע און לאנגע וועגען, וואס ציהען זיך אויף הונדערטער ווארסט און געהען אלץ ווייטער און ווייטער, ביז זיי קומען צו צו אזא'ן ארט וואו ס'איז נישטא קיין פליגען און די קעלטע זענען אויך נישט אזוי גרוים.

נאך די הירשען, פונקט ווי נאך די לעמינגע, געהען נאך גאנצע סטאדעס וועלף און בערען. זיי מוזען אויך פערלאזען די זומפיגע ערטער, ווארים, אז די הירשען געהען אוועק, האבען זיי נישט וואס צו עסען. זיי קענען אין די זומפיגע ערטער אויסגעהן פאר הונגער, מוזען זיי נאכגעהען די הירשען און פון זיי אוועקשלעפען בגנבה אלע מאל עטליבע שטיק, כדי נישט צו פגר'ן פון הונגער. אז עס ווערט זומער אין די ערטער, ווי די הירשען האבען זיך פערקליבען, מוזען זיי פערלאזען די דאזיגע ערטער און געהען צוריק אין די זומפיגע ערטער, נאר צוריק איילען זיי זיך נישט שטארק — זיי געהען אהיים.

אין די גרויסע סטעפעס פון אמעריקא, וואס זענען בעוואקסען מיט א סך גראז, לעבען סטאדעס ביפעל (בוויואל). זיי געפינען זיך דארטען גאר אהן א צאהל. אלע יאהר קלייבען זיי זיך איבער פון

איין אָרט צום צווייטען — פון צפון־זייט צו דרום־זייט. און געהען איבער טויזענדער וויאָרסט. שווימען איבער טייכען צו עטליכע וויאָרסט די ברייט, און קיין זאַך קען זיי נישט פערהאַלטען אויפ'ן וועג.

די גרויסע חיות פונ'ם ים, די וואַלפישען (קיט) געהען אויך איבער אַלע יאָהר פון איין אָרט צום צווייטען, קיין חיה איז צו זיי נישט גלייך אינ'ם שווימען. זיי שווימען אָב ביז צעהן טויזענד וויאָרסט. אַ פישער, וואָס חאַפּט אָט די דאָזיגע גרויסע וואַלפישען, האָט בעגעגענט ביי די ברעגען פון וואַרימע לענדער דעם אייגענעם וואַלפיש, וואָס ער האָט אין אייז־מעער (ים הקרח) געשטאָכען מיט אַ גרויסען שפּיז. ער האָט איהם אָן דער וואונד דערקענט. צווישען די צוויי ערטער איז אַ מהלך פון עטליכע טויזענד וויאָרסט. די וואַלפישען שווימען אַזוי רעגולער, שטענדיג אין דער אייגענער צייט, און דורך די אייגענע ערטער, אַזוי, אַז די פישער, וואָס חאַפּען זיי, ווייסען שוין פריהער וואו און ווען מען דאַרף אויף זיי וואַרטען. אויף טייל ערטער ווייזען זיי זיך זומער און אין אַנדערע־ווינטער. די איינוואוינער פון נאָרוועגען ווייסען, אַז דורך זייער געגענד דאַרפען דורכשווימען די וואַלפישען אין יאַנואַר (אָנהויב שבט) אין אַנדערע ערטער ווייס מען, אַז מען דאַרף זיי זעהען אין נאָוועמבער (חנוכה צייט). אין צפון־קאַנט פון ענגלאַנד האָט 20 יאָהר כסדר זיך בעוויזען אַ וואַלפיש נעבען אַ קליין דערפעל, וואו ס'האָבען געוואוינט פישער. אַלע יאָהר פלעגט ער זיך בעווייזען אין איין צייט, אַלע יאָהר פלעגען זיך צונויפקלויבען אַ סך פישער אויפ'ן ים איהם צו חאַפּען, נור אומזיסט. ערשט אויפ'ן 20־טען יאָהר האָט זיך זיי איינגעגעבען דעם וואַלפיש צו טייטען.

די וואָס פאָהרען שטענדיג אויף ימען דערצעהלען, אַז זיי האָבען בעמערקט די וואַלפישען שווימען שטענדיג דורך איינע און די זעלבע ערטער, שווימען כסדר גלייך, מאַכען אפילו נישט קיין איבעריגען וויאָרסט, ווייסען גוט דעם וועג, מיט וועלכען זיי

דאַרפען שווימען, פונקט ווי זיי וואָלטען ווייערע סימנים אָדער אַ קאָמפּאַס געהאַט. אַמאָל בעמערקט מען, אַז זיי שווימען איינציגווייז און אַמאָל שווימען זיי גאַנצע חברות־ווייז. דאַמאָלס שווימען די זכרים פריהער און די נקבות מיט די יונגע און קליינע וואַלפישלעך — הינטען.

איהר וועט פרעגען, וואָס צווינגט די וואַלפישען דערצו, אַז זיי זאָלען זיך לאָזען שווימען פאַר טויזענדער ווייאָרסט? דער תירוץ איז: די קליינע פיצינקע פישעלעך מיט וועלכע זיי ערנעהרען זיך, קלייבען זיך אויך איבער פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן, און די וואַלפישען, וואָס לעבען פון זיי מוזען זיי נאָכשווימען. זומער איז דאָ אין איין אָרט פאַר זיי עסען — שווימען זיי אַהין, ווינטער איז ווידער דאָ אין אַנ'אַנדער אָרט וואָס צו עסען — לאָזען זיי זיך אויף דעם נייעם אָרט. זיי האָבען שוין זייערע וועגען, זייערע ערטער און זייערע מנהגים ווי אַזוי צו שווימען, און די אַלע מנהגים זענען ביי זיי איינגעפיהרט פון קדמונים אָן אפשר פון טויזענדער יאָהען.

ג. ראָבאַקין.

73.

ווי אזוי די פייגעל לאזען זיך אין וועג אריין.

זעהר וועניג פייגעל זענען דאָ, וואָס לעבען אַ גאַנץ יאָהר אין איין אָרט, דאָס רוב פליהען זיי איבער פון איין עק וועלט אין דעם אַנדערן. מעהר ווי אַ העלפט פון די פייגעל, וואָס לעבען ביי אונז, פליהען צו ווינטערצו אַוועק. יאָהר־יעהרליך מאַכען זיי עטליכע טויזענד ווייאָרסט הין און צוריק, און ווייסען זעהר גוט ווען זיי וועלען זיך קענען פערהאַלטען אויף אַ געוויסע צייט און ערנעהרען זיך נישט שלעכט. די שוואַלבען פערברייננגען דעם זומער

ביי אונז, און אויף ווינטער פליהען זיי אוועק נאָך עגיפטען (מצרים). זיי פליהען זעהר געשווינד. די רייזע קיין עגיפטען דויערט ביי אונז עטליכע וואָכען, און זיי קומען אהין אין עטליכע טעג. אויפ'ן ווינטער פליהען אוועק נאָך פיעל פויגעל, ווי די לערכען (זשאַווראָנקעס), די שווארצע הויז־שוואַלבען, זייד־פויגעל און נאָך אַנדערע. צאַפּליעס (טשאַרנאָהוזען) פערפליהען נאָך ווייטער. גיקוקען (קוקושקעס), גאָלד־דראָזדען. נאַכטיגאַלען (סאָלאָווייען), וואַכטלען (פּערעפּיאָלען), בושלעס און שטאָרכען פליהען נאָך ווייטער פאַר די צאַפּלעס. אַז דער הערבסט קומט אָן און די זון וואַרימט שוין נישט ווי זומער, דערפיהלען די פויגעלעך, אַז עס איז שוין צייט צו לאָזען זיך אין וועג אַריין. יעדער מין פויגעל פליהט אַנדערש נאָך איהר שטייגער, נאָך איהרע געוועהנהייטען, איהרע אייביגע מנהגים און כח. יעדער מין פויגעל האָט זיך בעזונדער זיינע בעקאַנטע וועגען, זיינע בעקאַנטע ערטער, מיט וועלכע ער איז געוואָהנט פון אייביג אָן.

(נ. רובאקין.)

I.

74.

דאס ליעד פון פויגעלע.

אין איין גרויסער שטאָדט אין אונגאַרען איז אין אַן'איינגנער און שטאַרקער תּפיסה געזעסען אַ פער'משפּט'ער. שלעכטע מענשען האָבען איהם אין קייטען פערשמידט און אין תּפיסה אַריינגעוואָרפען.

אין דער תּפיסה איז געווען פינסטער, פייכט און קאַלט. אַנשטאָט אַ בעט האָט מען איהם אַדיינגעוואָרפען נאַסע שטרוי. מען האָט איהם נאָר געגעבען ברויט מיט וואַסער. ער איז דאָרט געזעסען פיעלע יאָהרען—אָר פ קראַנק און אומעטיג. זעלטען

לעגט די זון שיינען אין זיין פֿענסטער. די פֿרישע לופֿט פֿלעגט
יט אַריינדרינגען צו איהם אין תּפיסה. מיט טרויער האָט ער
עקלערט וועגען די ליעבע קרובים, וועגען זיינע קליינע
ינדערליך; ער האָט געטראַכט, אֶפּשר האָבען זיי שוין אַלע איהם
ערגעסען און מיינען, אַז ער איז שוין טויט. וואָס פּאַסירט איצט
ויף דער ערד, אין דער־היים?

ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. עס איז געווען אַ
זַלטענער זומער־אָווענד. די זון איז פֿערגאַנגען הינטער'ן וואַלד
ון האָט בעלויכטען מיט אַ רויטליכען שיין זיינע שפּיצען. מענשען
ַנען זיך אומגעפֿאָהרען און אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער די
זסען. די תּפיסה האָט זיך געפֿונען אין דער הויך, און די מענשען
ָבען אויסגעזעהן קליינטשינקע. ער האָט צו זיי הויך אויפ'ן
ל געשריען, אָבער קיינער פֿון זיי האָט זיין קול ניט געהערט.

II.

אויפ'ן בלויען הימעל זענען אומגעפֿלויגען פֿייגעל. פֿאַרביי
ן פֿענסטער איז דורכגעפֿלויגען אַן'אָדלער.

— אָדלער, אָדלער! — האָט צו איהם גערופֿען דער
זַרמ'שפּט'ער — זעץ זיך צו מיר אויפ'ן פֿענסטער, דערצעהל
ר וואָס טהוט זיך דאָרט אויף דער ערד, זינג מיר עפּעס
ליעד.

— ניין — האָט דער אָדלער געענטפֿערט: — דיין פֿענסטער
ז קליין, און איך קען זיך ניט זעצען אויף איהם. איך וועל דיר
ט דערצעהלען, וואָס ס'טהוט זיך אויף דער ערד, ווייל זעלטען
ז איך זיך אַהין אַראָב. מיינע נעסטען בוי איך אויף די סאַמע
ַכסטע פֿעלזען, אָדער אויף די אַלטסטע דעמבעס, ווייט פֿון די
'עכטע מענשען. כּדי זיי זאָלען ניט צוראַגירען מיין נעסט,
: וועל דיר קיין ליעדער ניט זינגען, ווייל איך זינג קיינמאָל
ף דער ערד ניט. איך הויב זיך אויף הויך—הויך, און מיינע
ַדער הערט נור די אייביגע זון.

און מעכטיג פּאַכענדיג מיט זיינע ברייטע פליגלען, האָט זיך דער אָדלער שטאָלץ אויפגעהויבען צום הימעל און ער איז גיך פערשוואונדען פון די אויגען.

— שוואַן, שוואַן! דערצעהל וואָס ס'טהוט זיך אויף דער ערד, זינג מיר אַ ליעד! — ניין — האָט געענטפערט דער שוואַן: איך וועל דיר ניט דערצעהלען וואָס עס טהוט זיך אויף דער ערד. איך שווים שטענדיג אין וואַסער ארום, אין ריינעם קאַלטען וואַסער צווישען די אַיער. ווען דאָס וואַסער אין דער־פריה, איידער די זון געהט אויף, הויבט זיך אָן צו רויטלען, שריי איך דעם זונענאויפגאַנג: גוט מאָרגען! איך וועל דיר ניט זינגען קיין ליעדער. ליעדער זינג איך נאָר ווען איך הויב אָן אוועק צו־שטאַרבען...

און דער שוואַן איז ווייטער געשוואומען אין דער לופט און האָט געבלאַנקט מיט זיינע ווייסע פליגלען.

— וואַראַבייטשיקליך! וואַראַבייטשיקליך! זעצט זיך אויפ'ן פענסטער צו מיר, דערצעהלט מיר, וואָס ס'טהוט זיך אויף דער ערד! זינגט מיר אַ ליעדעלע! — טשיליך! טשיליך! מיר האָבען קיין צייט ניט! מיר דאַרפען נאָך פּיקען די קערנערלעך, וואָס דער מילנער האָט אומגערן פערשאָטען...

III.

נאָר פלוצלונג האָט אַ שוועב געטהון אַ גרויאינקע פויגעלע, זי האָט זיך אַ ווײלע געדרייט הין און צוריק פאַרביי דעם פענסטער און זיך געזעצט אויף דער אייזערנער גראַטע.

— גוט מאָרגען, סאָלאָווייטשיקעל! אַ דאַנק דיר, ליעבעס פויגעלע, וואָס די ביזט צו מיר אין געסט געקומען! דערצעהל מיר וואָס ס'טהוט זיך אויף דער ערד, זינג מיר עפּעס אַ ליעדעלע!

— יאָ, איך וועל דיר דערצעהלען, וואָס ס'טהוט זיך אויף דער ערד, איך וועל דיר זינגען אַ ליעדעלע, — האָט אַנגעפאַנגען דער סאָלאָווייטשיק.

און עס האָבּען זיך אַ גאַס געטאָן אַזוינע מעלאָדיִשע וואונדער־שענע טענער, אַז דער אָרימער פער'משפּט'ער האָט פאַר פרייד זיך צעוויינט, אומגעפאַלען אויפ'ן שטרוי און אַלץ געהערט און אַלץ געוויינט...

„געכטען. פריה־מאָרגענס, בשעת דער הימעל האָט זיך פון דער אויפגעהענדער זון גערויטעלט — האָט געזונגען דער סאָלאָוויישיק — איז געוועזן אַזוי פריש און קיהל. איך בין צוגעפלויגען צו דיין שטיבעלע, זיך געזעצט אויף דעם גרינעם נוסען־בּוים נעבען פענסטער און אַלץ געזונגען. דאָס קינד דייִנס איז געלעגען אויפ'ן בעטעלע; עס האָט פונאַנדער געעפענט זיינע ברייטע ליכטיגע אויגעלעך און געפרעגט; „וואו איז דער טאַטע?" און צוגעהערט מיינע ליעדער.

„דיינע קרובים וויינען ווען זיי דערמאַנען זיך אָן דיר. זיי האָבּען דיך ליעב, זעהר ליעב, זיי וואָלטען דיך זעהר וועלען זעהען. פאַל ניט אַראָב! גאָט זעהט דאָך, ווי דו ביזט אומשוולדיג! די שלעכטע מענשען וועלען דיך צוריק אָבלאָזען און דו וועסט ווערען פריי און וועסט ווידער אַרוים אויף דעם ליכטיגען פרייען דרויסען;

„עס וועלען דיך האַלזען און קישען דיינע קינדערליך, אַ שטילער זומער אָווענד וועט זיין, לאַנגע שאָטענס וועלען זיך ציהען פון די בּוימער, די זון וועט אָבגלאַנצען אין די שויבען פון די פענסטער; דו וועסט זיצען אויפ'ן גאַניק און וועסט די קינדערליך דערצעהלען, ווי דו האָסט געליטען דאָ.

„דו וועסט זיי לערנען, קיינעם מיט שלעכטס פאַר שלעכטס ניט צאָהלען, ווען זיי וועלען גרויסע ווערען, זיי זאָלען ניט זיין אין כּעס אויף די שלעכטע מענשען און זאָלען גאָט בעטען, אַז אַלע מענשען זאָלען איינע די צווייטע ליעב האָבען, ווי ברידער...

„און די קינדערליך וועלען צו דיינע רייד זיך צוהערען. ווען זיי וועלען ווערען גרויסע, וועסטו זיי זעהן גוטע אָרענטליכע, וועסט זעהען זיי העלפענדיג אָרימע.

„דו וועסט לעבען לאַנג — לאַנג! דיינע האָרר וועלען גרוי ווערען אָבער דיין האַרץ וועט פרעהליך שלאָגען.

„און ווען דו וועסט אוועקשטאַרבען, וועלען דיך אַלע בע־וויינען און תּפילה טהון, און מען וועט דיך אוועקטראָגען אין אַ ליכטיגען זונענדיגען טאָג אויף׳ן גרינעם בית־עולם. איבער דיין קבר וועט מען פערפלאַנצען אַ ראָזען־קוסט און פאַר׳ן זונענאויפגאַנג וועל איך אויף איהם זינגען.

אגדערטען.

75.

דער טיגער.

שרעקליכער פאַר׳ן לייב איז דער טיגער. ער איז געזונדער פאַר איהם און פרעסט מעהרער אויך, חאָטש דער טיגער איז קליין וועניגער ווי 3 אַרשין אין דערלענג, דאָך פאַלט ער אָן אויף זיין רויב ניט ערגער פאַר׳ן לייב. נעגעל האָט ער לאַנגע און שאַרפע און מיט דער לאַפּע דערלאַנגט ער אַזאַ געזונדען זעץ, אַז עס ווערט אַ וואונד אויף 5 צאָל טיעף.

אַממעהרסטען געפינען זיך טיגערס אין אינדיען. מען דער־צעהלט אַפילו, אַז אַ טיגער האָט אַמאָל געשלאָגען צו טוידט אַ העלפאַנד! אין איין נאַכט האָט אַ טיגער אויפגעגעסען 3 סאָלדאַ־טען, וואָס זענען געשטאַנען אויף וואַכט און האָבען געהאַט ביי זיך ביקסען מיט גענוג פולווער.

עס מאַכט זיך, אַז טיגערס לויפען אַריין אין אַ דאָרף, אין אַ שטאָדט אין אַ מיטען העלען טאָג, חאַפּען אַ מענשען אין גאַס און אַנטלויפען.

אין אַ משך פון 2 יאָהר האָבען אַמאָל די טיגערס פון איין דאָרף אוועקגעטראָגען און אויפגעפרעסען 80 מענשען! דער טיגער

איז זיין כאראקטער שרעקליך שלעכט און בייז און אז מען פאלט אריין צו איהם אין די לאפעס, איז שוין שווער ארויסצורייסען זיך. מען דערצעהלט, למשל, אזא מעשה, וואס האט געטראפען אין אינדיען.

אנ'ענגלישער אפיצער איז געפאהרען רייטענדיג אויף א העלפאנד. דער וועג איז געווען פערוואקסען פוןביידע זייטען מיט הויכע און געדיכטע גראז, וואו די טיגערס קענען זיך בעהאלטען. אין מיטען וועג האט זיך בעוויזען א טיגער און איז גלייך ארויפגעשפרינגען אויפ'ן העלפאנד. דער ענגלענדער האט ניט בעוויזען זיך ארומצוקוקען. ווי דער טיגער האט איהם א כאפ געטהון און אוועקגעשלעפט אין גראז אריין.

דעם ענגלענדערס חברים, וואס האבען איהם נאכגעריטען האבען עס פון וויטען דערזעהן. נור שיסען האבען זיי מורא געהאט, זיי זאלען נאך אין אפיצער ניט טרעפען, זיי האבען זיך שוין מיאש געווען פון זייער חבר און געוואלט פאהרען ווייטער, גאר דא האבען זיי פלוצלונג דערהערט א שאס פון א רעוואלווער אין גראז איין מאל און נאך א מאל, זיי זענען גלייך צוגעלאפען און געטראפען דעם טיגער געשאסען און אויף איהם דעם אפיצער ליגענדיג אין חלשות. זיי האבען איהם דערמינטערט און ער האט זיי דערצעהלט, ווי אזוי ער האט דערשאסען דעם טיגער.

ער האט ארויסגעשלעפט דעם רעוואלווער פון הינטער'ן גארטעל דאן ווען דער טיגער האט איהם געשלעפט איבער'ן גראז און האט צוויי מאל אויסגעשאסען, צום ערשטען מאל האט ער ניט געטראפען, נאר די צווייטע קויל האט געטראפען דעם טיגער גלייך אין הארצען אריין און ער איז געפאלען א טויטער.

(פון ג. ריבאקין).

76.

דער לייב.

דער לייב, דער קעניג פון אַלע חיות און דער טיגער, וואָס טרעט איהם ניט וועניג אָב—דאַרפען, פערשטעהט זיך, אַ סך האָבען. אזוינע שטאַרקע חיות מוזען אַ סך עסען! אויף אַ געוויסען אָרט פון צפון־אַמעריקאַ האָבען אין 1855 יאָהר געלעבט 30 לייבען. די דאָזיגע לייבען האָבען אויפגעגעסען פיה, קיה, אָקסען, פערד, שאָף און ציגען פאַר 45 טויזענד רובעל. דורכשניטליך האָט יעדער לייב אויפגעגעסען פאַר 5000 רובל; די גוטסבעזיצער אין אַלשזיר בערעכענען, אַז יעדער לייב קאָסט זיי ביז 8000 רובעל אַ יאָהר אַזוי פיעל פערעסען זיי אויף פון לעבעדיגע ווירטשאַפט. מען דאַרף דערביי נאָך ניט פערגעסען, אַז דאָרטען איז פיה ביליג, אין 1856 יאָהר האָבען דאָרטען די לייבען פערציקט 10000 שטיק פערשידענע פיה, נאָר דאָס איז נאָך ניט די גאַנצע פרנסה פון לייב. וואו זענען נאָך די חיות וואָס ער פערצוקט אין וואַלד גופא? אויף זיין רויב געהט דער לייב אַרוים ביינאַכט. ער געהט טריט־ביי־טריט, די אויגען פינקלען איהם און לייכטען אין דער פינסטער ווי פייערדיגע פונקען, צייטענווייז לאָזט זיך הערען ווי אַ דונער — ער טהוט אַ ברום, ווערט פערשוויגען און ברומט ווייטער.

די סטאַדעס, אַז זיי דערהערען זיין ברומען הויבען זיי אָן צו ציטערען פאַר שרעק. די הינד, וואָס היטען די דאָזיגע סטאַדעס, צולויפען אין אַלע זייטען מיט אַ יאָמערליכען וואוען, זעהען צו בעהאַלטען זיך וואו זיי קענען נאָר, און אַלע חיות אין וואַלד בלייבען שטיל פאַר פחד. דער לייב געהט זיך גאַנץ רוהיג צום אָרט, וואו דאָס פיה שטעהט. די פיה, וואָס דערהערען איהם, לויפען זיך אַזאַמען אין איין הויפען; דערשראָקענע און פערציטערטע טוליען זיי זיך איינס צום צווייטען און וואַרטען אויפ׳ן טויט. עס דויערט אַ רגע און דער לייב איז איבערגעשפרונגען איבער׳ן העכסטען

פּאַרקען, געהאַפּט דעם גרעסטען אָקס אָדער קוה מיט די פּאָדערש־
טע פיס געטויט, און מיט'ן רויב שפּרינגט ער צוריק איבער'ן פּלייט
און לאָזט זיך שוין געשווינדער אין זיין נאָרע אַריין, וואו ער וועט
זיך גאַנץ רוהיג אויפעסען אין פּערדייען זיין וועטשערע.

ג. רובאַקין

77.

א גוטער בעטער.

דער לייב, דער קעניג, פון אַלע חיות, איז אין כּעס געוואָרען אויף אַלע בהמות און חיות. די בהמות און חיות האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען און געזאָגט איינס צו דעם אַנדערן: „ווער פון אונז וועט געהן, איבערבעטען אונזער קעניג?" צווישען זיי איז געוועזען אויך דער פוקס, האָט ער זיך אָבגערופען: „איך וויים דריי הונדערט משלים, אויף איבערצובעטען איהם". איז געגאַנגען דער פוקס פריהער, און נאָך איהם אַלע. ווען ער איז אָבגעגאַנגען אַ ביסעל, האָט ער זיך אָבגעשטעלט. פרעגען ביי איהם אַלע „וואָרום האָסטו זיך אָבגעשטעלט"? „איך האָב פערגעסען הונדערט משלים" האָט געענטפערט דער פוקס. „נו וועט זיין גענוג צוויי הונדערט". האָבען זיך אַלע אָבגערופען. זיי זענען ווייטער געגאַנגען, אין אַ ביסעל צייט אַרום, האָט זיך ווידער דער פוקס צוגעשטעלט. „און איצט וואָס האָסטו זיך אָבגעשטעלט"? האָבען אַלע אויסגעשריען מיט כּעס. „איך האָב נאָך הונדערט משלים פערגעסען"—האָט געענטפערט דער פוקס. „עס איז הונדערט אויך גענוג" האָבען אַלע ווי איינער געענטפערט. מען איז ווייטער געגאַנגען. ווען זיי זענען שוין געוועזען נאָהענט צום קעניגס וואוינונג, האָט זיך דער פוקס געווענדט צו די חיות „איך האָב שוין פערגעסען אַלע מיינע משלים. זאָל יעדערער פון אייך געהן און בעטען פאַר זיך".

(פון תלמוד)

78.

דער וואלף.

עס איז שווער זיך פארצושטעלען וויפיעל פיה א וואלף־פטר'ט אוועק דורכ'ן יאהר!

אין ליפלאנד אליין האבען די וועלף אין 1823 יאהר אויפ־געפרעסען 15000 שאף, 1800 קיה און אקסען, פערד און דאס־גלייכען, 3250 לעמער און ציגען, 4000 חזרים, 700 הינד 2000 גענז און היהנער! אין גאנץ רוסלאנד עסען די וועלף יאהר־יעהרליך ביז 180,000 שטיק גרויסע בהמות 5,600,000 שטיקלעך קליין־פיה, 100,000 הינד, אויסער היימישע אוןווילדע פויגלעך, וואס מען ווייס גאר ניט קיין צאהל וויפיעל זיי פרעסען אויף. אמווענינגסטעס, עסען די וועלף יעהרליך אויף פאר 25 מיליאן רובעל פיה. דער וואלף איז זעהר בייז און ווען ער איז הונגעריג ווארפט ער זיך אויף מענשען אויך.

די וועלף געהען אמאל איינציגווייז און אמאל גאנצע מחנות־ווייז. ווען זיי געהען ארום אין געיעג אין א גאנצער מחנה, ציהען זיי זיך פריהער אויס אין א לאנגער שורה — איין וואלף נאך דעם צווייטען „גאשפיץ" און אזוי לאזען זיי זיך אין וועג אריין.

זיי ווארפען זיך ארויף אויף זייער רויב, ניט קוקענדיג ווער עס איז פון זיי. איז איין וואלף וועניג, לויפען צו מעהר אדער אלע.

פאלט ווער פון זיי גופא, פרעסען איהם תיכף אויף די איבעריגע לעבעדיגע וועלף, נאר כל זמן זיי לעבען העלפען זיי איינער דעם צווייטען...

אז די אמעריקאנער וועלף בעמערקען א סטאדע הירשען, טיילען זיי זיך פונאנדער! איין טייל וועלף בעהאלט זיך אין וואלד ביים וועג, דער צווייטער יאגט נאך די הירשען און טרייבט זיי צום וועג צו, וואו יענע וועלף ליעגען בעהאלטען

און חאפען ארויס צו איינציגע אדער צו צוויי פון די פארביי־לויפענדיגע הירשען.

נ. רובאקין.

79.

ווי מען פלעגט שרייבען פאר־צייטען.

דאס פאפיר, אויף וועלכען מיר שרייבען און דרוקען איצט, ווערט געמאכט פון שמאטעס. דאס מיטעל, ווי איבערצוארבייטען שמאטעס אויף פאפיער, איז ערפונען געווארען נאך מיט 900 יאהר צוריק און גיבער 200 יאהר ארום איז שוין די ערפינדונג בעקאנט געווארען אין גאנץ איירָאפּא. איידער מען האט געהאט ערפונען פאפיר, פלעגט מען שרייבען אויף פערגאמענט, אויף וועלכען עס ווערען נאך איצט געשריבען ספרי־תורות אדער וויכטיגע דאקו־מענטען. די אלטע פעלקער האבען געשריבען מיט א גריפעל אויף ברעטעליך, וועלכע מען פלעגט בעדעקען מיט וואקס, אדער מיט פארב אויף האלץ און אויף לייווענט. עפטער פון אלץ פלעגט מען אבער פאר־צייטען שרייבען אויף בלעטער פון א פלאנצונג, וואס האט געוואקסען אין מצרים און וואס איז בעקאנט געווען אונטער דעם נאמען פאפירוס. דערפון איז אויך ענטשטאנען דאסווארט „פאפיער". דער האנדעל מיט פאפירוס איז געווען אין מצרים זעהר גרויס, ווייל פון דארט פלעגט די גאנצע וועלט בעציהען איהר שרייב־מאטעריאל.

פאפירוס זעהט אויס ווי א איינפאכער טשערעט, וואס וואקסט אין וואסער. פאפירוס האט ליעב א פלאכעס, שטילעס און ריינעס וואסער. זיין ווארצעל איז פון אנהויב דין און הייך, אבער דערנאך ווערט ער אלץ הארטער און לאזט זיך פונאנדער פון אלע זייטען איבער דעם גרונט פון טייך, כדי זיין גלייכער, הויבער

טייגעל זאָל זיך קענען האַלטען געגען ווינד. ביים וואַסער. ניט וויט פון די וואָרצלען, זענען נאָך פאַרהאַן בלעטער, נאָר העכער איז שוין דער פאַפּירוס גלאַט און גלייך. דער פאַפּירוס דערגרייכט אָפטמאָל ביז 7—8 אַרשין אין דער הויך. פון אויבען האָט דער פאַפּירוס אַ קעפּיל, וואָס בעשטעהט פון אַ סך שענע, גרינינקע הערעליך, מיט ווייכע זיידענע שמעקעדיגע בלומעליך. דער גאַנצער שטיינגעל, פון אויבען ביז אונטען, איז בעדעקט מיט צוויי הייטליך. איינס איז זעהר דין און ווייס, דאָס צווייטע איז דונקעל גרין און האַרטער. פון אָט דעם ווייכען הייטעל האָבען די אַלטע מצריים געמאַכט זייער בעריהמטעס פּאַפּיר.

אין אָנהויב הערבסט, ווען די פּלאַנצונג הערט אויף צו בליהען, דאַרף מען פאָרזיכטיג אַראָבנעהמען גאַנצערהייד דאָס אויבערשטע הייטעל; נאָר אויף שרייבען טויג נאָך ניט דאָס הייטעל, ווייל עס איז צו דין. דאָס הייטעל לעגט מען פונאַנדער אויף אַ גלאַטען מאַרמאָרנעם טיש, מען לעגט אַרויף אויף איהם נאָך אַ צווייטעס הייטעל און מען גיסט אַרויף אַ ביסיל וואַסער. די קונסט פון פאַבריקאַנט איז בעשטאַנען אין דעם, מען זאָל צו דער צייט אַראָבגיסען דאָס וואַסער, ווען עס צוגעהען די קלעפּעדיגע טיילען פון הייטעל און שטעהען צו איינס צום אַנדערן. דאַן דאַרף מען נאָר לאָזען עטוואָס אויסטריקענען די צוגעקלעפּטע צוויי הייטליך, זיי גלייך גוט אויסקלאַפּען מיט אַ האַמעריל און דערנאָך זיי אויסגרייבען און אויסגלעטען מיט העלפאַנדביין. דערמיט איז שוין די אַרבייט געענדיגט, און עס איז שוין פאַרטיג אַ לאַנגעס בלאַט פּאַפּיר פון 3 ווערשאָק די ברייט.

כדי צו שרייבען אויף אַזאַ בלאַט, דאַרף מען עס האַלטען צוזאַמענגעדרעהט ווי אַ מגילה. מען דרעהט אָב איין ברעג, אויף וועלכען מען הויבט אָן צו שרייבען, און וואָס ווייטער מען שרייבט דרעהט מען אַלץ מעהר אָב דעם פּאַפּירוס פון איין זייט און מען דרעהט צוזאַמען דעם פערשריבענעם ברעג. פונאַנדערשניידען, פונאַנדערבויגען אָדער צוזאַמענעהען דעם פּאַפּירוס אין ביכער אָדער־

אין העפטען האָט ניט געלוינט, ווייל דער פאַפּירוס איז צו שמאָל, און עס וואָלט צו פיעל פון דעם טייערען שרייבמאַטעריאַל פערלאָרען געגאַנגען אומזיסט. אויפ'ן פאַפּירוס האָט מען געדאַרפט שרייבען געריכט און מיט זעהר קליינע אותיות'ליך. די מחברים און די איבערשרייבער פלעגען זיך דערום סטאַרען גאַנצע טיילען פון ספרים אָנצושרייבען אויף איין פאַפּירוס.

אין דער רוימישער שטאָדט הערקולאַנום, וואָס איז פערשאָטען געוואָרען מיט אַש ביי דער גרויסער ערדציטערניש, זענען אָבגעלע־גען ביז צו היינטיגער צייט מגילות פון פאַפּירוס. אייניגע פון זיי זענען אַזוי גלאַט און דין, אַז זיי זענען ניט ערגער פאַר די בעסטע איצטיגע סאָרטען פאַפּיער.

איצט איז דער פאַפּירוס געוואָרען זעהר זעלטען אַפילו אויך אין מצרים, ווייל איצט ביי דעם וואָלוועלען פאַפּיר דאַרף מען דעם פאַפּירוס שוין מעהר ניט האָבען. פאַר־צייטען פלעגט מען איהם אָבער אַגב פערפלאַנצען ביי די ברעגעס פון דעם טייך נילוס. דער פאַפּירוס איז איצט אויך פאַרהאַן אין דער איטאַליענישער אינזעל סיציליען, ניט ווייט פון דער שטאָדט סיראַקוז. מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק האָט דער הערשער פון סיראַקוז געקראָגען פון תלמי דעם מלך פון מצרים פאַר אַ מתנה זאָמען פון דער דאָזיגער טייערער פלאַנצונג. די זאָמען האָבען זיך אָנגענומען, און פון יענער צייט אָן האַלט זיך און מעהרט זיך דער פאַפּירוס אין דעם שענעם, וואַרימען קלימאַט פון סיציליען. די איינוואָהנער פון סיראַקוז מאַכען נאָך אויך איצט פאַפּיר פון איהם און פערקויפען עס ווי אַ זעלטענהייט. אָבער ביי זייער גאַנצער מיה קענען זיי ניט אַרויס ברייננען אַזאַ גוטעס פאַפּיר ווי עס איז אַמאָל געווען אין דעם אַלטען מצרים.

אבנר.

80.

ווי אזוי האבען זיך מענשען אויסגעלערענט שרייבען?

נאך ביז היינטיגען טאג קענען ווייט ניט אלע מענשען לעזען און שרייבען. פריהער איז די צאהל פון אזוינע מענשען געווען א סך קלענער; עס איז אויך געווען אזא צייט, ווען דער מענש האט גאר ניט געקענט פערצייכענען זיינע געדאנקען.

ווי אזוי אבער האט דער מענש ענטדעקט די קונסט פון שרייבען?

אין א קליין שטעדעל נעבען חארקאוו האט געוואוינט אן'אלטע וועשערין. זי האט ניט געקענט לעזען און שרייבען, דאך האט זי געפיהרט א גענויען חשבון פון די וועש און פלעגט זעהר שטאלצירען מיט איהר ערפינדונג.

— איך האב גענומען, צום בייספיעל, ביי א טעלעגראפיסט 8 טיכלעך; איך מאל אויס א טיכעל און מאך דערביי 8 שטריכלעך; דערנאך צייכען איך אן סלופעס און פון אויבען דראטען. און אויף אזא אופן ווייס איך ביי וועמען און וויפיעל איך האב גענומען. און אזוי צייכענענדיג, פלעגט זי אלדינג אויספיהרליך פערשרייבען. א בריעף פלעגט בעדייטען א פאסט־בעאמטען; שורות מיט שטריכלעך און פינטלעך — א שרייבער און ז. וו. אויף אזא אופן האט זי אליין פאר זיך ערפונדען שריפט, פערצייכענענדיג אלץ דורך פיגורען. פונקט אזא שריפט האבען מענשען בענוצט אין די אוראלטע צייטען. אין די קברים און אויף די מצבות, אויף די וועגד פון די טעמפלען, וועלכע זענען גאנץ געבליבען פון יענע אלטע צייטען, געפינען מיר פיעלע רעשטען פון אזא פיגורען־שריפט. פיעלע ווילדע פעלקער שרייבען נאך ביז היינטיגען טאג אויף אזא אופן. אום פארצושטעלען צום בייספיעל אז א מחנה פון 100 מאן שווימען איבער דעם טייך אין 5 שיפלעך, צייכנען זיי א טייך מיט 5 שיפלעך און אויף יעדער שיפעל צו 20 מענשען־פיגורען.

נאר ניט שטענדיג איז לייכט צו פערשטעהן אזא פיגורען־
שריפט. דעריבער האט מען ביסלעכווייז אנגעהויבען צו בענוצען
איינע און דיזעלבע סימנים אויף צו בעצייכענען בעוואוסטע זאכען.
אום ניט צו פטר'ן פיעלע צייט און מיה אויף דעם צייכנען, האט
מען די שטריכען אנגעהויבען צו מאכען איינפאכער און קלענער.
די זון, צום ביישפיעל, האט מען אנגעהויבען פארצושטעלען אין
דעם אויסזעהן פון א פינטעלע אין א קריינעל (.). אום צו קענען
שרייבען און לעזען האט מען געמוזט אויסלערנען פיעל צייכענס פאר
פערשידענע ווערטער. אזוי שרייבען נאך ביז איצט די חינעזער
בעצייכענדיג איטליכס ווארט מיט בעזונדערע סימנים, דעריבער איז
זייער שריפט זעהר אשווערע; אויף צו ערלערנען זי מוז מען האבען
עטליכע יאהר. אום צו פערגרינגערן דאס שרייבען האט מען אנ־
געהויבען צו בענוצען בעזונדערע סימנים אויף צו בעצייכנען די
זילבען (слоги); אזוי בעגעהט מען זיך אין רעבוסן. ענדליך האט מען
אנגעהויבען צו בענוצען א בעזונדער צייכען פאר יעדען קלאנג, אזוי איז
ארויסגעקומען די ארט שרייבען, וואו יעדער קלאנג ווערט בעציי־
כענט מיט א בעזונדער סימן און מיט וועלכען מיר בענוצען זיך
איצט. איצט האבען מיר שוין ניט נויטיג צייכענען בעזונדערע
זאכען זיין ערלערנען פיעל סימנים אויף צו בעצייכנען איטליכס
ווארט. און יעדען ווארט אונטערשיידען מיר די בעזונדערע קלאנ־
גען און גיבען יעדען קלאנג א בעזונדערע בעצייכנונג, ד. ה.
בוכשטאבען. פון בוכשטאבען קענען מיר צוזאמענשטעלען אלערליי
ווערטער, די רוסישע בוכשטאבען זענען ארויסגעקומען פון די סלא־
ווישע, און די לעצטע זענען גענומען פון דער גריכישער שפראך.

81.

גוטענבערג, דער ערפינדער פון בוכדרוקעריי.

אין די אלטע צייטען האבען מענשען ניט געקענט דרוקען

ביכער; אַלע ביכער זענען געווען געשריבענע. איצט קען אַ דרוק־מאַשין אין איין טאָג אָבדרוקען פיעל הונדערטער עקזעמפּלאַרען פון איין און דעמזעלבען בוך. אין דער צייט, ווען אַמאָל פלעגט איבערשרייבען איין און דעמזעלבען בוך מוזען דויערן אַ יאָהר צוויי אָדער מעהר. ביכער איז געווען גאַנץ ווינציג; מענשען, וואָס זאָלען זיי קענען לעזען איז אויך געווען ווינציג. אַ פינסטערע און אַנ׳אויפגעלויפענדע צייט איז דאָס געווען. מען האָט אויך געפּרובט פערבייטען דאָס איבערשרייבען די ביכער דורך דרוקען אויפ׳ן פאָלגענדען אופן: אויסשניידען אויף אַ הילצערנעם ברעט אַ זייט שריפט, בעשטרייכען דאָס ברעט מיט פאַרב און אָבדרוקען אויף פּאַפּיר; נאָר די אַרט דרוקעריי איז געווען אוניגנסטיג.

און אָט איז אין דעם קאָפּ פון אַ מענשען איינגעפאַלען אַזאַ געדאַנק: אייסשניידען ניט ברעטער, וועלכע טויגען נאָר פאַר איין בוך, נאָר מאַכען בעזונדערע בוכשטאַבען, וועלכע מען זאָל קענען צוזאַמענשטעלען און פונאַנדערנעהמען; מיט זיי האָט מען שוין גע־קענט דרוקען פערשידענע ביכער. דער געדאַנק איז ווירקליך געווען אַ גרויסער; ער האָט בעשאַפען די בוכדרוקעריי.

יאָהאַן גוטענבערג, דער ערפינדער פון דער בוכדרוקעריי, איז געבאָרען געוואָרען מיט 500 יאָהר צוריק אין אַ דייטשען שטעדטעל מיינץ. ער האָט געהערט צו אַנ׳אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע. אין דער יוגענד האָט ער פיעל געדייזט, פיעל געלערנט און געוואוסט עטליכע מלאכות. ווי אַ געבילדעטער מאַן האָט ער הויך געשעצט די בילדונג; די אַרומיגע אונוויסענהייט האָט איהם זעהר געקימערט, און דער געדאַנק וועגען בוכדרוקעריי איז איהם פון קאָפּ ניט אַרויס.

און אָט די זאַך איז געוואָרען אַ ציעל פאַר זיין גאַנצע לעבען און איהם האָט ער אַוועקגעגעבען זיין גאַנצע צייט, קרעפטען, פעהיגקייטען און מיטלען. מען האָט געדאַרפט ניט נאָר אויסקלערען די אַרט דרוקעריי. נאָר אויך אַליין אויספיהרען אַלץ, וואָס ס׳איז נויטיג געווען צו דער אַרבייט: אויסשניידען בוכשטאַבען, צוגריי־

שען די מאַטעריאַלען אויף גיסען זיי, מאַכען פאַרב, א מאָדעל פון
אַדרוק־טיש (становъ). אַזוי ווי די ערפינדונג האָט געפאָדערט זעהר
פיעל געלד, וואָס גוטענבערג האָט עס געהאַט זעהר ווינציג, איז
איהם אויסגעקומען אַריינגעהן, אין געלד־בעציהונגען, מיט מענשען,
וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט זיין ערפינדונג צום אייגענעם ריוח.
ניט איין מאָל איהם אָבגענאַרט און די דרוקערייען אָבגענומען. ניט
ווינציג איז אויסגעקומען גוטענבערג'ן אויסצושטעהן צרות, רדיפות
און נאַרערייען. דריי מאָל האָט זיך איהם איינגעגעבען איינצוזאָרד־
נען דרוקערייען און דריי מאָל האָט ער זיי פערלאָרען. עטליכע
מאָל איז אויך זיין לעבען געשטאַנען אין געפאַהר; עטליכע מאָל
האָבען נידערטרעכטיגע מענשען געוואָלט צו'גנב'ענען און צו אייגע־
נען זיין גרויסען געדאַנק. מען האָט איהם ניט געגלויבט, בעשול־
דיגט אין כשוף, געשטערט אין זיין אַרבייט און חוזק געמאַכט פון
איהם. אַלץ האָט דער גרויסער מאַן איבערגעטראָגען: אי קעלט,
אי הונגער, אי שפּאָט—און דאָך האָט ער זיך זיינס דערשלאָגען;
בוכדרוקעריי איז פעסט געשטעלט געוואָרען. די גרויסע ערפינדונג
איז בעוואוסט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט. אומעטום האָט
מען אָנגעהויבען בוכדרוקערייען, דרוקען ביכער. ביכער איז געוואָ־
רען אַ סך ביליגער. די צאָהל פון קענער און געבילדעטע איז גע־
וואָרען אַ סך גרעסער. און דאָס האָט טאַקע געוואָלט גוטענבערג.
גיט אומזיסט, הייסט עס, האָט ער זיין לעבען פערבראַכט.

מענשען האָבען פערשטאַנען דעם נוצען און ריוח פון בוכ־
דרוקעריי. די בעזיצער פון די בוכדרוקערייען האָבען אָנגעלעבט
גרויסע געלדער, און דער גרויסער ערפינדער איז געשטאָרבען אַ
קבצן, איינזאַם און היימלאָז, און אַפילו זיין קבר איז ניט בעוואוסט.
נאָר די וויטערע דורות עהרען הייליג דאָס אָנדענקען פון די
גרויסע מענער, און גוטענבערגס נאָמען וועט אייביג בלייבען היי־
ליג און טייער ביי דער מענשהייט.

82.

די נגבה.

איף דעם יודישען בית־עלמין
קלינגען שווערדען, קלינגען שפּאַרען;
עס בעוועגען זיך זשאַנדאַרמען
ביי אַ וואָגען מיט אַנ׳אָרון.

עס איז ווייט נאָך האַלבע־נאַכט שוין,
און זיי קוקען, ווי געשפּענסטער *),
ווי זיי שטעהען און זיי קלאַפּען
ביי דעם קברות־מאַן אין פענסטער.

ווילד און גרוּויליך דורך די קברים
הילכט עס, טרייסעלט איף די לופט — —
די געהיימניספאָלע שטילקייט.
און אַ דונקלע שטימע רופט דאָ:

ניבער, ניבער, זשיד פערפלוכטער!
קום אַרויס און שטעל זיך גראָבען —
איידער נאַכט און שלאָף פערשווינדען,
מוזען מיר דעם קבר האָבען!

איידער נאַכט און שלאָף פערשווינדען,
איידער אויפשטעהן וועט דער מאָרגען,
מוז דער טויטער זיין אין קבר
טיעף פערשאָטען, טיעף פערבאָרגען!

*) אַ גייסטער

די לבנה קוקט אַרונטער
שטיל און טרויריג ווי אַנ'עדות,
זעהט די מענשליכע פערברעכענס,
הערט די שוידערליכע סודות.

קוקט אַריין דאָ אין דעם אָרון,
זעהט די בלוטיגע סמנים,
זעהט פערגליווערט דאָרט דעם טויט־שמערץ
אויף אַ יונג און איידעל פנים.

קוקט אַריין אין די זשאַנדאַרמען,
אין די חמורנע הערצער אָפּעז.
און עס גרוילט זיי, און זיי ריידען,
ווי פון אומעט שטיל געטראָפען:

„די לבנה ווערט אַלץ בלאַסער
און דער הימעל ווערט אַלץ רויטער —
באַלד דערוויסט מען זיך אין שטאָדט שוין,
אַז גע'גנב'עט איז דער טויטער.

„גיכער, גיכער, זשיד פערפלוכטער!
לאָז דאָס בלוט אין גרוב פערשטומען,
לאָז דיין רידעל עס פערקלאַפּען,
איידער העלער טאָג וועט קומען”!

פינסטער שטעהען זיי און קוקען,
ווי דער קברות־מאַן, דער יודעל
גראָבט דעם קבר, גראָבט און פלאַטערט.
טרעפט די ערד ניט מיט דעם רידעל.

פינסטער שטעהען זיי און קוקען,

װי די שאָטענס גוס'ען, שטאַרבען —
דורך די בױמער פון בית־עלמין
קוקט אַ הימעל פול מיט פאַרבען.

זוי אין קאַמפף מיט נאַכט און חושך
איז דער יונגער מאָרגען גובר,
און פערגיסט מיט ליכט דעם אָרון,
און פערגיסט מיט ליכט דעם קבר,

און פערגיסט דעם גאַנצען מזרח
מיט אַ פײער, מיט אַ רױטען.
און עס געהט זױ דורך אַ שױדער,
און זײ מורמלען אײנס צום צװײטען:

„נײע צײטען, נײע מעשים!
אונזער אַרבײט װערט שױן שװערליך!
זשידעס שרעקען אונז און סטראַשען,
טױטע װערען אונז געפעהרליך!

„הערסט דאָס ברומען פון די מאַסען,
פול נקמה, פאָהגען שװעבען, —
מיר, זשאַנדאַרמען, מוזען אױך שױן
אָפטמאָל צאָהלען מיט'ן לעבען!..."

ש. װאָלט

83.

די קיה־מעלקערין.

מען האָט זי גערופען טהיגאַטער, און געמאָלקען האָט זי איהר פאָטערס קיה.

ביז א געוויסער צייט האבען אפילו איהרע ברידער אויך גע־
מאלקען; דער פאטער אבער האט נאר געטרונקען פון איהר מילך.
י איז שטענדיג די פעטסטע און געשמאקסטע געוועזען. מען האט
עטווישט די קיה; עס האט ניט אויסגעמאכט, וועלכע טהיגאטער
האט געמאלקען, זי האט די בעסטע מילך געגעבען. און עס איז
נישט געוועזען אויס ליעבשאפט פון דער קוה — די קיה האבען זיך
פון אלעמען גאנץ גלייכגילטיג געמאלקען.
קיין כשוף איז אויך דערביי נישט געוועזען.
דעם סוד דערפון קען איך אייך אויסזאגען. נאר נישט איהר־
זאלט אייך אויסלערנען, אזוי מעלקען ווי טהיגאטער; פערקעהרט—
איהר זאלט וויסען ווי אזוי נישט צו מעלקען! ווייל טהיגאטערס
ברידער, וואס האבען ערגער געמאלקען, איז עס בעסער געגאנגען.
און די זאך איז א פשוטע: די קיה ווארטען אונגעדולדיג אויפ'ן
מעלקען. זיי ווילען פטור ווערען פון דער לאסט אין די אייטער,
ווייל זיי וויסען גאנץ גוט, אז זייערע קעלבער, אויב מען האט זיי
אפילו ניט געקוילעט, וועלען דערפון קיין טראפען מילך ניט בעקומען;
און נאך איידער מען קומט נאך זיי, שטעהען זיי אויף דער־
פאשע און קוקען אויס, מען זאל זיי אהיימפיהרען; זיי בלעקען
בעטענדיג זיך רחמים: פיהרט אונז אהיים און מעלקט אונז אויס!
און בשעת די קיה שטעהען און ווארטען, שטעלט זיך אב די־
מילך אין די אייטער, די וואסעריגע און שווערערע פאלט אראב,
די פעטע און לייכטערע הויבט זיך און שווימט ארויף אין די־
אייטער ווי בוימעל אויפ'ן וואסער.
דעריבער, ווער עס וויל האבען גוטע מילך, מוז געדולדיג זיין
און אויסמעלקען ביז צום לעצטען טראפען.
און אזוי האט טאקי געטהון טהיגאטער. איהרע ברידער־
אבער האבען גערעכענט, אז זיי זענען צו עפיס בעסערס בעשאפען,
אז זיי האבען רעכט עפיס מעהר צו פערלאנגען ווי קיה מעלקען...
זיי האבען אונגעדולדיג געצאלקען, צופריה אויפגעהערט און אהיים־
געברענגט וואסעריגע מילך.

טהיגאַטעער האָט וועגען רעכט ניט געטראַכט!

איינמאָל האָבען זיך די ברידער געשטעלט פאַר'ן פאָטער און פֿעראַנגט, ער זאָל זיי בעפרייען.

— וואָס איז?

— מיר ווילען געהן...

— וואו אַהין און וואָס וועט איהר טהון?

דער עלטסטער זאָגט:

— פאָטער, דו האָסט מיך אויסגעלערנט שיסען פון פיילע־בויגען; מיך ציהט דער וואַלד! איך וויל לעבען פון דער יאַגד אויף ווילד־פרעט, אויף מיין אייגענעם חשבון...

— מיך — האָט דער צווייטער געזאָגט — האָסטו אויסגע־לערנט פיש חאַפּען. אַ נאַר וואָלט איך געוועזען, איך זאָל בלייבען ביי די קיה. געשמאַק זענען די פיש און האַקען.

— דו — זאָגט דער דריטער — האָסט מיר געוויזען, גע־מען האַקט אויס בוימער. ווי מען הייבט זיי אויס און מען לאָזט זיך איבער'ן וואַסער. איך וויל מיר אַ שיפעל בויען און אוועק אויפ'ן צווייטען זייט טייך; די וועלט וויל איך זעהען נישט אין קיה־שטאַל די יאָהרען פערברייגגען.

— איך האָב מיך פערליעבט — דערצעהלט דער פערטער — איך וויל מיר אַ בעזונדער הויז בויען און מיט מיין געליבטער וואוינען בעזונדער, איך וועל מיר האָבען מיינע קיה און מיין טהיגאַטעער, וואָס וועט זיי מעלקען.

— און ווער וועט מיינע קיה מעלקען? — פרעגט דער פאָטער.

— טהיגאַטעער! — ענטפערן אַלע פיער.

דער פאָטער פערטראַכט זיך, און, אַ ווײַלע שפּעטער פרעגט ער:

— און ווי וועט זיין, אַז טהיגאַטעער, וועט מיך אויך פערלאָזען?

— זי וועט עס נישט טהון — ענטפערן די זיהן — דו האָסט איהר נישט געוויזען, ווי מען שפּאַנט אַ בויגען, ווי מען

האפט פיש, ווי מען האקט בוימער — — זי ביינקט נישט נאך עפעס בעסערס!

— און טאמער פערליבט זי זיך?

אצינד האבען זיך די זיהן פערטראכט און נאך א ווײלע ענט-פערן זיי:

— זאג איהר אז מען טאר נישט, אז עס פאסט ניט, אז דו אליין זארגסט פאר איהר. —

— יא — ענטפערט דער אלטער — טהיגאטעער פאלגט...

און טהיגאטעער איז געבליבען א קיה־מעלקערין...

(י. ל. פרץ. נאך מולטאטולי.

84.

דאס ארימע און רייכע קינד.

גרישע, א־נ׳ארים יונגעלע, לענט פאר דעם רייך מיידעלע טאניא׳ן, זיי זאלען זיך שפּיעלען אין „טאטע-מאמע״.

— עס איז אזא שען שפּיעל, נעהמט ער איהר ריהמען: ווערסט זעהן אזוי שען—דו ווערסט זיין די מאמע, און די ליאלקע וועט זיין דאס קינד. פערשטעהסט? דאס קינד וועט וויינען, ווערסטו זי אנזויגען...

— ווי אזוי זויגט מען אן א קינד? פרעגט טאניא פערוואונ-דערט—איך ווייס ניט, ווי אזוי.

— ווי אזוי? אט אזוי! גרישא צושפּילעט דאס העמדיל, לעגט צו די ליאלקע צום הערצעל און בעווייזט איהר, ווי אזוי מען זויגט אן דאס קינד.

— דאס טהוט דאך ניט די מאמע! קאן טאניא ניט פער-שטעהן: דאס טהוט דאך די אם, ליזא. די אם, וואס זויגט מאקס׳ן!

— דאס טהוט א מאמע! זאגט גרישא מיט א טאן פון א אויטאריטעט.

— און אז דאס קינד וועט שרייען, זאלסטו דאס אנפּאטשען

אט אזוי, זאגט ער איהר ווייטער און בעוויזט איהר, ווי אזוי מען פאטשט א קינד.

— ניט! טהו דאס ניט, פערקרימט זיך טאניא, און טרעה־רן שטעלען זיך איהר אין די אויגלעך: טהו דאס ניט, א רחמנות!...

א מאמע טהוט אזוי, גיט ער איהר צו פערשטעהן—דאס איז גאר ניט, דאס טהוט א מאמע...

— דאן, זאגט ער איהר ווייטער: זאלסטו אוועקלעגען דאס קינד אט אזוי... און ער צייגט, ווי אזוי אוועקצולעגען דאס קינד מיט כעס און מיט קללות...

— וואס איז דאס? פרעגט זי איהם, ניט פערשטעהענדיג די קללות.

— דו ווייסט ניט וואס „די ניכפה זאל איך אלע אויסחאפען" איז? דאס איז א קללה — גיט ער איהר צו פערשטעהן — אזוי שילט די מאמע.

— די מאמע זאגט דאס ניט, ענטפערט טאניא: די מאמע קושט מאקס'ן גוט אן און גיט איהם אוועק נאסטיא'ן. נאסטיא טראגט בסדר ארום מאקס'ן.

— ניין, ניין, איך ווייס בעסער! שפארט איבער גרישא: די מאמע זאגט דאס!

— נאכדעם זאלסטו נעהמען אט די בלעטלעך, ווייזט ער איהר אן אויף די גרינע בלעטלעך: דאס וועט זיין וועש, און זאלסט זיך נעהמען וואשען. זאלסט צושויבער'ן די האהר, צייגט ער איהר, אט אזוי זאלסט אויסשמירען די נאז, פערקאטשען די ארבעל. דאס וועט זיין א וואש־ברעטעל, און דאס — א וואש־ציבער דאס—דער איוועז. אויפ'ן איוועז זאלסטו ארויפשטעלען אט דאס דאס וועט זיין א וואש־קעסעל, און אט דא אין דער צווייטער זייט זאלסטו קאכען אנבייסען...

— דאס טהוט דאך גאר מאשא! פערשטעהט ווייטער ניט טאניא. זי קאכט און וואשט; און די מאמע בייזערט זיך גאר, שרייט, דאס אלעם...

— ניין, ניין, דאָס טהוט די מאַמע. איך ווייס בעסער, פערזיכערט גרישאַ.

— און אַט דאָ זאָלסטו לעגען די העמדלעך מיט די קנעפּלעך צום נייהען, ווייזט ער איהר אַן אויף אַ פּלאַ'ץ.

— וואָס מיינסטו? פרעגט איהם טאַניאַ איבער?

— העמדלעך נייהען. העמדלעך, אַ מאַמע נעהמט אַרויס העמדלעך פון פאַבריק. ווייסט גאָר נישט?

טאַניאַ ציהט אויף מיט די אַקסלען, — דאָס איז שען!

— און איך וועל אַוועקגעהן אַרבייטען, זאָגט ווייטער גרישאַ.

— דו מיינסט: אין קאָנטאָר, פערריכט איהם טאַניאַ.

— ניין, אַרבייטען; אַ פּאַפּאַ אַרבייט אין אַ פאַבריק.

און גרישאַ נעהמט אַ פּאַפּיר, וויקעלט איין אַ ביסעל גראָז. דאָס איז אַ שטיקעל הערינג מיט ברויט — זאָגט ער — דאָס נעהמט אַ פּאַפּאַ מיט אין פאַבריק איבערבייסען"...

— איבערבייסען עסט אַ פּאַפּאַ בראַטען, אייער, קאַווע און מילך אין עס-צימער, זאָגט טאַניאַ: דו האָסט אַטעות!

— ניין, איך ווייס בעסער, פערזיכערט גרישאַ.

— און דאָס וועט זיין אַ טיש, דאָס — אַ שטוהל, און דאָ וועלען מיר עסען, ווען איך וועל קומען צו מיטאָג, זאָגט ער איהר צולעצט.

ער געהט כלומר'שט אויף צו דער אַרבייט, זאַמט זיך אָב אַ ביסעל אין אַ ווינקעל, דאַן לאָזט ער זיך הערען, אַז ער קומט צוריק אַהיים.

ער נעהמט הוסטען, אַ טרוקענעם הילבערדיגען הוסט, שפּייט אוים די שליים אין הענדטיל, בעקוקט און וואַרפט אַוועק... ער לעגט צו דאָס רעכטע הענדטעלע צו דער ברוסט און פערקרימט זיך מיט אַ קרעכץ...

דערנאָך שטעלט ער אַ ביטערע מינע, געהט צו בייז צום טישעל, גיט אַרוק מיט'ן שטוהל, וואַרפט אַראָב דאָס קאַשקעטעל און זעצט זיך אוועק ברוגז.

— נו, וואו איז שוין ערגיץ דער אַנבייסען דיינער?! גיט ער אַ זאָג בייז.

די קליינע מאַמע קוקט איהם אָן צושראָקען.

ער שטעהט אויף, גיט מיט כעס אַ טופּע מיט'ן פיסעל. פערקריצט מיט די צייהנדלעך, די אויגלעך ווערען גרויס, פול מיט פייער.

— וואו איז דער אַנבייסען:? דו שטיק נאַרנישט! דו שפלה! דונערט ער מיט זיין קינדערשען קול'כעל, מיט כעס.

טאַניאַ נעהמט זיך קרימען, עס שטעלען זיך איהר טרעהרען אין די אויגלעך, און זי פּלאַצט אויס אין אַ געוויין.

אויף איהר געוויין, ווייזט זיך די ראַמע מיט'ן ווייסען פאַרטוך.

גרישאַ דערשרעקט זיך, חאַפּט דאָס קאַשקעטעל און נעהמט קלעטערן איבער'ן פּאַרקען. פאַר שרעק פאַלט ער אַריבער אויף די שטיינער און צוקלאַפּט זיך די זייטען.

ער שטעהט אויף מיט אַ געוויין.

— זי איז אַגרויסער נאַר, אַ קעלבעל. חליפעט ער וויינענדיג פון יענער זייט פּאַרקען, זיך האַלטענדיג ביים זייטעל: זי איז א נאַריש קעלבעל, זי ווייסט ניט ווי צו שפּיעלען זיך אין טאַטע-מאַמע!...

ב. שמואלזאָהן.

35.

מען וועקט.

איבער דעם קליינעם איינגעשלאָפענעם שטעדטעל שוועבט א העלע, פראָסטיגע ווינטער-נאַכט. די לבנה אין בלויען הימעל איז קיילעכדיג און ריין, אונ אַ בלייליכע, דינע ליכט דערפילט די לופט, און בעדעקט די קליינע, איינגעבויגענע הילצערנע

הייזלעך. אונ נאָר דער קוימען פון דער איינציגער גרויסער פאַב-
ריק אין שטעדטעל אונ דער הויכער טורם פון דער קירכע רייסען
זיך אין דער הויך אונ מאַכען שוואַרצע פלעקען אין דער רייגער
לופט.

אַ קעגען די טויזענדער שטערן, וואָס פינקלען אין רייגעם
הימעל, שיקען די געפראָרענע שניי-שטערנדלעך צוריק פון דער
ערד מיליאָנען שטראַהען, וואָס ציטער'ן אין דער לופט. די לופט
איז קאַלט, שטייף אונ רוהיג, עס בעוועגט זי נישט קיין מינדסטער
ריהר, אונ שטיל איז אַרום, די קליינע, הילצערנע הייזלעך בייגען
זיך צו צו-דער ערד, איינגעשלאָפען און פערחלומ'ט, און פון ווייערע
פענסטער קוקט אַרויס די שוואַרצע פינסטערניש. פון עפּיס אַ פענס-
טער שלאָגט אַרויס אַ שוואַכער ציטריגער שיין, און פון דאָרט דער-
הערט זיך טיילמאָל אַ וויינענדיג, דערשטיקט קול: אַ קראַנק קינד
וועקט זיך און וויינט. באַלד דערהערט זיך פון דאָרט דאָס גע-
קלאַפּ פון וויעגעל, וואָס בעוועגט זיך מיט אַ גלייכען טאַקט. דאָס
קול פערשטומט, דער נאָך אויך דאָס געקלאַפּ פון וויעגעל! און די
רוהיגע, פראָסטיגע נאַכט הערשט ווידער שטיל און רוהיג.

אונ פעסט אַרומגענומען פון דער נאַכט, שווייגט שטיל די
וועלט, אַ שטייגער, זי וואָלט מורא האָבען אַ מויל צו עפענען פאַר
דער שעגער מעכטיגער נאַכט-קעניגין; נור דער פערשייטער שטאָדט-
זייגער איז גישט איבערגעשראָקען. יעדעס פיערטעל-שעה קלינגט
ער אָן, און גיט איבער דער נאַכט אַ קורצען, לאַקאָנישען בעריכט,
ווי שפּעט ס'איז, ווי לאַנג זי, די נאַכט, האָט נאָך צו הערשען
איבער דער וועלט.

דער זייגער! — איהם קאָן שוין לאַנג די נאַכט פאַר אַנ'אַל-
טען מחוצף, דעם אֶמת אין די אויגען אַריין צו זאָגען. איהם, דעם
זייגער, האָט דער רייגער פערשטאַנד בעשאַפען, און האָט איהם
זיין געוועהר איבער געגעבען: 12 ציפערן, צוויי ווייזער אונ אַ גלאָק.

האָסט דיר די אויגען פערשמירט, ווילסט גישט זעהן —
שאַ הער!

— קלום... קלום... עס האָט פיער געשלאָגען. נאָר די נאַכט, ווי זי וואָלט קיין זייגער־לשון נישט פערשטאַנען, און ווי זי וואָלט איבערגעצייגט געווען, אַז זי וועט אויף אייביג הערשען — בלייבט ווידער שטיל, רוהיג און מאַיעסטעטיש.

מענשען שלאָפען שוין לאַנג מיט אַ פעסטען נאָך־האַלבען נאַכטיגען שלאָף, רוהען אוים די מידע ביינער און דעם דאַרען מח יעדער אויף וואָס ער קען: דאָס יונגוואַרג ליעגט אויף האַלב־צובראָכענע בעטלעך, צוגעריקט איינער צום אַנדערן, אום צו־דערוואַרמען דעם קאַלטען גוף, און דאָס אַלטוואַרג ציטערט אויף די אָבגעקיהלטע אויוועגס. אין יודישע הייזער איז דער אוווען לעער. פאַר דאָס ליעגען צוזאַמען געפרעסט, ווי סחורה אין אַ קאַסטען איינגעפאַקט, אין מאָדנע שלאָף ביינק פערוויקעלטע הענט־לעך און פיסלעך, עטליכע קליינע, בלייבע קינדישע פנימער קיקען אַרויס, און יאַרמעלקעס וואַרפען זיך דערנעבען אַרום, און אויף די אַלע פנימער, אין די בעטען און אויף די אויוועגס, אין יודישע און אין קריסטליכע הייזער, ליעגט אויסגעגאָסען עפּעס אַ מין צופרידענהייט, און מיט די נעזער שנאָרכען זיי אוים אַ לויב־ליעד צו דעם גוטען דערבאַרמהאַרציגען בעשעפער, וואָס האָט בעשאַפען פאַר זיי אַזאַ מין גוטע נאַכט, אַזאַ מין זיסען שלאָף.

אָח, מענשען אונגליקליכע! ווי גרוים אייער תענוג איז, אַז איהר האָט אַ רגע אויפגעהערט צו פיהלען שמערץ! ווי שווער איז אָבער דאָס גליק אייערם פאַר דעם, וואָס וואַנדערט ביי נאַכט ווען אַלע שלאָפען!

דער קליינער ווייזער פון שטאָדט זייגער רוקט זיך אָב פון דער 4 און געהט נעהנטער צו צו דער 5. פון די טרעפּ פון אַ גע־וועלב הייבט זיך אויף דער מאַרק־וועכטער, גענעצט אָב מיט אַ ברייט־אָפען־מויל און געהט אַהיים שלאָפען. דער רוהיגער לופט צוריעדעהט אַ שרייענדיגער „קוקעריקו״.

עס דאַכט זיך די נאַכט האָט אינגאַנצען אַ ציטער געגעבען: עס שרעקט זיך פאַר איהר סוף.

— קלום... קלום...— עס האָט 5 געשלאָגען.

און אין דער־זעלבער סעקונדע דערהערט זיך אַ לאַנג אויס־געצויגען פייפען פון דער פאַבריק. דאָס פייפען ציהט זיך דורך דער לופט, בעוועגט זי אין דער לענג און אין דער ברייט, און דרינגט אַריין דורך די פענסטער אין די שטיבער און וועקט:

— פססס... שטעהט אויף. מענשען שטעהט אויף צו דער אַרבייט!

אין עטליכע סעקונדען אַרום הייבט זיך דאָס יונגוואַרג אָן צו הויבען אויף די בעטען, דרעהען זיך נאָך עטליכע מאָל איבער פון איין זייט אויף דער אַנדערע, גענעצען און שטעהן אויף.

אַ יונגע מוטער, וואָס האָט נישט די אויגען געעפענט, חאַפּט איהר קינד אָנזייגען, שטופּט מיט געוואַלד דעם קינד די ברוסט אין מויל אַריין: דאָס קינד ברויך דאָס זייגען גענוג צו האָבען ביז 12, ווען זי קומט אַהיים אויף מיטאָג. דאָס יונגוואַרג וואַשט זיך איילענדיג. לעגט אין די טאַשען דאָס ברויט, וואָס ליעגט אָנגעגרייט אויף די טישען פון נעכטען.

די לופט אין דרויסען איז ווידער שטיל; און דער קירכע־גלאָק הייבט זי יעצט אָן צו בעוועגען.

גלייך און געלאַסען קלינגט ער; באַלד רופט זיך אָן אַ צוויי־טער, וואָס קלינגט נידריגער פאַר'ן ערשטען, נאָר גיכער, און די שטימען פעראייניגען זיך אין אַ טרויעריגער האַרמאָניע.

און דאָס קלינגען טראָגט זיך אין דער לופט, גנבעט זיך דורך די פענסטער אין די שטיבער אַריין און וועקט:

— קלום־קלום־קלום... קלום־קלום־קלום... שטעהט אויף שטעהט אויף מענשען גאָט צו דיענען!

עס רודעט זיך אויף די אויוועגס, די אַלטע קראַצען זיך געגעצען און שטעהען אויף.

אויף דער גאַס הויבט זיך אָן צו ריהרען. עס דערזעהען זיך

מענשליכע פיגורען: אַלטע אונ יונגע, מענער און ווייבער אײלען אין צוויי זייטען: די יונגע אין דער פאַבריק און די אַלטע—אין דער קירכע.

עס עפענען זיך די יודישע געוועלבער. דער שמש שלאָגט מיט'ן האַמער און וועקט דעם עולם דאַוונען. בעלי־מלאָכות מיט טלית אונ תפלין אונטער'ן אָרים אײלען אין בית־המדרש.

נאָך אין אַ צייט אַרום האָט דער שטאָדט־זייגער אויסגעקלונגען 7 און האָט פערצעהלט, אַז באַלד וועט די זון זיך בעווייזען.

און פון אונטער די נידריגע הייזער איז אַרוים די זון רויט און פריש, און האָט צושיטט אין אַלע זייטען ליכטיגע, דערקווי־קענדיגע שטראַהלען, אונ די שטראַהלען האָבען דורך־געוועבט מיט מאָרגען־ליכט די לופט, און דורך שויבען אין די שטיבער אריינגעשלאָגען און געוועקט:

— שטעהט אויף מענשען, שטעהט אויף צו דיענען זיך זעלבסט! הייליג איז דער מענש.

נור די שטראַהלען האָבען שוין קיינם אין בעט נישט געטראָפען, מענשען דיענען שוין לאַנג: ווער בײ לייטען, ווער בײ גאָט.

די זון האָט אַ בייזען בליק געוואָרפען אויף דער ערד און האָט זיך בעהאַלטען אונטער אַ שווערען וואָלקען...

ה. ד. גאָמבערג.

16.

דאָס שטאָלצע פערד.

(אַ משל.)

בעריהמט האָט זיך דאָס פערד אַ מאָל,
אויף זיין ווילדען פערדיש קול,

מיט זיין שענקייט און זיין קראַפט.
און זיין גרויסע בריהשאַפט.

„די גבורה מיינע וועט פערמאָגט, —
האָט ער זעהער שטאָלץ געזאָגט, —
שלעפּען קאָן איך לייכט און גוט.
שווערע לאַסט פון הונדערט פוד.
און איך וועט דערביי ניט מיד,
יעצט מיין שענקייט נאָר בעטראַכט,
איך בין געבויט שען אַ פּראַכט.
געטאָקט איז דאָך מיין איטליכס גליעד"

„יאָ, ס'איז וואָהר, דו ביזט שטאַרק.
האָסט אַ שטאַרקען פעסטען קאַרק, —
האָט דער פוקס געענטפערט באַלד
אויך איז אֶמת דו ביזט שען,
הויך געוואַקסען, ציכטיג, ריין.
האָסט אַ שטאַטליכעס געשטאַלט.
אָבער ברודער, אָט די מעלות.
אָט די אַלע זיסע יעלות,
וואָס ער ווערט האָבען זיי,
ברייגנסט נור נוצען פרעמדע לייט.
מיט דיין גבורה, טאַפּפערקייט.
אַליין בעקומסטע אַ ביסעל היי.

וואָס נוצט דיין גבורה און דיין מאַכט.
וואָס נוצט דיין שענקייט און פּראַכט,
ווען דער שכל פעהלט דערביי,
בעקומסטו נאָר אַ ביסעל היי.

ש.....

TOLEDO OHIO LIBRARY